STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08455

KOYEKH FUN GLOYBN

I. Manitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. מאַניטש

★

כוח פון גלויבן

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער
מיטהילף פון דזשוינט אין פּאַריז.

י. בראַניטש

כוח פון גלויבן

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תשכ"ח—1968

I. MANITCH

KOÏAKH FUN GLOÏBN

(*POWER OF FAITH*)

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby Str. Tel-Aviv Israel

י. מאַניטש / כוח פון גלויבן
פאַרלאַג י. ל. פרץ תל־אביב רח׳ אלנבי 31

פּולער – יצחק כייטמאן

©

נדפס בישראל תשכ״ח
Printed in Israel 1968

דפוס רויאל בע״מ רמת־השרון

אינהאַלט

קאַפּיטל איינס	דעם רבינס ברכה	9
קאַפּיטל צוויי	פאַרגאַנגענע יאָרן	26
קאַפּיטל דריי	חשד...	32
קאַפּיטל פיר	אַ שרייבער אין וואַלד	37
קאַפּיטל פינף	שוחט אין ווישעגראַד	41
קאַפּיטל זעקס	דער שוחט משה חיים	49
קאַפּיטל זיבן	די יונגע אלמנה	60
קאַפּיטל אַכט	אברהמעלעס שטראָף	66
קאַפּיטל ניין	טראַגעדיעס ביי גבירים	72
קאַפּיטל צען	מענדל יאַפּאַנטשיקס זין	83
קאַפּיטל עלף	שרעק און ווונדער	86
קאַפּיטל צוועלף	סוגעסטיעס און איבערקערענישן	91
קאַפּיטל דרייצן	טויט און לעבן	100
קאַפּיטל פערצן	חשבון מיט דער צייט	110
קאַפּיטל פופצן	בערל בנימינס	116
קאַפּיטל זעכצן	צוויי זקנים	121
קאַפּיטל זיבעצן	מאַכעלע	124
קאַפּיטל אַכצן	חצי שיעור	128
קאַפּיטל ניינצן	רב אברהמעלעס שטוב	135
קאַפּיטל צוואַנציק	טאַבעלע	157
קאַפּיטל איין און צוואַנציק	ביי ר׳ יוסף מלמד	160
קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק	אַ קורצע צונג וואָס איז נאָך אַלץ צו לאַנג	167
קאַפּיטל דריי און צוואַנציק	קומט אַ מגיד אין שטעטל אַריין	171
קאַפּיטל פיר און צוואַנציק	צוויי רבנישע אייניקלעך	174
קאַפּיטל פינף און צוואַנציק	אַ נאַכט אין שול	183
קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק	וואָס קען אַ מענטש וויסן?	189
קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק	דער טויט פון צוויי חברים	195
קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק	אַ מאָלער איז ער נישט געוואָרן	198
קאַפּיטל ניין און צוואַנציק	הויף־פּאָליטיק אין שטעטל	208
קאַפּיטל דרייסיק	ר׳ לייבעלע דעם חפץ־חיים׳ס	211
קאַפּיטל איין און דרייסיק	עילוי און קונדס	216
קאַפּיטל צוויי און דרייסיק	מלחמה	226
קאַפּיטל דריי און דרייסיק	די דראָזשקע און פערד	232
קאַפּיטל פיר און דרייסיק	שדים אין גערער שטיבל	236
קאַפּיטל פינף און דרייסיק	דער נס מיט די גזלן	257
קאַפּיטל זעקס און דרייסיק	דער געראַנגל	260

* *

*

דאָס בוך „כוח פון גלויבן״, האָב איך גענומען שרייבן שוין אין מיינע עלטערע יאָרן, ווען אַ סך פון מיין טאַטנס אוצרות זענען שוין פון לאַנג פאַרלוירן געגאַנגען.

זעקס ברידער זענען מיר געווען — פינף זענען שוין לאַנג אויפן עולם האמת. דריי פון זיי זענען מיט זייערע משפחות אומגעקומען; די אַנדערע צוויי — ווען זייער צייט איז געקומען.

אַזוי בין איך היינט דער לעצטער עדות פון מיין טאַטנס היים, אין דער שטאָט ווישעגראָד, ביי דער ווייסל, וווּ מיין פאָטער איז נפטר געוואָרן זעקס טעג נאָך מיין מוטערס טויט אין חנוכה, תרפ״ב.

אַזוי איז אויף מיר אויסגעפאַלן דער גורל צו שילדערן מיין טאַטנס געוועזענע היים, וווּ ער האָט געלעבט צווישן חסידים, יראים ושלמים, צוזאַמען מיט אַלע דאָרטיקע יידן, זייער נוסח, שטייגער און התנהגות.

צום ווויל פון אונדזז קינדער, האָט דער פאָטער אונדז געלערנט וועגן דעם געדרייטלטן פאָדים (חוט המשולש) פון מענטשלעכן דאַזיין: נישט פאַרגעסן דעם באַשעפער, דעם ברונעם און דעם גרוב.

דאָס בוך „כוח פון גלויבן״, טו איך ווידמען מיין זון שמחה יהודה הלוי נרו יאיר, דער ייִנגסטן און איינציקן פון אונדזער אַלטן שטאַם וואָס איז געווען פאַרוואָרצלט אין דער טיף, וואָס זיינע צווייגן האָבן געשאָטנט אין אונדזער עבר צו הויכע הייכן.

יהי רצון — דער אַלטער שטאַם זאָל ווידער באַנייט ווערן מיט גרינעם צוויט.

אין דעם בוך ריזלט דאָס פאַרגאַנגענע לעבן מיטן נוסח פון אַמאָל — נישט געפאַרבט און נישט געשמינקט.

דאָס לעבן אין דעם בוך איז פול מיט ראַנגלענישן, וואָס לייטערן און דערהייבן.

דער מחבר

קאַפּיטל איינס

דעם רבינס ברכה

ר׳ אברהמעלע, מקורב אין גערער הויף, קוקט מיט חידוש ווי עס ציטערט זיין קוויטל אויפן רבינס האַנטפלאַך, ציטערט — און עס נעמט גאָר קיין שיעור נישט.

דאָס וויגט זיך דער גורל זיינער אויף דער וואָגשאָל — טראַכט ער — און אַ פּחד פאַלט אויף אים.

ווי לאַנג איז דען ווען ער איז געווען מיטן רבין אויף דו, געלערנט צוזאַמען און ער, אברהמעלע, איז אויך געווען שאַרף? אָבער דער רבי, זאָל לעבן, האָט שוין דעמאָלט ארויסגעוויזן גרויסקייט, שוין געהאַט זיין אייגענעם וועג אַרויסצובריינגען פון פאַרבאָרגענישן ווו נאָר אַ פּונק; שוין דעמאָלט געשריבן מיט ביידע הענט צוויי פאַרשידענע טעקסטן פאַר פּשוטע און פאַר יודעי־חן.

היינט שטייט ער פאַר אים מיט דרך־ארץ און זעט בחוש ווי די שכינה רוט אויף אים. ער איז — אין דעם צווייפלט ער אַ האָר נישט — דער צדיק הדור און עס איז נאָר געוועןדט צי דער היינטיקער דור וועט ראוי זיין.

א וווּנד פון רבינס האַנט רייסט איבער אברהמעלעס געדאַנקען:

— נאָר פּרנסה, יראת שמים ברויכסטו נישט?

אברהמעלעס אויגן ווערן פאַרלאָפן מיט טרערן:

— שווער דאָס לעבן פאַר די היימלאָזע צען קינדער. אַ דירה אין ענגשאַפט, רבי, אפשר פאַרט האַנדלען? פּרובירן נאָכאַמאָל און יאָ מצליח זיין?

— פאַרוואָס זיך נישט ווענדן צום הימל גלייך, אברהמעלע? יידן וואָס וואַלגערן זיך אין די פּריוטן איז פיל ערגער און צום הימל בעטן זיי — קייקלט זיך דעם רבינס זיפץ פון דער שאָטינער, געדיכטער באָרד אראָפּ און ס׳ציטערט דין דעם רבינס קול:

— הום... זאָל השם יתברך ד׳יר העלפן, האַנדל און זיי אָסטראַזשנע!

★

אין דער קאַלייקע צוריק פון גער טראַכט אברהמעלע וועגן דעם מיין פון וואָרט „אָ ס ט ר אָ ז ש נ ע". געדענקט ער דאָך און ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אויסטערלישן פאַל מיטן לאָטעריע־צעטל, ווען ער האָט פאַר־שפּילט דאָס גרויסע געווינס; מיט די אייגענע הענט פאַרשפּילט, ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם רבינס מיין.

דאָס איז געווען נישט לאַנג נאָך זיין קרוינונג, ווען ער האָט ממלא־מקום געווען זיין הייליקן פאָטער, דעם „שפת אמת" זצוק״ל.

געקומען אַהיים פון גער איז ער אַן אויפגערוימטער. אַן אומבאַקאַנט ליכט האָט פון זיינע אויגן אַרויסגעשטראַלט:

— פרעגסט, ביילע, וואָס מיט מיר איז דער מער? ער זאָל לעבן האָט געהייסן קויפן אַ לאָטעריע־צעטל. „קויף — מאַכט ער צו מיר — אַ לאָטעריע־צעטל, אברהמעלע, וויבאַלד די השגחה וויל, קען מען מיט איינס און צוויי געהאָלפן ווערן".

כהאי לשנא!

דאָס מיינט, ביילע, מיר וועלן בעזרת השם זוכה בגורל זיין, אונדזער פערל תחי׳ וועט נישט אַריינפאַלן אין בוגרתשאַפט. וואָרים דעמאָלט, מוז מען דאָך אפילו א ספר תורה פון היכל פאַרקויפן און ראַטעווען... יאַ באַ ביי! יאַ באַ ביי! — פויקט ער מיט די פינגער איבערן טיש און זינגט זיך צו, טראַכטנדיק פון רבינס ווונטש וואָס וועט אָט־אָט מקוים ווערן. די השגחה לענט אונטער דעם געפּאַלענעם, טוט זיך נישט אָפּ פון דעם גלויביקן.

פלוצלינג דערמאָנט זיך אים זיין טאַטנס ענטפער — דער מאַמען, ווען ער, אברהמעלע, איז נאָך א קינד געווען:

— פרנסה איז א הימלזאַך, רביצין. בעט ליבערשט אונדזערע קינדער זאָלן זיין אין אָרעמקייט, וועלן זיי בלייבן ערלעכע יידן.

די דערמאָנונג דערשרעקט אים, שטעלט זיך פאַר זיינע אויגן, ווי אַ בלינד פענצטער, לאָזט קיין ליכט נישט צו.

— אוי, טאַטעניו אין הימל! — ראַנגלט ער זיך שוין מיט דער עצבות

וואָס איז אים פּלוצלינג באַפאַלן און ס׳רייסט זיך אַרויס אַ ברומעניש און ווערטער:

— אוי, יאַ באַ ביי! אוי, יאַ באַ ביי!

★

מענדל נאמן, דער איינציקער קאַלעקטאָר אין שטעטל ווישעגראַד, איז געקומען מיט זיין ווערטל: „אַז מען רופט מיך, בין איך דאָ!"

— האָט איר אַ לייטיש צעטל, ר׳ מענדל?

— האָב איך דען נישט? — ענטפערט ער מיט א פראַגע — מיט אייער האַלב צענטעלע וועט איר היינט זיין אַ שותף מיט פּיוויש יאַסקען.

מענדל כאַפּט אַ קוק אויף אברהמעלען און ענדערט גלייך דעם טאָן — אפשר מיינט איר אַליין אַ צענטעלע? כ׳זע דאָך ווי איר זענט היינט אויפגע־רוימט.

פון דער האַנט איבערן טיש הויבן זיך אונטער נערוועזע פינגער און לאָזן זיך צוריק אַראָפּ מיט טענצלדיקע, פלינקע קלעפּלעך:

— אַ גאַנצן לאָס האָט איר נישט? איך גיי ברוך השם אויף א זיכערער בריק!

זיינע גרינלעכע אויגן פארמרוזשעט, קוים וואָס זיי לאָזן דורך זיין בליק צווישן די שמאָלע שפּעלטעלעך:

—נו, נו, ר׳ מענדל?

פון גרויס חידוש וועגן רוקן זיך מענדלס אויגן נאָענט צום נאָזביין, שיקלען:

— זיך נישט גערעכט... טאַקע... כ׳מיין... אָבער וואָס איז דער „נו" אייערער?

דווקא האָב איך צוויי לאָסן! איינעם האָט באַשטעלט שמואל קצב און איר האָט די ברירה אויסצוקלייבן. אָט־דער ענדיקט זיך מיט אַכצן און דער־אָ מיט צוועלף. פאָלגט מיך, נעמט דאָס מיט צוועלף, פאָלגט מיך, נעמט דעם מיטן צוועלף! איר וועט מצליח זיין — נעמט דעם לאָס מיט צוועלף!

—דאָס מיט אַכצן איז מיר מער צום האַרצן. איר פאַרשטייט, ר׳ מענדל?

וחי בהם... נאָך דער ציונג קומט, זייט מוחל, גאַנץ פרי, וועלן מיר מיטן איבערשטנס הילף טרינקען לחיים.

✶

צומאָרגנס נאָך דער ציונג פעדערט זיך אברהמעלע מיטן אויפברוך פון טאָג, טרינקט ביוואָרקע, דאַוונט אינדערהיים ביחידות, טרעט נישט אָפּ פון פענצטער און ווערט נישט מיד אויסצוקוקן די אויגן אין וואָרטעניש.

אין די מיטאָג־שעהן ווערט זיין געדולד אַלץ שוואַכער. רעדט ער שוין מיט זיך אַליין און שטאַרקט זיך: מענדל, קען זיין, איז פאַרנומען, פּלוצלינג וועט ער א כאַפּ טון די קליאַמקע און אריינפאַלן.

אַ מענטש מוז האָבן געדולד, אפילו ווען דאָס געמיט גייט שוין איבער. בטחון אין דער אמתן איז אַ גרויסער נסיון. אוודאי וועט ער קומען: ער ווייסט דאָך שוין, איילט ער זיך נישט...

צוריקגעשמועסט, רעדט ער שפּעטער אויפן קול — לשם התחזקות — למאי איז ער נישט אָפּגעטרעטן, האָט ער נאָך נישט די ידיעה?

לאַנג האָט אָנגעהאַלטן און זיך געצויגן דער שמועס מיט זיך אַליין: אַליין געפרעגט, אַליין געענטפערט — און די צייט, ווי געוויינלעך, איז קוים אַוועק.

און מענדלען זעט מען נישט.

מנחה־צייט צעעפנט ער ברייט דאָס פענצטער, כאָטש אין דרויסן איז קאַלט, פאַרקוקט זיך צום הימל און די בליקן בלאָנדזשען אַרום כסדר אויף דער ערד.

און מענדלען זעט מען אַלץ נישט!

ער שפּרייזט האָסטיק איבער דער שטוב — צום פענצטער און צוריק — דער כוח פון אומגעדולד לאָזט אים נישט איינרוען.

שוין ברומט דער טרויער, אויפגעקומען מיטן זונפאַרגאַנג, און ווידער באַמקעט די גרויסע פרייד, ווען די זון שיינט אויף צוריק. אָט די פרייד וויל ער מיט אַלע כוחות פאַרהאַלטן, פאַרציען, אין פויסט איינקלאַמערן, אויסדענקען ביזן סוף: נאָכן אַוועקלייגן דאָס שחיטות וועט ער אינגאַנצן אַוועק פון ווישעגראַד, די העק, דערציען די קינדער אין פרומקייט, אויסגעבן זיי בכבוד און דערנאָך... דער געדאַנק רייסט זיך אים איבער, פאַרשווינדט...

מענדלען זעט מען נישט.

דעם קליינטשיקן יאָסעלע, וואָס טענצלט אים נאָך הין און צוריק איבער דער שטוב, דערלאַנגט ער אַ פּעטשל, אזוי זיך, חיבה יתירהדיק.

— האַ? וואָס מיינסטו, לאַבאַסל, ס׳וועט גוט זיין?

מענדלען זעט מען נאָך אַלץ נישט.

ווען דער אָוונט איז שוין צוגעפאַלן, האָט אברהמעלע אריינגעשלונגען דעם מעריב אין שטאָק פינצטערניש, בשום אופן נישט געוואָלט אָנצינדן ליכט, געוואָרט אויף מענדלען און נישט געוואַקלט זיך — ער וועט קומען!

און מענדלען זעט מען נישט!

געקומען איז מענדל קאָלעקטאָר שפּעטלעך אין אָוונט א צערויטלטער, האַלב בגילופין פון די היפּשע לחיימס ביי שמואל דעם קצב, שטיל זיך צוגע־שאַרט צו אברהמעלען און געפּליסטערט הייזעריקלעך:

— שמואל קצב האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס מיט אייער צעטל. אַז כ׳האָב אייך געבעטן נעמען דעם לאָס מיטן צוועלף, ווי ביי א גזלן זיך געבעטן, און איר האָט זיך איינגעשפּאַרט. שמואל קצב האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס מיט אייער לאָס, יאָ, מיט אייערן, וואָס איר האָט באַדאַרפט שפּילן, טאָקע דעם מיטן צוועלף, דעם־אָ וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט איינס און צוויי...

מילא, וואָס ס׳האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטון — מאָלט אייך אַליין. קיינמאָל וועט אברהמעלע נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן אויסטערלישן צופאַל און דאָס וויינען בדמעות שליש, שוין נישט אזוי צוליבן פאַרשפּילן דאָס גרויסע גע־ווינס — בידים פארשפּילט — ווי איבער זיך אַליין, וואָס האָט גוט פאַרשטאַנען דעם רבינס ברכה, נאָר דעם מיין, דעם רבינס איידעלן ווונק, אז איינס און צוויי מיינט צוועלף — דאָס האָט ער נישט פאַרשטאַנען.

ווען די קאַלייקע איז אָנגעקומען קיין וואַרשע האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף:

— וואָס מיינט **אַ ס ט ר אָ ז ש נ ע**?

דער רבי, זאָל לעבן, האָט געזאָגט — האַנדל. דאָס מיינט, פשוט, זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, נישט מער זיין משועבד צו קהל און נישט מוזן אויסשטיין ר׳ דודלס נגישות ביים ווייזן אים די חלפים צוויי מאָל אַ וואָך.

האַנדל, דאָס מיינט זיין ווי אַלע יידן, מיט עול תורה באַזונדער און עול פרנסה באַזונדער, נישט נכנע זיין אַ ליאַדע וועמען. דאָס מיינט אויך מוזן ווידער אַמאָל אָנקומען צו הענעכן נאָך אַ גמילת־חסד.

איין איינציק מאָל וואָס זיין שוואָגער, הענעך שאַפּיראָ, דער גביר האָט אים אויף די פיס דערהאַלטן, אָבער נישט אויף די פיס געשטעלט. דאָס איז געשען נאָכן גרויסן נס פון זיין באַפרייט ווערן פון מאָדלינער פעסטונג.

דער קאַמף האָט דעמאָלט געפלאַקערט אַרום דעם טייך בזורע, וועלכער פאַלט אַריין אין דער ווייסל פיר וויאָרסט פוןווישעגראַד. טאָג און נאַכט האָבן זיך געצויגן אָבאָזן אַרטילעריע, קאַוואַלעריע און פיעכאָטע פון ווייסל־שטרייך צום פלאַצקער וועג אַוועק.

דער פראָנט איז געשטאַנען אונטער דער נאָז און יידן, באַהאַלטענע אין געמויערטע הייזער, האָבן שוין קיין כוח נישט געהאַט אויסצוווייגען דעם תהלים. שראַפּנעלן האָבן געהודזשעט מיט מאוימדיקע סווישטשן, פאַרסמט די לופט אויף וויאָרסטן אַוועק. איטשע באָקס, מענדל נאמנס איידעם, איז פאַרשלעפּט געוואָרן מער נישט צוריקצוקומען. דער פרומער כיל פון אילאָ־ווע, וואָס פלעגט צעקייען יעדעס אות ביים תהלים־זאָגן, האָט ביים ליכט נעבן פענצטער אויסגעזען, ווי אַ טאַנצנדיקער שאָטן, און דערפאַר דערשאָסן געוואָרן ווי אַ שפּיאָן וואָס גיט איבער צייכנס פאַר די דייטשן. דער דריטער קרבן איז שמחה בלאַכאַרזש, ספּודניק בעקערס זון. מ'האָט אים פאַרהאַלטן מיטן קעסטל כלים אינמיטן העלן טאָג און אויפגעהאָנגען אויפן לאַמטערן אין מיטן מאַרק.

אברהמעלע שוחט האָט צעטיילט זיין הויזגעזינד: דריי עלטערע קינדער איבערגעלאָזט אין ווישעגראַד; די מוטער מיט זיבן קינדער באַגלייט קיין פראַגע צום שוואָגער, איטשע מאיר טענענבוים.

ווען ער איז עטלעכע טעג שפּעטער צוריקגעקומען, איז שוין קיין איינציקער ייד נישט געווען אין שטעטל. קוים באַוויזן מיטצונעמען נייטיקע זאַכן, אין וועלכע, אָן זיין וויסן, ס'האָבן זיך געפונען צוויי קליינע חלפים.

דער שכן, מאַרטשעק, האָט אים צוריקגעפירט קיין וואַרשע.

אויפן גרויען טאָג, נישט ווייט פון נאָווידוואָר, ווערט דער וואָגן פאַר־האַלטן: דער וועג איז נישט פאַר ציווילע! פאָר צוריק צו דער בריק און פאַרנעם זיך דאָרט אויף לינקס.

מאַרטשעק באַוויזט קוים אָפּצועטעמען א צופרידענער. מיט א מאָל כאַפּט ער זיך, אַז ער פּאָרט אויפן פאַרבאַטעמעם שטח פון דער מאַדלינער פעסטונג.

זעלנער, אומעטום זעלנער, קוקן נאָך דאָס הוידלדיקע פורל מיט אומ־הימלעכע בליקן. ווייזן די ציינער.

— פאַרבלאָנדזשעט, גוטע מענטשן, לינקס פון נאַווידוואָרער בריק אַהער פאַרקראָכן — שטאַמלט דער גרין געוואָרענער מאַרטשעק.

— אַרונטער פון וואָגן, דו און דיין זשידעק! די זאַכן איבערלאָזן!

פיר שעה זענען זיי געפירט געוואָרן אין בלאָטעס ביז צום קאָמענדאַנט. די אויספאָרשונג וועגן די צוויי חלפים האָט געדויערט דריי וואָכן. אברהמעלעס בטחון איבערצוהאַלטן און באַפרייט צו ווערן, האָט אים געגעבן כוח אַריבער־צוטראָגן אַלע יסורים.

אין יעדער רגע קען אַ נס געשען!

— איך בין נישט קיין שפּיאָן, איך בין אַן ערלעכער מאַן, איך בין אַ זשעזאַק.

דער קאָמענדאַנט, אַן אויסגעצויגענער פּאַרשוין מיט קליינע אייגעלעך און אויפגעשטעלטע האָר ווי ביי אַ יעזש האָט מער נישט אויסגעהאַלטן:

— פירט אים אַוועק דעם שפּיאָן, אַ סוף זאָל עס נעמען!

— דער זשידעק איז נישט קיין שפּיאָן, קאָמענדאַנט — האָט זיך אָנגערופן אַן עלעגאַנטער הער אין ציווילע קליידער, וועלכער איז נאָר וואָס אַריינגע־קומען — דאָס האָט דער טייוול אים פאַרטראָגן, פאַרבלאָנדזשעט.

— מיט אייער דערלויבעניש, עקסעלענץ, דאַרף איך אויפקלערן, אַז מיר האָבן געפונען ביי דעם שפּיאָן כלי־זין: צוויי שאַרפע מעסערס — האָר צו שפּאַלטן. שוין דריי וואָכן אין מוטשעניש און דער טייוול האַלט זיין צונג.

— ער איז אַ זשעזאַק, נישט אַ שפּיאָן.

דרייט זיך אויס צו אברהמעלען:

— וויפיל קינדער האָסטו?

— צען קינדער, גענעראַל!

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך בין אַ גענעראַל?

— דער אמת פון דיינע רייד, גענעראַל!

מ׳האָט געברענגט בעלי־בתים פון זאַקראָטשים און פון נאַווידוואָר גוט צו

זאָגן פאַר אים און ער איז באַפרייט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, פלעגט ער פאַר־ענדיקן דעם סיפור המעשה, דער גענעראַל איז נישט געווען קיין פשוטער...

✶

געקומען אַהיים, צום הויזגעזינד, האָט געדויערט אַ שטיק צייט ביז ער איז געקומען צו זיך. נאָכדעם אַוועק צום שוואָגער, העגעך שאַפּיראָ, דעם גביר פון גראַניטשנע גאַס, לייען אַ גמילת־חסד אויף אַ דירה — און געלט צום האַנדלען.

— געלט אויף אַ דירה, פאַרשטיי איך — האָט העגעך געצויגן די ווערטער — אָבער וואָס מיינסטו מיטן וואָרט האַנדלען? דו קענסט דען האַנדלען? מיט וואָס, אדרבה, ווילסטו האַנדלען? טויגסט דאָך נישט דערצו, פאַרוואָס רייסטו זיך? דיין גורל, אברהמעלע, איז צו זיין אַ שוחט, נישט קיין סוחר. וויפיל מאָל האָסטו שוין פּרובירט און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט פאַרקערט?

אברהמעלע איז אַוועק, געפילט זיך ווי ס'וואָלט אים ווער דאָס בלוט געצאַפּט: מיין ג ו ר ל! ווער און וואָס איז מיין גורל? באשר כ'בין געווען אַכצן יאָר שוחט אין דעם העק ווישעגראַד? דערווייל זענען די קינדער אונ־טערגעוואַקסן. וואָס וועט זיין דער תכלית פון גאַרנישט טון, אונטערגעבן זיך דעם גורל?...

די קליינע דירה פון צוויי צימערלעך מיטן ענגן קעכל, האָט אים פונדעסט־וועגן צופרידנגעשטעלט. איבער אים האָט געוווינט דער סקערגיעוויצער רבי, אַ הדרת־פּנים מיט פייערדיקע אויגן, און דער לענטשיצער רב, דער באַרימ־טער חבד״ניק.

געדאַווגט האָט ער אין גערער שטיבל אויף גענשע גייגצן און זיך דער־וואָרבן גוטע ידידים. איינער פון זיי האָט אים אַ פרעג געטון וועגן פּרנסה:

— זעסטו, ווען דו וואָלסט געבאַקן מצות־שמורה, וואָלטן אַלע חסידים געקויפט ביי דיר. אַ גביר — נישט, אָבער פּרנסה וואָלסטו ווי ס'איז אַרויס־געשלאָגן.

באַלד מישט זיך אַריין אַ צווייטער:

— איך פאַרשטיי דיך נישט, ווי קענסטו יוצא זיין און לאָזן צורו דיין רייכן שוואָגער. וואָסי? וועסט אויפעסן אַליין אַלע מצות?

אַ וווּנדער! דאָס מאָל האָט העגעך נישט אָפּגעזאָגט. געטראַכט: א מסחר

נישט אויף לאַנג, אויסטערלישע פּאַסירונגען וועלן נישט פּאַרקומען.

מיט דער גרויסאַרטיקער הלוואה האָט אברהמעלע געקויפט צוואַנציק זעק מעל, פיר נוליקע, געדונגען אויף דריי חדשים א געוועלבל אויף דער טוואַרדע, אַריינגעשטעלט אַ טומבאַנק מיט אַ וואַגשאַל און באַשטעלט ביי אַ קופּער־שטיכער אַ מעשענע מצה, פיין אויסגערעדלט, מיט אויפגעבלאָזענע, שיין צוגעברוינטע בלעזעלעך — אַ מייסטערווערק. אברהמל האָט אויפגעהאָנגען די מצה אין שויפענצטער לשם רעקלאַמע.

אין די ערשטע ניסן־טעג איז דאָס געוועלבל פול געווען מיט מצות־שמורה, דיקלעכע, אמתע עוגות־מצות, נאָר קיינער האָט נישט געוואָלט קויפן: א שיינע מעשה, ברעכן אַזעלכע מצות — וועלן ס׳ערשטע די ציין זיך ברעכן...

פון די צוויי זעק אויף ערב־פּסחדיקע שמורה, זענען די מצות אַרויס נאָך דיקער.

אַז ס׳איז קיין מזל נישטאָ!

חדשים לאַנג נאָכדעם ווי אברהמעלע איז רייך געוואָרן, האָט מען אין שטוב נאָך אַלץ נישט געקענט פּטור ווערן פון די עוגות־מצות, אמתע קוכנס. מ׳האָט זיי געגעסן געבראָקט, שפּעטער האָט מען די מצות געשטויסן אין גרויסע, הילצערנע סטאַמפּן אויף מעל, אויסגעטראַכט אַלערליי פּאַטראַוועס, פאַרשידענע מינים קניידלעך און מצה־בריי׳ס — אַזוי לאַנג, ביז דעם אויבערשטנס גאָב איז געוואָרן אויפגעגעסן ביז אַ בלעזל. אז ס׳איז קיין מזל נישטאָ!

ווידער אַמאָל האָט אברהמעלע זיך געראַנגלט מיטן גורל און נישט בייגעקומען אים; ווידער מוז ער אָנקומען צו הענעכן.

אָנקומען? — מבשרך אל תתעלם! — וועט ער אים זאָגן — מיין נישט אַז געלט איז די גאַנצע וועלט. עס קומט אַמאָל א צייט, ווען געלט העלפט נישט.

צוריק געשמועסט, טראַכט אברהמעלע: אפשר איז הענעך גערעכט אַז מען טאָר זיך נישט איינעקשענען, כאָטש דער רבי האָט אים בפירוש געהייסן, זיין ברכה געגעבן?

אין גרויסן פּאַפּיר־געשעפט אויף גראַניטשנע, רייסן די קונים פון די הענט. נישט אַ בלויען, נאָר א שוואַרצן בלייער וויל ער האָבן.

— א טינטער ברויך ער, הערט זיך אַ נערוועז מורמלען. פאַרשרייב איך נישט באַלד, פאַרגעס איך אַלע נשאַר חייב׳ס.

דעם פאַרשוין, וואָס קויפט אַ ריזל פּאַפּיר און קאָלירטע אַבלאַשקעס, וואָלטן אַלע צעריסן — אַ שרעק ווי לאַנג ער באַלעמוטשעט...

דערזען אברהמעלען, האָט הענעך איבערגעלאָזט די קונים.

— געלט, מהיכאַ תיתי, וויפיל דו וועסט נאָר דאַרפן. ס׳איז גאָר עפּעס אַנדערש, אַז דער רבי האָט געהייסן. זאָג מיר נאָר: מיט וואָס גייסטו האַנדלען?

אברהמעלע ווערט געפּלעפט, ער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן.

— איך אַליין ווייס נישט. דעם מיין פון „אָסטראָזשנע" בין איך אַלץ נישט דערגאַנגען.

— דערפאַר האַלט איך זאָלסט פאָרן צו ברוכן אַן עצה האַלטן. ער האַנדלט מיט אַלצדינג, ער איז דיר אַ שוואָגער פּונקט ווי איך. איך קום דיר אַנטקעגן מיט געלט, זאָל ער דיר העלפן מיט עצות!

✶

דאָס פאָרן צו ברוכן קיין אָסטראָלענקע איז אברהמלען נישט געווען צום האַרצן. ברוך איז אַ קל, א פריילעכער קבצן. מיט זיינע גרויסע, צעעפנטע ברוינע אויגן זעט ער אַלץ, און ברויכן ברויכט ער גאָרנישט. שטענדיק איז ער פריילעך, נישט וויל אָרעמקייט אַרט אים נישט, נאָר וויל עגמת־נפש העלפט אים נישט. „גיי מאַך! — וואָס קענסטו מאַכן?" — גייט נישט אַראָפּ דאָס ווערטל פון זיינע ליפּן. הייגט האַנדלט ער מיט שמאַטעס. נו, איז וואָס? פון שמאַטעס מאַכט מען פּאַפּיר און ביכער צו קענען שרייבן חשבונות. שפּעטער ווערט פון דעם אַלעם צוריק שמאַטעס, אַ מין גלגל החוזר. און ס׳דרייט זיך אַ גראָשן.

שוין אין שעדלעץ, ווו אברהמעלע האָט חתונה געהאַט, האָט ער געליטן פון ברוכן אין לשער. ער האָט גערעדט צו אים ווי אַ געכאַפּטער: דאָס דאַגהנען אויף נאָך דער קעסט איז אַ ריינער שטות. דאָס לעבן לעבט זיך אויס ווי עס איז און ווען ס׳קומט די צייט — לעשט עס זיך אויס אין איין רגע...

✶

אין דער באַן לויפן די מחשבות פלינקער ווי געווינטלעך. ער איז דער איינציקער ייד אין וואַגאָן. איינגעקוועטשט ביים פענצטער, זעטיקן זיך זיינע אויגן מיט אויסטערלישע זעונגען. ער זעט ווי דער הימלקייליעך, אין דרויסן, קרייזט אַרום זיך אַליין. רחבותדיקע פעלדער און פליינען דרייען זיך אין קאַראַהאָד און ס׳זעט דער מענטש, דער וואָס וויל זען, די אייביקע באַוועגונג פון מעשי בראשית, דעם טראַנס פון נייעם שאַפן און ווערן. אָט אַנטלויפן דיביימער און די ערד אונטער זיי לויפט מיט. פּלוצלינג פאַרטונקלט זיך דער הימל, עס רוקן זיך אָן שווער־געמיטיקע בערג, כמורנע און צאַרנדיקע רוקן זיי זיך שטאַר און שטום אַוועק.

נייע לאַנדשאַפטן קומען אָן און פאַרשווינדן — שנעלער ווי דאָס אויג קען אויפכאַפּן.

אַ רייך דאָרף טענצלט אַנטקעגן פרום, פאַרגלאָצט צום גרויסן ווונדער: בייכיקע הייזער, יחסנטעס, מיט פאַרריסענע געזימסן און רייך געשניצטע באַלקאָנען חנדלען זיך צו דער זון, און זי, די זון, אַ צעפלאַמטע, לאָזט זיך אַראָפּ נידעריק איבער בערג און ווערט נעלם. אַ שעמעוודיק דערפל ראַטע־וועט זיך געשווינד מיט זיינע דאַרע־קוואַרע הייזקעס און לאָזט איבער קופּעס טרויער... אויף אַ ווייטער, שטילער לאָנקע אַמפּערן זיך קי וועגן תכלית פון בהמהשן לעבן, שמיצן מיט די ווידלען: מע... מע... און פאַרשווינדן.

וווהין לויפט זי, די וועלט? צוליב וועלכן צוועק איז זי באַשאַפן?

פּלוצלינג קומט אים אויפן רעיון דער ציל פון ז י י ן רייזע צו ברוכן און נישט וויסנדיק, נישט ווילנדיק, רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ שטילער זיפץ:

— אוי, אָסטראָזשנע...

עס ווערט אַ טומל. פּאַסאַזשירן וואַרפן זיך צו די פענצטער. איינער, מיטן ווייזפינגער צו דער רעכטער שלייף דייט אָן מיטן בליק אויפן זשיד דעם „וואַריאַט"...

אברהמעלע כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ קאָשמאַר, וואָס עפּעס אָסטראָזשנע פונקט אויף אַ האַלבן וועג צו אָסטראָלענקע? ליכטיק ווערט אים אין די אויגן — געפאַקט! די העלפט פון אָסטרעלענקע מיינט: אָ ס ט ר אָ, פעלט נאָר דער מיין פון: „ראָזשנע".

✶

— אָ וואָ, וועמען זע איך דאָ? — שטאָלפּערט אָנטקעגן אַ נידעריקער ייִד מיט פאַראַפּיעטע אויגן, אַ קורצזיכטיקער.

— ביסט שוין לאַנג אין גער נישט געווען, נתן נטע, שוין יאָרן דיך נישט געזען.

— בייס נישט, אברהמעלע. דיך אַליין זעסטו יאָ? וואָס טוסטו הי?

— געקומען זען מיין ברוכן און אביסל — די וועלט.

— וואָס מיינט ביי דיר זען די וועלט? ייִדן פאָרן אין דער וועלט אַריין און פאָרן אָפּ די פּאָר יאָר. ביטול־תורה איז גאָרנישט?

— מיך וועסטו נישט פּאַקן. ביי אונדז האָט מען געלערנט אין קיין פאַל זיך נישט אויפּקאָכן. פּרנסה איז קריעת ים סוף. וחי בהם...

דערמאָנט זיך וועגן לאָטעריע־צעטל, פאַרקוועטשט ער די אויגן נישט איבער צו גיין — נו, כ׳בין געקומען זיך אַרומזען וועגן מסחר, ער זאָל לעבן האָט מסכים געווען.

— הער אַ מעשה, וואָס פּלאָנטערסטו מיט דער צונג? וועלט־שמעלט: זאָג דו ביסט געקומען האַנדלען, ווי עס זינגט זיך אין לידל: ראָזשענעס מיט מאַנדלען.

— כ׳שלאָג דיר איבער די רייד, ווער האָט דאָ ראָזשינקעס צו פאַרקויפן?

— האָט ער אַ שלעפּ געטון דעם פאַראַפּיעטן ביים אַרבל און איז בלאַס געוואָרן.

— וואָס עפּעס ראָזשענעס, כאַפּ־לאַפּ? פאַרוואָס אַנטלויפסטו? גיי אַריין צו חיים דודן — שרייט ער אים נאָך, ווען אברהמעלע איז שוין הענדום־פענדום געווען ווייט אַוועק.

— געפּאַקט דעם מיין פון אָסטראָזשנע! האָט זיך דאָס בלוט צעזונגען אין אַלע זיינע אברים. אָסטראָלענקאָ — „אָסטראָ״, — ראָזשינקעס — „ראָזשנע״.

✶

די ערשטע דריי פּוד ראָזשינקעס האָט אברהמל איינגעהאַנדלט ביי חיים דודן, דעם גערער חסיד. געמיינע ראָזשינקעס, פאַרלעגענע, פאַר־מלחמהדיקע.

— פאַרשטייסטו מיך, אברהמעלע — האָט חיים דוד אים מסביר געווען —

בעת די פינצטערע מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָבן זיך דאָ פֿאַרהאַלטן צענד־ליקער פּראַכטוואַגאָנען מיט ראָזשינקעס. אַלע זענען דעמלט אַרומגעלאָפן איינצוהאַנדלען סחורה פֿאַר די אָפּגעשפּאַרטע רובלס, ווו איינער האָט געקענט. ראָזשינקעס האָט מען געקויפט בחצי חינם. געמיינט, די וועלט וועט אפשר אונטערגיין און מיר דאָ אין אָסטראַלענקאָ וועלן האָבן מיט וואָס צו לעבן. איך, ווי דער שטייגער ביי אַן אָרעמאַן, האָב געקויפט די לעצטע דריי פּוד, די געמיינסטע. אַזוי ליגן זיי אין די זעק און פוילן. ווער ברויכט היינט ראָזשינקעס, אז אויף קלעבעכץ־ברויט איז נישטאָ? וואָס ווייסט דו? — פֿאַר האַלב קרן וואַלט איך זיי פֿאַרקויפט.

איציקל פעפער איז גלייך געקומען צו לויפן מיט פרימאַ ראָזשינקעס, גאָלדענע סחורה, עכט בעסאַראַבישע.

— איך האָב קיין דאגה נישט, געהאַלטן ניין חדשים, וועל איך וויטער האַלטן. אונטערן קרן וועל איך נישט פֿאַרקויפן!

זיינע שוואַרצאַפּלען ווערן גרויס, שטאַרצן אַרויס, די אויגן־הייטלעך נעמען ציטערן, ווידער לאָזט ער אַראָפּ פּראָצענטער...

אין שטעטל איז געוואָרן אַ קאָך: עפּעס אַ וואַרשעווער, געקומען קויפן ראָזשינקעס, נאָר גיט אים סחורה פֿאַרן האַלבן קרן. מענטשן האָבן זיך דער־נומען פון אַלע געסלעך, אויסגעגאַנגען פאַר אַ שטיקל מקח.

— סטייטש, רב ייד, מ׳האָט איך אָפּגעשונדן. איר זענט קיין סוחר נישט

— מיינע ראָזשינקעס זענען די בעסטע אין שטאָט און איך פֿאַרקויף צום ביליקסטן.

— הערט אים נישט, דעם פּראָכאָוויניק, דעם צדיק אין פּעלץ, וויפל ער וועט ביטן, וועל איך פֿאַרקויפן ביליקער!

איינער מיט אַ קוויטש־קולכל האָט זיך קוים צוגעריסן:

— איך בין נישט קיין גערער חסיד, דעריבער זענען מיינע ראָזשינקעס קיין ראָזשינקעס נישט? ביי מיר קענט איר האָבן אויך שאָפּטאַלן, צימע־רינג, נעגעלעך; אַלערליי געווירצן וואָס איר ווילט נאָר — נו?

אין געציילטע טעג איז אברהמעלעס געלט שוין געווען אויסגעבאַטלט.

צו הענעכן האָט ער אָוועקגעשיקט אַ שנעלבריוו:

„גיסי ותומך ידי, חנוך נ״י.

כ׳האָב מיטן פאָרן קיין אָסטראָלענקאָ געפונען דעם מיין פון אָסטראָזשנע.
דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געזען אויפן וועג איז נישט צו באַשרייבן. ווונדער איבער ווונדער! דער מענטש וואָס ווערט צו אַלעם צוגעווינט, רופט אָן די אַלע ווונדער מיט דריי אותיות — ט ב ע. אין דער אמתן איז די טבע אַליין אַ ווונדער — ווער האָט זי באַשאַפן, די טבע? ווער פירט אָן מיט איר?

אויפן וועג האָב איך געזען מיט מיינע אויגן ווי עס ווערן באַנייט די מעשי־בראשית אין יעטוועדער רגע. בערג טאַנצן ווי די ווידערס און ס׳ קומען נייע בערג אַנטקעגן.

אַזוי אויך הייזער, ביימער, מענטשן און בהמות. נאָר אויף דעם פרייען פעלד הערט מען דאָס געזאַנג פון ברכי נפשי... דעמלט טאַקע איז מיר געוואָרן ליכטיק מיט אַ ליכטיקייט וואָס האָט מיך צעטומלט און באותו רגע דער־הויבן. כ׳האָב געפונען דעם מיין פון אָסטראָזשנע און געקויפט האָב איך ראַזשינקעס בחצי חינם. דער מיין פון רבינס וואָרט איז: „אָסטראָ״ און „ראָזשנע״, וד״ל.

כ׳בין פול מיט גלויבן צו געפינען אין דעם מסחר הצלחה רבה. דער עיקר וואָס כ׳שרייב צו דיר איז וועגן זשירעס, דאָס הייסט זאָלסט אונטער־שרייבן מיינע סוחרימס וועקסעלעך, כדי כ׳זאָל קענען איינקויפן וואָס מער וכל המרבה וועט מער מצליח זיין...״

הענעך האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן. די סוחרים האָבן געהאַלטן אברהמלען אַליין פאַר אַ בטוח און ער אַליין האָט אונטערגעשריבן.

אין בית־מדרש האָט מען געבטלנט — ווייס איך וואָס, צוליב וואָס אַ שטיי־גער ברויכט אַ ייד אַזויפיל ראָזשינקעס?

אַנדערע האָבן דעם ענין אויסגעטייטשט מיט שכל:

די מלחמה, קען זיין, דערנענטערט זיך צום סוף און וואַרשעווער פיפיקע סוחרים דערשנאַפּן די ערשטע.

מיט אַ טאָפּלטן וואָגאָן ראָזשינקעס פון אַלערליי סאָרטן און קאַנטן איז אברהמעלע צוריקגעקומען קיין וואַרשע, ווי אַ זיגער פון שלאַכטפעלד.

★

אין פירקאַנטיקן הויף אויף פּאַוויע, שטייט אַ קליינע דירה, האַלב אין

קעלער, און גלאָצט מיט אירע פענצטער ווי אַ בלינדער מיט די אויגן־וויסלעכצער צום פאַרמויערטן דרויסן. פּירקאַנטיק איז אויך דאָס גרויע שטי־קל הימל אינעם הויף. נאָר היינט האָט דאָ אַריינגעפּראַלט די ברענענדיקע זון, צעשפּאַרט אַלע מויערן און ווענט — און ליכטיק איז געוואָרן אין אַלע ווינקע־לעך.

נאָכן אָפּלאָדן די זעק מיט ראָזשינקעס האָבן די עלטערע זין צוגעהאָלפן מישן די געמיינע מיט די גוטע, פּאַקן אין נייע זעק און אויפשטאָפּלען זיי אין משה ביאַלאָבזשעסקערס שפּייכלער, זאַק איבער זאַק.

אָנגעפּילט דעם שפּייכלער ביז צום לעצטן זאַק, זאָגט אברהמעלע: „געננוג! מיר האָבן געטון דאָס אונדזעריקע, דאָס איבעריקע פאַרלאָזן מיר זיך אויף אים, ברוך הוא. שוין צוויי וואָכן אַ ספר אין האַנט נישט געהאַלטן. פּרנסה איז טאַקע שווער, אָבער זי טאָר נישט צונעמען דאָס גאַנצע לעבן".

עס זענען שוין אַוועק פיר וואָכן און ר' אברהמעלע זיצט על התורה מיט התמדה. די מאַמע קומט אַריין אַ פאַרוויינטע: אַלע זעק זענען געלעכערט, נייע זעק, און קיין מייז זעט מען נישט... וואָס וועט זיין דער תכלית פון אויסליגן?

— ביסט אפשר גערעכט,ביילע, דיינע רייד זענען אפשר אַ סימן, אַז איך מעג שוין זוכן אַ קונה — ענטפערט אברהמעלע אַ פאַרקוקטער צום הימל און זיינע אויגן ווערן פייכט.

נאָכמיטאָג איז ער אַוועק צו די נאַלעווקעס זוכן באַקאַנטע.

— איך וויל קויפן אַ פּוד ראָזשינקעס!

— אַ פּוד ראָזשינקעס איז היינט אַ גוזמא. אדרבה, שאַפט מיר אַזאַ מקח וועל איך פאַרדינען שיינע קערבלעך.

— פאַרדינען קערבלעך, מעקלערײַ, פון איין פּוד, דאָס איז דאָך נישט געהערט געוואָרן?

— נישט געהערט געוואָרן?... און ראָזשינקעס זענען נישט בנמצא. אָנהויב קריג איז דער פּרייז געשטיגן פיר און צוואַנציק מאָל אַזויפיל. ווייסט איר דאָס?

אַהיים האָט אברהמעלע געשוועבט ווי אין חלום: געוואָרן אַ גביר, דעם רבינס ברכה איז באמת נישט אָפּצושאַצן!

אין שטיבל פרעגט ער זיך נאָך אויף מעקלערס — ראָזשינקעס האָט ער.

— אַ געזונט אויף אייך! אייער בחורל טראָגט זיך אַרום מיט פולע קעשע־נעס ראָזשינקעס, טיילט אַלעמען און קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט דערויף.

אַ נידעריקער ייד, אַ דיקלעכער, מיט אַ הויכן שטערן, אַ שוואַרץ־גרויע געדיכטע באָרד, לאַנגע ברעמען, בייזלעכע, קומט אַריין קוליעוואַטע — איין פוס נידעריקער פון צווייטן, זעצט זיך צום טיש, שמועסט אין לערנען, טרינקט טיי גלאָז נאָך גלאָז — וואָס איז דען דאָס געאייל? אַזאַ מסחר אַנטלויפט נישט!

פאַמעלעך נעמט ער אַרויס אַן אויפשטעכער פון קעשענע, גייט געלאַסן מיט אברהמעלען אין שפּייכלער, שטעכט אַריין אין זאַק, אַ צווייטן, באַטראַכט שטרענג מיט אַרויפגעהויבענע ברעמען דעם גלאַנץ פון די ראָזשינקעס, זייער זאַפטיקייט, די גרייס פון די קערנדלעך אינעווייניק און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— צו הויך אייער פּרייז. קוים זעקס מאָל אזויפיל. האָט איר אַ כוח צו ביטן... איי, איר זענט גאָר קיין סוחר נישט, הערט מיאָך וואָס יאַך זאָגאַך...

אַנדערע זענען געקומען, זיך געדונגען און ס׳האָט שוין געהאַלטן ביי אַכצן.

— צי נישט איבער דאָס שטריקל, אברהמעלע. געסט דיר נישט אָפּ קיין דין וחשבון פון גרויסן נס. ווי לאַנג וועסטו טריצן? די סחורה איז נישט פון בעסטן סאָרט, די וועקסלען רוקן זיך אונטער...

— דאָס געהערט נישט צו מיר, ביילע. וואָס שייך קוואַליטעט — דער וואָס האָט געזאָגט אייל זאָל לייכטן, קען אויך באַווייזן אַז די סחורה איז אַ גוטע.

אינערלעך האָט עס אין אים געקאָכט, געברענט ווי פייער: ווער קען וויסן וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען?...

ענדלעך איז געקומען ר׳ דוד הערש, אַ הויכער, בלאָנדער ייד, מיט האָרנ־ברילן, וועמען אברהמעלע האָט באַקענט ביי פּאָליאַקעוויטשן אויף די נאַלעוו־קעס. דער ייד האָט געגייט זעקלעך פאַרן רוסישן מיליטער און איז שטאַרק רייך געוואָרן.

ר׳ דוד הערש איז אָפּגעהיט מיט יעדעס וואָרט און אַ טבע האָט ער — אָנצוהויבן א מסחר ביים סאַמע סוף.

— דער היינטיקער פּרייז איז איין און צוואַנציק, פּאָלגט מיך, קלאַפּט צו. מעקלעריי וועל איך האָבן פון קונה — זאָל זיין מיט מזל!

ביים אָפּוועגן האָט אברהמעלע געמורמלט פּסוקים פון הלל, געווישט די אויגן, זיך באַהערשן נישט געקענט.

ראשית כל האָט ער אָפּגעגעבן מיט אַ ברייטן יישר־כוח הענעכס גמילת־חסד, באַצאָלט אַלע וועקסעלעך און געפּאָרן גלייך קיין גער, ווו אנשי שלומינו האָבן געטרונקן מיט אים לחיים. מעד האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

ער האָט אויפגעהויבן די הענט מיט שבחים צום הימל דערפאַר וואָס ער וועט שוין נישט זיין אונטערגעוואָרפן קיינעם און קיינמאָל נישט; נישט דאַרפן מער אָנקומען נאָך עצות און אויסגעווייניטע טובות. עס וועט נאָך בלייבן געלט צום האַנדל. אָבער האַנדל מיינט: „געווין אָדער פאַרליר". שטענדיק מוז מען האָבן אַ סך געלט אין באַרעס.

ביילעס אויגן זענען פול געוואָרן מיט גרויסע פּערל, טרערן זענען דאָס געווען — טרערן פון פרייד און פון שרעק, לאַכנדיקע און וויינענדיקע פאַר אַ מאָל. זי האָט נישט געקענט באַהערשן דעם אויפברויז פון איר צערו־דערט געמיט: ווידער איז ער סוחר און פאַרנעמט זיך גרויס. ווער ווייסט, וווהין ער וועט אַוועק? זינט זי קען אים, קעמפּט ער קעגן גורל און... פאַרשפּילט.

קאַפּיטל צוויי

פאַרגאַנגענע יאָרן

עס מישן זיך זכרונות, קומען אויף ווי שנירלעך ליכטיקע פּערל. אַנדערע, דורכגעשטרייפטע מיט אומעט און צווייפל, מיט געשפּאַנטע טריט איבער תהומות.

דאָס שעדלעצער מיידל איז צוריקגעקומען פון וואַרשע מיט אַ שיינעם יוגנט־טרוים. געווען אין פּוילישן און אין יידישן טעאַטער, באַקענט זיך דאָרט מיט א יונגן יידישן שרייבער, וואָס זאַמלט יידישע פאָלקס־ווערטלעך און מעשיות, דערפילט דעם טעם פון גרויסשטאָטישקייט.

— שוין צוויי וואָכן — פאַרטרויט איר די מוטער ווי אַ סוד — פאַרזוימט זיך דער טאַטע אין גער. ער האָט פאַר דיר אַ שידוך מיט דעם פּולטוסקער רבס זון, אַן איידעלער יונגערמאַן, אַ גרויסער לערנער, דער נאָענטסטער חבר פון „שפת־אמת״ זון, אברהם מרדכילע. דאָס איינע נאָר — שעפּטשעט זי שטילער — וואָס דער מחותן פאַרלאַנגט צופיל נדן, און קעסט פאַרלאַנגט ער אַזוי לאַנג ווי דער חתן וועט נאָר וועלן.

דאָס מיידל איז אויפגעשפּרונגען:

— רעד מיר נישט פון שידוכים, מאַמעשי! כ׳בין יונג, כ׳וויל נאָך לערנען און געניסן!

—ביילע, אַ יידישע טאָכטער מעג דען אַזוי רעדן? וואָס ווילסטו נאָך לערנען? קענסט פּויליש, רוסיש, פון יידיש און העבעריש איז אָפּגערעדט. מר בר רב אשי ווילסטו ווערן? איך, אין דיין עלטער, האָב שוין געהאַט שרה פייגלען. ווי באַלד פון דעם שידוך וועט ווערן, ווער וועט קענען צו דיר זיך גלייכן? ווייסטו ווער עס איז דער פּולטוסקער רב, טאָכטער מיינע? אַ שידוך איז אַ מזל־זאַך.

— דער פּולטוסקער רב, מיט זיין זון, גייען מיך נישט אָן. אויף אַזאַ מזל —

אַריינצוקומען אין דער חסידישער וועלט אַרײַן, זיין אַ פרעמדע דאָרט און פאַרלירן זיך — וואָרט איך נישט.

— דאַרפסט נישט וויינען, נאַרעלע, וועסט זיך צוגעוווינען. מיט מיר איז אויך אַזוי געווען...

שפּעטער מיט צוויי טעג איז אַהיימגעקומען רב לייבוש שאַפּיראָ, דער חסידישער גביר פון שעדלעץ, און מיטגעברענגט יום־טוב אין שטוב אַריין:

— מזל טוב! אסתר מלכה, די ראשי פּרקים זענען אונטערגעשריבן. די תנאים, אם ירצה השם, וועלן מיר שרייבן אין חופּה־טאָג. גיי ווינטש דבורה ביילען מזל טוב.

— לעבעש, וואָס רעדסטו? די קינדער דאַרפן זיך פריער נישט זען?

— זיי וועלן זיך זען אין חופּה־טאָג. גיי אַריין צו דבורה ביילען.

— לעבעש...

— וואָס לעבעש? מירביידע האָבן זיך יאָ געזען פאַר דער חופּה? האָסטו שוין פאַרגעסן ווי איך בין שטיין געבליבן פאַרן באַדעקנס און נישט געקענט אַראָפּציען צוריק דעם שלייער? „נו... נו..." נונעט דער בדחן, אונדזערע ביידנס אויגן האָבן געפינקלט ווי רובינען...

— איך געדענק עס: כ'האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט דעם וואַרשעווער בחור אַזאַ הויכן מאַן מיט ברייטע שולטערן. פאַר דיינעטוועגן האָט דער טאַטע, עליו השלום, אוועקגעגעבן אַן עשירות...

— יידענע, ביסט שוין ווידער אַרויסגעפאָרן מיטן רייכן נדן? דאָס איז געווען דערפאַר וואָס איך בין אַ הויכער און דו — אַזאַ קליינינקע... ביי אונדזערע קינדער איז פאַרקערט...

— וואָס רעדסטו, לעבעש? דער טאַטע, יאָסעלע ענזעלעס, איז געווען באַ־קאַנט ביז אין טיפן רוסלאַנד מיט זיינע פּאָדריאַדן אויף מיליטערישע קליידער, שאַסייען און בריקן. דער לעצטער פּאָדריאַד איז געווען שוין נאָך אונדזער חתונה. האָסט זיך אַיינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט פאַרקויפן דער רעגירונג אונדזער קאָמעניצע אויף דער קוואָר־גאַס. דיר איז נישט אָנגעגאַנגען דער באַנוועג ביז סאָקאָלאָוו־פּאָדליאַסק. דער פּראָצעס שלעפּט זיך נאָך ביזן היינ־טיקן טאָג. האָסט איבערגענומען אַלע קאָנטראַקטן, געלייגט ס'לעבעדיקע אויפן טויטן, מעשה גביר. אין דער אמתן, לעבעש, ביסטו אַ גביר קיינמאָל נישט

געוועז. כאָטש עס דרייען זיך נאָך אויפן הויף אינדיקעס און אין קעלער ליגן אַלטע ווײַנען פון אַמאָל... ביי דיר האָבן די געשעפטן זיך גוט געדרייט און מיט אַ מאָל שטיין געבליבן.

רב לייבוש האָט מיט ביידע הענט אַרומגענומען זיין שוואַרץ־גרויע, לאַנגע באָרד, אין זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פלעמעלעך:

— קומט דיר אַ רעשט... איז דען היינט אַ זמן דערויף? ווי אַזוי אַ יידענע צערעדט זיך דאָס! גיי, זאָג איך דיר, רוף אַריין דבורה ביילען!

✶

אין חופה־טאָג האָט די כלה נאָר געוויינט, געבעטן דער קאָשמאַר זאָל נישט וואָר ווערן.

איר מוטער איז אַרומגעגאַנגען מיט שטומען צער, דאָס האַרץ פאַרקלעמט:

— מיין אָרים קינד, געדאַרפט זיין שטאַרקער און נישט צולאָזן. וואָס דיין טאַטן פאַלט אין קאָפּ אַריין! שטאַרק זיך, טרינק די פּאָר שליק, ווי וועסטו אויסהאַלטן און מיט וואָס פאַר אַ פּנים צו דער חופה גיין?

די כלה האָט נישט געענטפערט. אויסגעדרייט מיטן פּנים צום מרה־שחורהדיקן, וויינענדיקן דרויסן, האָט זי געבליצט מיט אירע אויגן צום וויטן חשכות: — אַנטלויפן, ווו די אויגן וועלן פירן!

אַ גרויס געפּילדער ווערט אין הויף, מיט רעש קומען די פּולטוסקער מחותנים, צוזאַמען מיט רביים, רבנים, חברים: רב אברהם מרדכילע, דער זון פון „שפת־אמת"; דעם חתנס עלטערער ברודער, גרשון, פון ווישקאָוו; משה יוסף, חיים לייב און טוביהלע דער יינגסטער — אַלע מיט צעפּאַטלטע בערד קעגן ווינט, מיט ברייטע שלום־עליכמס. די זון האָט שוין גענייגט זיך צו מערב.

גרשון, דער עלטסטער ברודער האָט א שאלה — און מיט רוגז אין קול — דער חתן וויל „שויען" די כלה.

ס׳איז גלייך־אַזוי — האָט דער מחותן, דער פּולטוסקער רב, געענטפערט מיט אַ שמייכל. נאָך מער, ס׳איז אַ חוב. נאָר די טיר דאַרף בלייבן אָפן. איילט זיך קינדער, ס׳ווערט שפּעט!

די כלה איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אַ לייכטן ציטער...

ווי לאַנג האָט דאָס געדויערט, אַ מינוט? אַן אייביקייט? דעמלט האָט זי נישט געוווּסט, אַז דאָס איז איינס און דאָס זעלבע...

— איך וויל גלויבן, כלה, מיר וועלן זיך זיין געטריי.

— זאָלן מיר האָפן, חתן. דאָס לעבן פאַרמירט זיך, ווי דער מענטש פירט זיך. פרייער אויסוואַל, נישט אמת? זיך אויפפירן גוט, וועט דאָס לעבן זיין גוט.

— איך בין איבערראַשט פון אינס שיינקייט.

— דער חתן איז יונג...

צו דער חופּה איז די כלה געגאַנגען מיט אַ גרינג געמיט: נישט קיין נאַר, ער זעט אויס אויך אַ גוטער.

שוין לאַנג האָבן שעדלעצער יידן אַזאַ חתונה נישט געזען. גוטע־יידן, רבנים, חסידים און נגידים, ליכט אין די גאַסן, ווי אין העלן טאָג, מיט מזל טוב־ווונטשן און שטורקאַצן ביז צום הימל אַרויף. צווישן די דרשה־געשענק איז אויך געווען אַ לאַנגע ליולקע מיט אַ מונדשטיק פון זעלטענעם ביין. באַלד נאָך די שבע ברכות האָט זי געדינט אברהמעלען פאַר אַן אָנשפּאַר, פאַר אַ שטעקן צו קענען שטייגן אויף טרעפּ. דער יונגער פרוי איז נישט געפעלן געוואָרן אַז איר מאַן, קוים אַכצן יאָר אַלט, זאָל קלעטערן ווי אַ זקן, זיך אָנשפּאַרן אויף דער ליולקע און שטאָלפּערן. עס איז איר אויך נישט געפעלן געוואָרן וואָס דער מאַן רופט איר נישט ביים נאָמען, נאָר דרייט זיך אויס צו דער וואַנט — הער נאַר!

דבורה ביילע ענטפערט נישט.

— הערסט נישט?

— איך הער יאָ.

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט?

— מיין נאָמען איז דבורה ביילע. אַזוי איז פאַרשריבן אין דער כתובה.

אברהמעלע האָט נאָכגעקלערט און אַ זאָג געטון: מילא.

— נישט מילא, נאָר ביילע! ביילע הייס איך פאַר דיר און פאַר אַלע — איינמאָל פאַר אַלע מאָל!

מיט דער ליולקע איז עס צוגעגאַנגען שווערער.

איינמאָל, אין אַ כמורנעם נאָכמיטאָג, זעט די באַלעבאָסטע אַן אַלטיטשקן

מאַן שטיין ביי איר אין שטוב נעבן דער ליולקע, וואָס איז אָנגעלענט ווי אַ ביקס אָן דער וואַנט.

דעם אַלטיטשקנס גערונצלטער שטערן גלאַנצט, ווי געשייערט קופּער, די גראָע באָרד צעכוואַליעט, זיינע אויגן שפּיגלען זיך אין דער ליולקע מיט גרויס תענוג.

— וואָס ווילט איר ? ווער האָט די טיר געעפנט, זי איז דאָך געווען פאַר־שלאָסן ? — האָט די יונגע פרוי ארויסגעזאָגט מיט שרעק.

— די ליולקע איז מיינע — האָט דער אַלטיטשקער שאַרף געענטפערט, צעקייט יעדעס וואָרט באַזונדער, — איך בין רייך געווען, ווען די ליולקע איז פאַרשווונדן איז מיין עשירות אַוועק. אזוי וואָגל איך איבער דער וועלט... די ליולקע איז מיינע, איידעלע טאָכטער.

זי האָט שפּעטער איבערדערציילט פאַר אברהמלען דעם אַלטיטשקנס אויסטערלישע רייד. איר איז איינגעפאַלן, אַז ס'איז אפשר אליהו הנביא, ער איז אַוועק מיט דער ליולקע.

אברהמעלע האָט זיך שטאַרק געחידושט און פאַרט געגלייבט. אויך ביי אים האָבן זיך די אויגן צעפינקלט : ווער קען וויסן אַז נישט אליהו הנביא ? — האָט ער אָפּגעזיפצט מיט גלויבן.

✶

די צוויי שוואָגערס, הענעך און ברוך, פיל ייִנגערע פון אברהמעלען האָבן אים נישט צו רו געלאָזט. דער עלטערער, הענעך, א געבוירענער סוחר, האָט געהאַלטן אין איין טענהן : תכלית — וואָס וועסטו טון נאָכן אראָפּגיין פון קעסט ? ווייסט שוין מיט וואָס צו האַנדלען ? א סוחר ווילסטו זיין ?

ברוך, דער פלאַטער־קאָפּ, רעדט מיט אים ווי אַ גרויסער מיט א גרויסן :

— דאגה נישט, שוואָגער, וואָס שפּעטער וועט זיין, עס וועט סיי ווי סיי געשען אַזוי ווי דיר איז באַשערט. צי דו ווילסט יאָ אָדער ווילסט נישט. זע נאָר דיין יונג בערדל זאָל נישט ווייס ווערן.

פאַר אַברהמעלען איז דאָס געווען אַזוי ווי אַ נבואה, אז ער וועט נישט אַלט ווערן...

מער ווי די זלידנע שוואַגערס איז צו אים צוגעשטאַנען דער שווער, דער כּלומרשטער גבֿיר, וואָס האַלט נאָך אָן דעם גבֿירישן שניט.

— טובֿ תּורה עם דרך־ארץ. וואָס קלערסטו צו טון, אײדעם מײַנער? אַ הימלמענטש ווילסטו זײַן? ווילסט זיך גלײַכן צום רבינס זון? געגוג צרות האָסטו אָנגעטון בײַלען מיט דײַן ליולקע, מיט דײַן רעדן צו דער וואַנט. פֿירסט זיך אויף ווי אַ ייִנגל. דו פֿאַרגעסט, אַז אין וואָכן אַרום וועסטו ווערן אַ פֿאָטער, נעמען אויף זיך אחריות... שוועבסט נאָך אַלץ אין די הימלען?

אַן אַנדערש מאָל האָט ער גערעדט צו אים מיט זיסע רייד, יעדעס וואָרט מיט אַן אָנצוגעהערעניש אויף עפּעס, ביז ס׳האָט זיך אויסגעשיילט די שטעכל־קע:

— דײַן קינד, פּערעלע, הערט נישט אויף צו וויינען, דאָס גאַנצע הויז איז פֿול מיט איר, זי גערעט אין איר טאַטן. נאָך אַלעמען, צו וואָס וועסטו זיך נע־מען? אַ מענטש, אײדער ער באַשליסט זיך, מוז ער דאָך וויסן אויף וואָס. מוזסט זיך נעמען אין די הענט אַרײַן. קעסט, אײדעם מײַנער, איז לחם הקלוקל — עס איז גרינג דערמיט און ווערט סוף כּל סוף דערעסן. דיך, זע איך, אַרט נישט אַ האָר נישט, זיצסט אויף קעסט און ס׳איבעריקע זאָלן שווער און שווי־גער זאָרגן, זאָלן ווײַב מיטן קינד זיך פּײַניקן און דו זיצסט...

אבֿרהמעלען האָט עס שוין אונטערגעהויבן. ענטפֿערן איז נישט כּדאַי גע־ווען, אָבער אין זיך האָט ער באַשלאָסן: יעבֿור עלי מה — זאָל עס נעמען אַ סוף!

קאַפּיטל דריי

חשד...

פונקט צו די צוויי יאָר נאָך דער חתונה, איז אברהמעלע אַראָפּ גערנווויליק פון קעסט. ער איז נישט געווען געפּאַלן ביי זיך, אויף אַ האָר נישט, נישט געפילט זיך ווי פאַרלאָזן אין מיטן ים. ער ווייסט: ווער עס גיט לעבן, גיט צום לעבן. איינגעפּאַקט טלית און תפילין, עטלעכע ספרים, דערונטער דעם „שערי אורה" און „ספר הגורלות" פון רב סעדיה גאון, פאַרשטעקט דעם לעדערנעם טייסטער אונטערן לייבל, ביים האַרץ, האָט ער זיך געלאָזט האָפּעדיק קיין וואַרשע.

אין דער באַן פאַרנעמט אברהמעלע אַ ווינקל. ער קוקט זיך אַרום מיט אַן אומרו:קן בליק פול מיט חשד. ער טאַפּט זיך כסדר מיט דער לינקער האַנטפלאַך דאָס האַרץ. קעגנאיבער אברהמעלען זיצט אַ געלער, הדרת־פּנים־דיקער ייד וואָס באַטראַכט אים, לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ.

— זייט מוחל, יונגערמאַן, פאָרט איר נישט צום דאָקטער מינץ קיין וואַרשע — ער איז דער גרעסטער האַרץ־דאָקטער.

— חס ושלום, איך ברויך נישט קיין דאָקטער.

— איך זע דאָך אָבער ווי איר האַלט אונטער דאָס האַרץ, די אויגן ווערן ביי אייך כסדר קיילעכדיק, אזוי טיאָכקעט עס ?

— איך ברויך נישט קיין דאָקטער ! — האַקט אָפּ דער יונגערמאַן אָן מחזקות.

— למאי היצט איר זיך ? קען דען אַ מענטש זאָגן, ער ברויכט נישט קיין דאָקטער ? מ'זאָל אים טאַקע נישט באַדאַרפן, אָבער, לא עלינו, וואָס קען אַ מענטש וויסן ?

אין עטלעכע מינוט שפּעטער :

— וואָס איז אייער טון, אויב מען קען וויסן ?

דער יונגערמאַן האָט ווידער אָפּ:

— דערווייל טו איך גאָרנישט. ערשט אַראָפּ פון קעסט. אין וואַרשע וועל איך מיך אַרומקוקן וועגן האַנדל.

דער גרעלער ייד, מיטן צעשמייכלטן פּנים, ווערט היימישער:

— צום האַנדל, יונגערמאַן, ברויך מען קאַפּיטאַל; סתם האַנדלען האָט קיין האַפּט נישט. אויף דער לייטער אַרויף — פּאַמעלעך, אַראָפּ פאַלט מען האַסטיק.

בנעימות גלעט ער זיין גרעלע באָרד, קוקט דורך דער שויב צו די לויפנ־דיקע ביימער.

— מיין טון וואָס איז? ווי איר זעט מיך האַנדל איך טאַקע, נאָר צום האַנדל גייט אויך אַ פאַבריק. פון אַלט אייזן מאַך איך גאָלד, אַ דאַנק השם יתברך און אַ דאַנק דער גיסעריי, ווו איך האָב שטעקן אַקציעס.

אברהמעלע גייט אַרויס פון געדולד. אים דערמאָנט זיך דער גרעלער דוד אין גער, ביי וועמען ער האָט סטאַנציע. די חסידים רופן אים „קראַדניק", „חסידים־שינדער", קאַרטאָפליעס מיט יויך רופן זיי ביי אים: „גיידעקעס מיט מקווה־וואַסער".

— כ'בעט איך, וואָס מיינט איר מיטן וואָרט אַקציעס?

דער גרעלער שיט אַרויס אַ שרויט־געלעכטערל. ענטפערט נישט.

דער גרעלער דוד אויסן אויג — טראַכט אברהמל — עפּעס ווערט מען מיט אים היימיש, מ'האָט צוטרוי צו אַזאַ איינעם:

— פאַרוואָס נעמט איר נישט אַ שותף? איך אַליין וואָלט צוגעשטאַנען מיטאַרבעטן, אַריינגיין אין אייער האַנדל, אין די אַקציעס אייערע. ווי מיינט איר?

דער ייד ווערט נישט נתפּעל און שטעלט אַרויס אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן:

— א שותף? נישט געגוג דער רבונו של עולם און דאָס אייגענע ווייב? פון דער צווייטער זייט, איז עס אַ ריינער צופאַל, און דער וואָרקער ז"ל האָט געזאָגט, אז יעדער צופאַל איז וויכטיק. נאָר מענטשן מיינען לכתחילה אַז עס איז בלויז אַ צופאַל. איז ניין, זאָג איך נישט. עלעהיי איר אַליין האָט אָנגע־באָטן. עס איז נאָר געוועגדט וויפל געלט איר וועט קענען אַריינלייגן.

ער באַמערקט ווידער ווי דער מיטשמועסער טאַפּט זיך ביים האַרץ.

— ווייסט איר וואָס? לאָמיר אָפּמאַכן אַ וואָרט און איר וועט געבן אַן אַ־דערויף. וויפל איר וועט שפּעטער אַריינשטעקן, גייט מיך נישט אָן. ס׳וועט גיין לויט פּראָצענטער און מיר וועלן, ברוך השם, אין פּרטים דורכקומען. כ׳זע דאָך מיט וועמען כ׳האָב צו טון! פינף און צוואַנציק רובל איז דער מינדסטער אַדערויף. ווי מיינט איר?

אברהמעלע האָט נישט געענטפערט, געטראַכט אַ ווייל, זיך אוועקגעדרייט, געפּאָרעט זיך אַרום דער ברוסט, זיך אומגעקערט און דערלאַנגט אַ פּונק נייעם פינפאונצוואַנציקער, צוזאַמען מיט אַ שעמעוודיקן מזל־טוב.

— מיט מזל, שותף, מיט מזל!

זיי האָבן ביידע נישט באַמערקט ווי די באַן האָט זיך אַריינגעגליטשט אין וואָקזאַל אַריין מיט אַ הילכיקן קוויטש.

אויפן וואָקזאַל האָט דער געלער סוחר אַוועקגעאיילט צו זיינע פּראַכט־וואַגאָנעס, דערלאַנגט אברהמעלען זיין אַדרעס־קאַרטע:

— קומט נישט צו שפּעט, שותף, קומט צו דער וויעטשערע.

✶

אויף דזשיקע, ראָג קופּיעצקע, האָט מען אים אָנגעוויזן אַ קליין, אָרעם שטיבל, וווּ עס וווינט שמואל פלינקער.

— וואָס באַדאַרפט איר? — פרעגט אַ קראַנקער ייִד מיט אַ גראָ שיטער בערדל, ליגנדיק אַ געליימטער אין בעט. אַ קליין קאַגאַניצל ראַנגלט זיך דאָרט מיט שאָטנס.

אברהמעלען ווערט נישט גוט, רעדער קאָלערן זיך פאַר זיינע אויגן:

— איך זוך דאָ איינעם, ר׳ שמואל פלינקער, אַ געלער, וואָס האָט אַן אייזן־פאַבריק.

דער אָרעמער אַלטיטשקער צעקייכט זיך שטאַמלענדיק:

— איך בין שמואל פלינקער, אָבער נישט קיין געלער, קכע... קכע... אַ סך פרעגן אויף אַזאַ געלן. פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ טעות? גייען אַוועק אָפּגענאַרטע און מיר טוט ווי קכע... קכע... קיינעם נישט באַגזלט, קיינעם נישט באַעוולט קכע... ווער איז דער שווינדלער?

אין דרויסן האָט אברהמעלע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם: אַ פּיפּיקער שווינד־לער, דער געלער שותף. ער, אברהמעלע, איז נישט דער איינציקער באַ־שווינדלטער.

ער איז אויסגעוועזן די גאַנצע דזשיקע גאַס, די ברייטע און שמאָלע מילע, מוראַנאָווסקע, ניזקע — נייִן, קיינער קען נישט אַזאַ בכבודיקן, געלן ייִד, אַן אייזן־סוחר, מיט אַ פֿאַבריק, ר׳ שמואל פּלינקער.

צוויי וואָכן זענען אַוועק מיט אַ פּוסט זוכעניש אין אַלע געדער און וואַר־קער שטיבלעך — האָט דאָך דער שווינדלער דערמאָנט וואָרקע... אברהמעלעס געלט, צוזאַמען מיטן אייזן־געשעפֿט, גיסעריי און אַקציעס איז ווי אין וואַסער אַריין.

מענטשן האָבן געראָטן דעם שוואַרצן שפּיגל. אויף דער מיאָדאָווע שטייט דאָס הויז מיט נייַן און פערציק צימערן, געבויט פון געלן שטיין. אין יעדן צימער באַזונדער הענגט אַ שפּיגל איבערגעדעקט מיט שוואַרצן טוך. פּשוטע סעאַנסן פון העלזעען קומען פאָר אין דער נידער: קעגן גנבות, געלטשווינדל און דאָס גלייכן.

אברהמעלע איז אַהין נישט געגאַנגען. כישוף, רחמנא ליצלן, — האָט ער אויסגעשפּיגן דריי מאָל ווי פאַר אַ תיפלה — אוב וידעני!

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ איז ער געפאָרן צום „שפת אמת‟, געשטאַנען פאַר אים אין שרעק.

— פון דיינע אויגן קוקט אַרויס חשד, וואָס האָט קיין יסוד נישט. קען זיין דער ייִד איז אַן ערלעכער מאַן און זיין נאָמען איז נישט פּלינקער, פאַרביטן אין איילעניש זיין אַדרעס־קאַרטע און דו, אברהמל, האָסט אים דיינע, פון שעד־לעך, נישט געגעבן. ווו זאָל ער דיך זוכן אין דער גרויסער וועלט? מעגלעך, ער האָט מער צער ווי דו מיטן חיסור פון נדן. ביזן האַלדז מוז מען גיין איידער חושד זיין אַ פרעמדן.

דער רבי האָט אַרומגענומען זיין בלאָנד־געדיכטע באָרד אין פאַרטראַכ־טונג. דער בלאָער בליק זיינער האָט געפלאָטערט אַרום די אָפּגעריבענע רוקנס אין די ספרים־שענק, אין ערגעץ זיך נישט אָפּגעשטעלט.

—איך זע, אברהמעלע, דו טויגסט זיך נישט אויס אין מסחר. ביסט פול מיט צוטרוי, און דערנאָך — מיט חשד. בעסער וואָלט געווען זאָלסט זיין אַ

שרייבער אין וואַלד, איינער אַליין, וועסטו האָבן צייט צו לערנען. און די תורה וועט דיך נישט פאַרלאָזן.

אברהמעלע האָט אראָפּגעשלונגען דעם גזר מיט טרערן. הגם אין זיך האָט ער געפילט, אַז ער וואָלט יאָ געטויגט צו מסחר, פונקט ווי אַלע אָפּגע־היטענע יידן, זיינס גלייכן.

קאפיטל פיר

אַ שרייבער אין וואַלד

אין אַ וואַלד, נישט ווייט פון שעדלעץ, איז ר׳ אברהמעלע געוואָרן אָנגעּ נומען אַלס אַ שרייבער, אויף גוטע באַדינגונגען. ער האָט גלייך קובע געווען די צייט פון לערנען און פון אַרבעט.

יעדן אינדערפרי, מיטן ערשטן שפּראָץ אויף טאָג, פּראַוועט ער התבודדות צווישן די שאָרשנדיקע ביימער, דאַוונט ביחידות און בעט צום הימל צו קענען זיצן און לערנען אומגעשטערט.

די פּאַראָבניקעס לאָזן אים נישט צו רו. אונטער פאַרשידענע אויסריידן זענען זיי אים מבטל פון לערנען און אברהמעלע זעט דערין מעשה־שטן. אָן אויפהער קומען זיי צו אים מיט גראָבע רייד, כאַכאַטשען, אַזש עס קלינגט דער וואַלד. ער פאַרשטייט זיי נישט, זייערע פּוסטע מעשיות גייען אים נישט אָן.

זיין אַרבעט פון מעסטן און צייכענען די ביימער און גענוי פאַרשרייבן יעדעס שפּענדל גייט אָן האַסטיק און מיט יאָגעניש ווי אין אַ פאַבריק. נאָר צוויי מאָל געווען דאָס יאָר אין גער. דאָס גשמיות האָט סוף כל סוף גובר געווען.

בעת דער רבי האָט געזאָגט תורה — אַ פויגל אין פלי וואָלט דעמלט פאַרסמאַליעט געוואָרן — האָט אברהמעלע גאָר געטראַכט פון קלעצער און העלצער, ציפערן און מאָסן, קלאַפטערס און צאָלן, ברעיאַזעס און סאָסנעס און מער פון דעם אַלעם — פון די גויים.

אַזוינס איז אים פריער אפילו אויפן רעיון נישט געקומען. די גויים רויבן אים אָוועק די גאַנצע פרייע צייט, האַלטן אין איין דערציילן פּוסטע אויסטראַכטענישן ווי פלוידערזעק. ער פאַרשטייט לחלוטין קיין וואָרט נישט און זיי — זיי לאַכן און פרייען זיך ביז משוגעת.

שפּעטער האָבן אים געגומען שטערן אַ קאָזע און אַ נאַקעטער קלאָץ ביים סטאַוו. די קאָזע זעט נישט אויס ווי אַ געוויינלעכע בהמה.

אַ פּשוטע קאָזע איז זי זיכער נישט. אירע שוואַרצע בליקן, אָנגעשטעלט אויף אברהמעלען, צעמישן אַלע זיינע רעיונות; אַ ציטער גייט אַדורך זיין לייב, ווען נאָר ער דערזעט זי. אין איר איז פאַראַן אַ גילגול... אברהמעלע שטייט שעהן גאַנצע און האַלט אין איין טראַכטן וועגן גילגולים און זייערע פּיינען, וועגן פאַרשוווּנדענע לעבנס, וועלכע ווערן שפּעטער מגולגל אָפּצוקו־מען זייער שטראָף.

טעג גאַנצע זינקט ער אַזוי אין די אומרויִקע, אומקלאָרע טראַכטענישן, וואָס ער איז נישט בכוח אויפצוקלערן מיט זינפולע, קלאָרע ווערטער.

עפּעס טליעט נאָך אין אים דער זשאַר פון זיינע נאָך נישט אין גאַנצן פאַר־לאָשענע קינדערישע שרעקן, בעת ער האָט זיך געפּילט איינזאַם און ניש־טיק, בעת ער האָט געשפּירט אויף יעדן קער און ווענד זיינעם דעם ברי פונעם פייערדיקן וואָרט: „דיינע טעג זענען פאַרבייגייענדיק ווי אַ שאָטן״...

נייך, די קאָזע איז נישט קיין געוויינלעכע קאָזע. אירע אויגן, פול מיט אומעט און טרויער, מאַכן אים אומרויִק, ברענגען אים אַרויס פון די כלים. זי גייט אים נאָך איבער אַלע שטעגן און וועגן, פאַרלויפט אים פּלוצלינג דעם וועג, שטעלט זיך אים אקעגנאיבער און שטעקט אַרויס איר שטומע צונג.

דאָס זעלבע מיטן קלאָץ.

נישט ווייט פון שטילן סטאַוו ליגט אַ נאַקעטער קלאָץ — אַ דומם. אויף דעם קלאָץ זיצט אָפט אברהמעלע און טוט טראַכטן, וואָס דער מער איז מיט דעם קלאָץ. אַמאָל, ווער ווייסט דען ווי לאַנג, האָט ער געקערט זיין אַ בוים מיט דיקער קאָרע און מיט סעווע, פול מיט צווייגן און בלעטער און א קרוין אויפן שפּיץ. דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט אים, אַמאָל געלאַשטשעט, אַמאָל געשטורעמט; שטאָלץ איז ער געווען, געשאָטנט אוודאי מיט גדלות ארום זיך. עס קען זיין, ער האָט אויך פּירות אויסגעטראָגן. גאָר טיף האָט זיין שטאַם געוואָרצלט און איבער זיין קרוין האָט געחנדלט זיך די זון. אָט־אַזוי האָט ער געלעבט.

כידוע, איז אויך פאַרביימער און גראָזן אָנגעצייכנט אויבן, ווי לאַנג צו לעבן. היינט ליגט ער, דער טויטער קלאָץ אויפן זייטנוועג, נאַקעט ווי אַ שטיין.

אויך אין דעם קלאַץ, ווען ער האָט געלעבט, זענען געווען גילגולים, נשמות און רוחות. דאָס טראַכטן און זען במחשבה אין אַלע בּרואים און ביימער גיל־גולים האָט צוגערויבט ביי אברהמעלען צייט, רו און געזונט. אָבער צוגעפירט צום סוף פון זיין וואַלד־מעמד האָבן אים... ציגיינער.

ציגיינער האָבן פון שטענדיק אָן „געוווינט" מחוץ לישוב. לויט מסורת האָבן זיי שוין עקזיסטירט אין אמרפלס צייטן. היינט, אין אונדזערע צייטן, לעבן זיי בלויז פון גניבה, וואַנדערן אַרום איבערן כדור הארץ אין טרייסלענ־דיקע בוידן און גנבענען אפילו קינדער. גאַרנישט לאַנג איז געשען אַזאַ פּאַל אין דער שטאָט שעדלעץ; דאָס געוויין פון דער מוטער ליגט נאָך אברהמעלען אויפן האַרצן.

איינמאָל, פאַרנאַכט, דער הימל איז שוין גוט טונקל געווען, האָט נישט ווייט פון וואַלדיקן ראַנד זיך דערהערט דאָס שפּילן פון אַ פליייט. געשפּילט האָט זי די פליייט, מיט א בענקשאַפט און מתיקות, ממש אויסצוגיין. יעדער וואָס האָט געהערט די מוזיק איז געוואָרן מיטגעריסן. אין מינוטן שפּעטער האָט אָפּגעהילכט א הימל־געשריי: „ציגיינער זענען דאָ!"

אין דער גרויסער בהלה האָט אברהמעלע זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַלע זיינע אמצי־כוחות אין אַ פירקאַנט פון אויפגעשטאָפּלטע קלעצער און זיך אויסבאַ־האַלטן. דאָרט האָט ער געדאַוונט מעריב ממעמקים און געוואַרט וואָס די שעה וועט ברענגען. די פינצטערניש האָט אים נישט געאַרט: פאַרנומען געווען מיט זיך אַליין, איינהערנדיק זיך אין דער טיפער שטילקייט. אָבער אַרויס האָט ער שוין נישט געקענט, אַרויפדראַפּען זיך צוריק נישט געווען בכוח. האָט ער געוואַרט. מערערע מאָל האָט ער געשריגן, נאָר זיין שטים האָבן איינגעדעמפט די שווערע בוילן.

עס האָט שוין געקענט זיין די דריטע אַשמורה, ווען די לבנה האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגנאיבער אים. זי האָט אויסגעזען דערשראָקן. געציטערט. כהרף עין האָט אברהמעלע דערזען צוויי קרומע אויגנלעכער, אַ האַלבן שטערן מיט קאַרבן — כמעט א מענטשלעך פּנים. אין דרויסן אין וואַלד האָט אַ סאָווע אַ געשריי געטון, ווי נישט־גוטע וואָלטן זיך צעלאָפן איבער דער הוילער ערד. אברהמעלען האָט אַרומגעכאַפּט גרויס פחד, ער האָט געשריגן מיט אַלע

כוחות און דער עכאָ פון זיינע קולות האָט זיך צעקלונגען איבערן גאַנצן וואַלד: „ראַטויטשע! טוטאַי יעסט וואַש פיסאַזש — געוואַלד!"

געפונען האָט מען אים ערשט אין פריען טאָג אַ פאַרחלשטן. ווען ער האָט זיך מתנצל געווען פאַרן רבין, האָט דער רבי, נישט ווי זיין שטייגער, אַרויס־געוויזן צערודערונג.

— ביסט צו יונג און נישט פאָרגעברייט צו קבלה. גלייך זיך נישט צו מיין אברהם מרדכילען...

דערנאָך האָט ער אַ וויש געטון די שויב פון פענצטער און אַרויסגעקוקט:

— ווּעסט גאָרנישט אויפטון: נישט אין מסחר, נישט אין אַרבעט. אפילו אין וואַלד קענסטו נישט אָפגעפינען זיך אַליין. פאָר צו יאָסעלען, דעם כענ־טשינער שוחט, לערנען ביי אים שחיטה.

קאַפּיטל פינף

שוחט אין ווישעגראַד

נאָך ניין חדשים איז אברהמעלע צוריקגעקומען פון כענטשין מיט קבלה אויף שחיטה און מיט א פנים — פול צער. זיין שטאַרער בליק פאַרקוקט צום הימל. דער מאַמען האָט עס געשניטן ביים הארצן. זי האָט געפילט, אַז דער גערעאַנגל צו ווערן שוחט ערגעץ ווו אין אַ שטעטל וועט אָנהאַלטן זייער לאַנג. עס וועט זיך אָנזעצן פיל ביטערניש. אָבער קיין אַנדערע ברירה האָט ער נישט. ער קען נישט גיין קעגן רבין.

אויפגענומען פאַר אַ שוחט איז ער געוואָרן מיט דער הילף פון גערער חסידים אין שטעטל ווישעגראַד, נישט ווייט פון פלאָצק און נאָענטער צו סאָכאַטשעוו, ווו דער רבי ר׳ אברהמעלע באָרנשטיין, דעם קאָצקערס איידעם, פירט רבנות און האָט צוגעצויגן טויזנטער חסידים.

שיין איז דאָס פאַרצייטישע שטעטל צופוסנס דער ווייסל, מיט אירע דאָקן, שפּייכלערס און בארקעס, וואָס שיפן זיך מיט לאָדונג ביז דאַנציק. אַ יידיש שטעטל. פאַראַן אויך גויים: אַ פּריסטאַוו, צוויי סטראַזשניקעס, אַ קאָוואַל, אַ באָנדער, עטלעכע בעטלערס ביי דער קירך, שבת־גויים, קיילערס — און דאָס אַלץ. די מערהייט פון זיי האָט געוווינט הינטער דער שטאָט. דינסטיק און פרייטיק, אין די טאָרג־טעג, האָבן יידישע סוחרים, באַלמעלאָכעס און קליינהענדלער אַרויסגעשטעלט אויפן פירעקיקן מאַרק סטראַגאַנעס מיט אַלערליי סחורות.

די זייטיקע געסלעך אַרום דעם מאַרק האָבן זיך אָנגעפילט מיט פורלעך, לאַנגע דראַנגעווע וועגענער, אויף וועלכע פויערים פון דער סביבה האָבן גע־ברענגט זייער פּראָדוקציע: קעלבער, יאַלעווקעס, עופות, אייער, ציבעלעס און כלערליי שאר־ירקות. יידן האָבן געהאַנדלט און ווי ס׳איז געצויגן חיונה.

אברהמעלע און דאָס שטעטל זענען זיך קעגנזייטיק געפעלן.

ווען ס׳איז געקומען דאָס דריטע קינד, חיים, נאָכן עלטער זיידן ר׳ חיים לייב קאָלושינער, האָט אברהמעלע ווי ער האָט דאָס געטון ביי די אַנדערע קינדער פאַרשריבן מיט געציקלטע אותיות — אין חומש שמות דעם נאָמען און דאַטע פונעם געבורט.

יעדעס קינד ברענגט מיט זיך זיין מזל. אין חיימס מזל איז טאַקע געשען מיט אברהמעלען דער נס ביים פּריזיוו.

ער האָט שוין געהאַט צווי גרינע צעטלען; מיט אַזאַ צעטל איז מען באַפרייט אויף אַ יאָר; דאָס דריטע מאָל ווערט דער גורל פון פּריזיוויניק געחתמעט: אויב נישט א בלאָער בילעט — גייט מען דינען.

נישט פאַראַנען געווען קיין מיטלען, וועלכע אברהמעלע זאָל נישט האָבן אויסגעפּרווט: עסן הערינג, קאָכעדיק ראַזעווע ברויט — עס זאָל דרייען אין בויך, מאַכן גימנאַסטיקע מיט דער רעכטער זייט פּלייצע, דער רוקנביין זאָל זיך אַראָפּזעצן. דאָס אַלץ איז נישט געגאַנגען. פון מאַכן אַ מום האָט ער, אברהמעלע, נישט געהאַלטן; אַ ייד טאָר אַזוינס נישט טון. אים איז נאָר פאַרבליבן דאָס איינציקע מיטל — שאָבן די פיס און פאַרנידעריקן זיך מיט פופצן מילימעטער. ער האָט אויף דעם אַוועקגעלייגט א סך כוחות, געווען אפילו ביים רבין. אַראָפּנעמען פופצן מילימעטער איז באמת אַ גוזמא.

דעמלט איז ער געפאָרן צום טאַטן אין פולטוסק:

— די צייט איז קורץ, איך האָב נאָך גאָרנישט אויפגעטון.

—פאַרוואָס רעדסטו צו מיר מיט שטיקער פּרק: המלאכה מרובה והיום קצר? גלויב מיר, מיין זון, קענסט באַפרייט ווערן. עס קען געשען, אַז דער מעסטער וועט גאָרנישט זען אָדער זיך טועה זיין. אַ טאַטע פון דריי קינדער זאָל מוזן גיין דינען, חלילה! פאַרבלייב ביי מיר ביז איבער שבת.

צו שלוש־סעודות זענען געקומען מענטשן מער ווי אלע מאָל. די פינצטערניש איז נאָך נישט געווען מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן, האָט רבי שמחה נאָך דער הפסקה ווידער אָנגעהויבן:

— חומר און רוח גייען נישט צוזאַמען. די גאַנצע עובדה פון אַ ייד איז מאַכן אונטערטעניק דעם חומר — און נישט פאַרקערט, ווי עס טוען היינט בעוונותינו הרבים די אויפגעקלערטע. ווער עס איז קליין מיטן גוף, קען אָבער זיין הויך, גאָר הויך מיט דער נשמה. אברהם מרדכילע, דעם רבינס, איז

קליין און אַ סך פון אונדז קענען צו זיינע קנעכל נישט גרייכן. אַ מענטש קען זיך דערהויבן נאָר דורך בטחון — און בטחון קען ער האָבן נאָר דורך אמונה.

אין דעם מאָמענט באַמערקט דער פּולטוסקער רבֿ, ווי זיין זון, אַברהמעלע, קנעט מיט די פינגער אַ שטיקל ווייכע חלה. דאָס קייקעלע איז שוואַרץ, שוואַרץ ווי קויל. אַברהמעלעס אויגן זענען פאַרמאַכט, ער טראַכט אפילו נישט פון דעם וואָס זיינע הענט טון.

— ניטע, ס'איז דעם אויבערשטנס גאָב! — דעם רבֿס גרינע אויגן נישטערן שאַרף אין אַברהמעלען — ביסט מבזה עסנוואַרג, שלינג עס אַראָפּ!

אַברהמעלע, אַ טאַטע פון דריי קינדער, א חשוב ביים „שפת אמת" טיש, ווערט דערשראָקן, קוקט זיך אַרום ווי אַ צוריקגעקומענער פון ערגעץ — און קיין אחד דערוועגט זיך נישט אַ הוסט צו טון.

אַברהמעלע — פאַרקוקט מיט הכרת־טובה אינעם פאָטער פאַרן זכות מקיים צו זיין די מצווה כיבוד־אב — טראָגט צו דאָס שוואַרצע קייקעלע צום מויל און שלינגט עס אַראָפּ.

אין ווישעגראָד האָט ער שוין גאָרנישט געטון, געגלויבט, אז עס וועט זיך שוין ווער פאַר אים איינשטעלן. ער האָט דערציילט וועגן שוואַרצן קיי־קעלע באַריכות, כדי די קינדער זאָלן עס וויסן און געדענקען אויף שפּעטער.

✶

עס איז געווען אַ וואָך נאָך סוכות, ווען אַברהמעלע האָט געמוזט שטיין צום דריטן און לעצטן פּריזיוו.

שוין עטלעכע טעג ווי ער פאַסט, זאָגט תהלים, אָבער אומרויק איז ער נישט, ער גלויבט מיט אַלע פיבערן פון זיין גוף און נשמה באַפרייט צו ווערן.

באַלד נאָך שחרית איז ער אַוועק צו דער פּריסוטסטווע וואַרטן אויף זיין ריי. דער גרעסטער טייל איז אַרויס: דינסטפּעיק. אים האָט מען גערופן שפּעט פאַרנאַכט דעם לעצטן. דער דאָקטער האָט זיך אַראָפּגעבויגן זען צי ער שטייט גלייך און מאַכט נישט קיין שטיק ווי די „יעווריעיעס". ער האָט אויסגעצויגן די האַנט אָנצוצינדן ליכט. אין דעם זעלבן אויגנבליק איז אַריין א פּאָלקאָוו־ניק מיט אַ שטורמיש געלעכטער. נישט באַטראַכטנדיק מער אַברהמעלען, האָט דער דאָקטער אַ געשריי געטון: נישט פּעיק!

מיטן בלאָען בילעט אין האַנט, האָט אברהמעלע זיך געאײַלט צו מנחה, וואָס יצחק אבינו האָט מתקן געווען. עס האָבן געגומען פלאַטערן פאַר זײַנע אויגן וויזיעס פון דער עקידה...

שיין איז דאָס שטעטל ווישעגראַד!

פון ווייסל־שטראַנד דראַפּעט זיך אַ לאַנגער וועג באַרג־אַרויף, צעגייט זיך דערנאָך אויף דריי וועגן: וואַרשע, פּלאָצק און צו די „סטעגענעס".

נישט ווייט פון מאַרק שטייט אַ באַרג אין שטילקייט און היט מיט זײַן אַרומבליק די גאַנצע סביבה. אים צופוסנס ברויזט און קאָכט די ווייסל, מיט שלעפּשיפן, קענס און באַרקעס, וואָס פאַרשלינגען טויזנטער פודן תבואה־קערנער און שיפן זיך אַוועק איבער דער ווייסל־לענג.

שלאָסבאַרג, הייסט ער, דער באַרג. אַ שלאָס זאָל האָבן געשטאַנען אויף אים. נאָך היינט קלעטערט קליינוואַרג ביז צום שפּיץ, געפינען שערבלעך, אָפּגעריבענע ניקלס, נעכטיקע טעג...

אביסל ווייטער דרימלט אַ קליינער באַרג — דער שולבאַרג. דאָרט שטייט אויך דאָס בית־המדרש מיט דריי הויכע פענצטער צו יעדער זייט, ווי די צאָל פון די יידישע שבטים

די פעסטונגשול, די שול, געבויט אין גאָר אַלטע צייטן ווי אַ פעסטונג, ווערט באַטראַכט ווי איינע פון די שענסטע שולן אין פוילן. אירע ווענט זענען צוויי איילן די גרעב און דערצו נאָך אונטערגעשפּאַרט לענג־אויסיק פון דרויסן. איר אַרכיטעקטאָניק און אָרנאַמענטיק, ציזלערײַ פון די קאַפּולן און געוועלבן, פיין געשניצטע אַנטעריערן ווי אויך פּרעכטיקע בילדער און געמעלן — דאָס אַלץ האָט פיל בייגעטראָגן צו דער לעגענדע וועגן אַנאָנימען קינסט־לער, וואָס האָט זיך אויסגעשטאָכן די אויגן נישט וועלנדיק קאָפּירן די זעלבע קונסטשטיק פאַר קירכעס...

זי איז נישט אַזוי הויך, פּאַרריסן, ווי די קירכע און דער קלויסטער.

דריי אויפשריפטן מיט שטילע פאַרבן דאָמינירן איבער די טונקל־גרינע טויערן: „בית הכנסת", „זה השער" און „עזרת נשים". צום פראַנטאַלן טויער,

אויף מערב־זייט, קומט מען צו פון דער ברייטער גאַס, אָדער דורכן ליק צווישן צוויי הויכע ווענט ביז צום בית־מדרש.

פון פּאָליש בײַ דער קונע פירן זיבן מאַרמאָר־טרעפּ אין מקום קדוש אַריין. ביים אַריינגאַנג — אַן אויפשריפט: ממעמקים קראתיך יה!

פון די אַנדערע צוויי טויערן זעט זיך דאָס טהרה־שטיבל מיט אַלע תשמישי־כלים, די קהל־שטוב און די ווייבער־שול.

קומט מען אַראָפּ די זיבן טרעפּ, בלייבט מען שטיין פאַר דער באַוועגלעכער צדקה־פּושקע. זי באַוועגט זיך ווי אויף שפּרינגפעדערס. אויף דער פּושקע — אַן אויפשריפט: — „כי מצדקה יכון כסא.” דער פאַרבליפטער בליק פאַר־האַלט זיך ביי די צוויי גאַניקעס מיט געדרייטע שטיגן און פאַרענטשן. דאָרט ענטפערן די קינדער ברוך הוא׳ס און אמן׳ס — אַ קאָנצערט פון ריינע שטי־מעלעך ווי פייגל־געזאַנג. אינעם שיין פון שבת־ליכט, ווען די קינדער שטויסן זיך פאַר אַ שלוק פון קידוש־בעכער, ווערט די אַטמאָספערע אין געבעטהויז אָנגעהיצט ווי פייער.

אין פאַרטער אונטערן רעכטן גאַנעק געפינען זיך די געגילדעטע חופּה־שטאַנגען, טראָלדן, זילבערגלעקלעך, שפּיל־טאַצן, סאַמעטענע און זיידענע דעקעס.

פון דער לינקער זייט פונעם גאַניק — די שטול פון אליהו הנביא, מיט אַן איבערדעק פון זעלטענער האַפטעריי, כאָטש שוין צעדריוולט; נישט ווייט פון איר — דער גרויסער דריי־שטענדער פאַרן שמש.

דער באַלעמער איז געבויט חופּה־אַרטיק, מיט אַ באַזונדערן קופּאָל. די געשניצטע באַלוסטראַדע זעט אויס ערטערווייז ווי געהאַפּטענער טיול; דער באַלעמער ווערט באַלויכטן פון פיר זשיראַנדאָלן פון אײדעלסטן שליף.

אונטערן באַלעמער ליגן איינגעזאַמלט אַלטע מצבה־שטיקער און אָפּגע־ריבענע פלאַסטן פונעם געוועזענעם אַלטן בית־החיים. נישט ווייניק מתפּללים ווייַנען דאָרט אַריין, בעטן געזונט, פּרנסה ביי די הייליקע נשמות וואָס האָבן שוין קיין נאָמען נישט.

דער עמוד, אַרומגערינגלט מיט הילצערנע סקולפּטורן, פאַרנעמט זיין אָרט אויף דער מזרח־וואַנט, און ווי פון פייער אַרויס, פלאַמען דער „שויתי” און דער פּרעכטיקער ארון קודש. דער הייליקער ארון פאַרנעמט די גאַנצע הייך —

ביז צום נר תמיד, צוויי מעטער די הייך. אויסגעהוילט האַלב־רונדיק, מיט אַן עפענונג אין דער דיקער מויער ביז צום דרויסן, איז דאָרט אַ יוצא ונכנס דער ווינט, די זון, אין די נעכט פאַרהאַלט זיך אויך די לבנה — אַ טרויעריקע און בלאַסע. דורך דער זעלבער עפענונג פליען פייגל אַריין און אַרויס מיט אַ פאַרכטיקן נאַכט־געפלאַטער.

דער ארון קודש איז פאַרהאַנגען מיט א באַרדאָ־פּליושענעם פרוכת אין דער וואָכן, אין די שבתים און יום־טובים — מיט אַ העל־בלאָען.

מע דערציילט, אז אמאָל, אמאָל פלעגן די צוויי לייבן, ביים עפענען דאָס ארון קודש, אונטערהאַלטן מיט זייערע פאָדערשטע לאַפּעס די ספר־תורה און אימהדיק ברומען: ויהי בנסוע הארון. זקנים געדענקען שוין נישט ווען דער געהיימפולער מעכאַניזם האָט זיך פאַרהאַקט אזוי, אַז קיינער איז אים מער נישט בכוח צו פאַרריכטן.

דאָס גרעסטע געמעל אין דער שול איז נח׳ס תיבה. די וואַסערן כוואַליען זיך כוואַליע איבער כוואַליע, שאַריען, ברויזן, און די חיות — שטויסן זיך מיט הערנער און רייסציינער אריינצובאַקומען זיך אינעווייניק וואָס פריער.

שיין איז די מערת המכפלה, און טרויעריק — דאָס קבר ביי בית־לחם, ווו די מוטער רחל וויינט אויף אירע קינדער. „רחל מבכה על בניה״ און צענד־ליקער אַנדערע פסוקים פון תנ״ך וויינען אַראָפּ פון דער אַלטער מצבה.

אויך דאָס געמעל: על נהרות בבל, מיט דער רייכקייט פון קאָלירן און זייער געמיש ווייזט אויף דעם מאָלערס אינספּיראַציע.

גרויסע בילדער מיט פאַרמעסט זענען: די עיר הקודש מיטן הר ציון ווי אויך עקדת יצחק.

פון קלענערן פאָרמאַט זיינען די כרובים, שופרות, שטענגלעך וויינטרויבן, דער טאָל פון שרון, שולמית פון זיבנצענטן יאָרהונדערט.

די דרום־וואַנט פאַרנעמען פרעסקן פון היימישן לעבן: פורלעך געזונקען אין טיפן שניי און מענטשן איבער זילבער־גראָע שליאכן זוכן נייע היימען. זיי טראָגן גרינע קורטקעס, די הויזן אין די כאַליעוועס און שפּיציקע היט אויף די קעפּ, פאַרוואָרפן אויף הינטן מיט אַ געלן טראָלד.

אברהמעלע האָט נישט געהאַלטן פון פסלים און תמונות, אָבער נתפעל גע־וואָרן איז ער פון מלאך המות: דאָס געמעל שטעלט פאָר אַ געפליגלטן לייב

מיט אַ מענטשלעך פּנים. אין די אויפגעהויבענע פאָדערשטע לאַפּעס האַלט ער אין איינער אַ שווערד, אין דער צווייטער — אַ שיסל ערד. זיינע אויגן קען מען נישט ציילן, פחדימדיק קוקן זיי צו אַלע פיר זייטן אויף אַמאָל: מענטש, דו וועסט זיך נישט אויסבאַהאַלטן!

ביים אַריינגאַנג צו דער ווייבער־שול ליגט אַ גרויסער, שוואַרצער שטיין, שוואַרץ און גלאַנציק ווי די שאַרף פון אַ חלף. ער דינט ווי אַ טרעפּ צו דער ווייבער־שול — דער שול־שטיין. פאַלירט פון זון און רעגן, ווערט ער איינגע־שרומפּן אָדער אויפגעבלאָזן מיט דער צייט. אָט ביי דעם שטיין איז געניזוקט געוואָרן רחלע ראַכטשאַטשאַ.

געשען איז עס אין אַ פאַרנאַכט, אין אַ רגע ווען דער הימל קושט זיך מיט דער ערד און יעטוועדעס וואָלקנדל און יעדעס ווינטעלע שטעלט זיך אָפּ, אָן דעם מינדסטן וויבריר. פלוצלינג דערהערט דאָס יונגע, פרומע ווייבל אַ שטיל געלעכטער הינטער זיך, מ׳האַלט איר צו די אויגן און זי ווערט געפירט צו דער טרעפּ אַרויף פון דער ווייבער־שול. זי האָט שרייען נישט געקענט, אַזוי ווי אין אַ חלום וואָלט עס געווען. מיט געלעכטער, ווי דריבנע קלאַנגען פון זילבערגלעקלעך האָט מען זי געפירט אַלץ העכער צום שולבוידעם, וווּ עס ליגן שמות פון הונדערטער יאָרן.

די יעניקע „חברותא" האָבן איר בייגעקומען, רחמנא ליצלן, און געשפּאָט פון איר. אין פריען באַגינען איז זי געלעגן אויפן שטיין און האָט אים געקושט.

— רחלע, שרייט ווער צו איר, וואָס טוסטו דאָ?

— איך לאַך! פון מיינע קינדער, וואָס כ׳וועל קיינמאָל נישט האָבן, לאַך איך. קיין גראָבן בויך קיינמאָל נישט האָבן — כאַ! כאַ! כאַ! אַוועק פון מיר, טייוולאָנים!

פון דעמלט אָן איז זי געשלאָפן אויפן שולבוידעם און קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זי קריכט אויף דער לאָמער לייטער און ווערט נישט נהרג.

— אַזאַ אומגליק געדענקט קיינער נישט.

איינמאָל, אברהמעלע שוחט איז געגאַנגען באַגינען אין מקווה אַריין, האָט זי אים נאָכגעיאָגט מיטן אַרויפגעשאַרצטן בויך:

— זע, חסידל, מיין נאַקעט בייכעלע, ריר עס אָן!

אברהמעלע איז קוים ניצול געוואָרן. ער איז גלייך אַוועק צום אַלטן רב:
— אפשר אַ גילגול?

דער רב הייבט אונטער זיינע ברעמען, צוקט מיט זיין רעכטער שליף פון גרויס צערודערונג:

— איי, ווי! ס׳איז דאָך גאָרנישט שייך אַ גילגול זאָל נישט שרייען מיט זיין אייגן קול. אין דער אותה אשה זיצט נישט קיין גילגול נאָר אַ שד, השם ישמרנו! געוואַלד און געשריגן! — נישט פאַראַנען קיין תיקון פאַר איר.

פון דעמלט אָן האָט אברהמעלע אויסגעמיטן דעם שולשטיין.

ביים דאָזיקן שולשטיין איז אויך שפּעטער געשען די מעשה שהיה מיט ישעיהן, מענדל יאַפּאָנטשיקס: ער האָט זיך אויסגערופן פאַר יעזוס...

מיט צעפינקלטע אויגן האָט אברהמעלע ווידער אַ מאָל פאַרשריבן אין חומש שמות מיט זיין געציקלט, דריבנע כתב: בתי מרים הדס תחי׳ שנולדה ביום...

קאַפּיטל זעקס

דער שוחט משה חיים

ווען זיינע הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן, האָט משה חיים, דער אַל־טער ווישעגראַדער שוחט, אַוועקגעלייגט די שחיטה. דאָס האָט ער געטאָן בהד־רגהדיק. נישט פאַר איין מאָל. ביי זיינע זיבעציק יאָר נאָך געשיקט צוגעהאָלפן אברהמעלען ביי עופות און דקות; אויף גסות מער נישט איינגעשטעלט. חוץ דאָס לייכטע ציטערן מיט די הענט, האָבן זיינע פיזישע כוחות אים נישט פאַר־לאָזט. צוויי מאָל אין דער וואָך נאָך געדרעפּטשעט איבער דעם דריי וויאָרס־טיקן ליימוועג צום שעכטהויז — און צוריק — אין היץ און קעלט, אין זאַ־ווערוכעס און שלאָקס־רעגנס.

אפילו הערש לייב קצב, דער שטאַרקסטער אין שטעטל, האָט פאַר אים מורא, ציטערט פאַר זיין מינדסטן הויך.

— הערש לייב, ציִ אָן די שטריק און לייג דעם שוואַרצן ביק!

הערש לייב און זיינע געהילפן פאַדען אַרום דעם צערייצטן ביק, שוויס ריזלט פון זיי, נאָר דער ביק קרעמפּעוועט זיך איין מיט די לעצטע אָקסישע כוחות.

— ציִט אָן די שטריק אין די רינגען! — ברילט דער אַלטער שוחט — גיבורים, מ׳שטיינס געזאָגט, טענצלען אַרום ווי חדר־ייִנגלעך.

פון משה חיימס שטאַרכן אין די ריפּן לאָזט אַרויס די בהמה ווילדע ריטשן, סטאַרטשעט אויס בלוט־פאַרלאָפענע אויגאַפּעס, פרייכט — און פון די פונאַנ־דערגעשפּרייטע נאָזדרעס זעצט אַ פאַרע ביז צום באַלטן.

משה חיימען וואָלט נישט שווער געווען אַ ציִ טון מיטן גרויסן חלף אַהין און צוריק מיט איין צוג, אַזוי ווי דער דין איז, אָבער איינשטעלן האָט ער נישט געוואָלט.

★

פערציק יאָר געווען שוחט אין ווישעגראַד און דאָך רופט מען אים דער קאַלושינער, וואָרום שטאַמען שטאַמט ער פון דער שטאָט קאַלושין, וואָס שמ׳ט מיט אירע גיבורים איבער גאַנץ פוילן.

נאָך קיין צען יאָר נישט אַלט געווען, האָט קאַלושין שוין געהאַט צו דער־ציילן פון אים גבורות.

פאַסירט האָט עס, איינמאָל, ביי שלוש־סעודות אין גערער שטיבל, ווען אַ חסיד, מיט אַ שוואַכן סאָפּראַן, האָט געזונגען בני היכלא און זיך געדראפּעט צו דער העכסטער אָקטאַווע. דעם יונגן משה חיים איז איינגעפאַלן איבערצו־שטייגן מיט זיין לייבנשטים דעם גרויסהאַלטער: דבי מלכאָ בגילופין! — זעצט אַרויס דער צעניעריקער גיבור א מעכטיקן אויפרייס, הויבט זיך אונ־טער און לאָזט זיך צוריק אַראָפּ איבער דער באַנק פון דריי צאָל די גרעב, באַזעצט פול מיט ידן; באַלד שפּרינגט ער ווידער אויף מיט אַ שאָס: כלבין דחצופין — און מיט איין האַסטיקן זאַמאַך צוריק אַרונטער. איבערן שטיבל טראָגט זיך א מוראדיקער ריטש: — כלבין דחצופין! — און די באַנק ברעכט זיך איין.

פינצטער איז דעמאָלט געווען, מיט דער האַנט אַנצוטאַפּן, און דאָס אָכצן פון געניזוקטע האָט דערגרייכט צום ווייטן בית־עולם...

ווען ס׳איז אים געוואָרן פערצן יאָר האָט ער שוין אַנטייל גענומען אין געשלעגן מיט פויערים אויפן מאַרק, איבערגעדרייט זייערע וועגענער מיט די רעדער אַרויף און געקאָסעט מיט זיינע פויסטן ווי אין שניט.

— חברה, היט מיר דעם רוקן! נאָר דעם רוקן! — און זיינע אייזערנע פויסטן דרייען זיך ווי אַ וויאַטראַק אויפן ווינט...

צוויי יאָר שפּעטער איז מיט אים געשען דאָס גרויסע אומגליק אויפן שול־הויף.

די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען. טורקואַזע און פיאָלעטענע פלעקן האָבן זיך נאָך געקלאַמערט ביים מערב־ראַנד; נאָר אונטערשיידן אַ הונט פון אַ פוקס האָט מען נישט געקענט.

משה חיים שפּאַצירט זיך איינער אַליין אויפן שול־הויף און באַמערקט נישט דעם ריזנקלאָץ אַוועקגעלייגט איבער אַ גרוב מיט געליאַסעוועט קאַלך. ער איז אומגעפאַלן, זיך צעזבענקט; האָט זיך אָנגעצונדן אין אים די גבורה:

— ברואים! לייגן קלעצער און באַלייכטן נישט מיט לאַמטערנס, מען דאַרף זיי אָנלערנען! מיט אַ טיגערישן שפּרונג אויפן מיט פון קלאָץ, טאַנצט ער אזוי לאַנג, ביז ער פאַלט מיט די צוויי העלפטן קלאָץ אין קאַלכגרוב אַריין.

מ׳האָט אים אַרויסגעראַטעוועט נאָך אַ לעבעדיקן, געכאַפּט קיין וואַרשע, דערנאָך אויף לאַנגע חדשים קיין ווין. אַ העלפט איז פון אים געוואָרן.

★

אַ שוועסטער האָט משה חיים געהאַט אין דעם שטעטל ווישעגראַד, איז ער געפאָרן צו איר, כדי קומען צו זיך.

ביים ערשטן פרישטיק לייגט זי פאַר אים אַוועק אַכט קייזערקעס און נעמט זיך פּאָרען אין קיך.

— ווו זענען די זעמל? — שרייט זי אויס, אומקערנדיק זיך פון קיך. דרייט דעם קאָפּ אויף רעכטס, אויף לינקס, דאָס מויל אָפן, ווי ביי אַ שלייען...

— אויפגעגעסן, קריינדל. ערשט קריג איך אַפּעטיט.

די שוועסטער איז אַריבערגעלאָפן צום בעקער נאָך אַ ראַזעווע ברויט פון זעקס פונט — פּירקאַנטיק און מיט אַ שפּיץ. דאָס ברויט קאָסט ביליקער און וויכטיקער נאָך: ס׳איז אַלט.

די שוועסטער האָט דערווייל אויפגעקאָכט אַ ביסל ציקאָריע און ס׳ווערט איר פינצטער פאַר די אויגן:

— ס׳ברויט! — פּלאַצט זי אַרויס — האַלטסט שוין ביים שפּיץ?

דאָס ברודערל, פאַרטון מיט די פענעצן, ענטפערט אפילו נישט.

— אַ בראָך צו מיינע יאָר! חיים, מיין מאַן, וועט זיך דערוויסן, וועט זיך טון חושך. מיר קענען דיך נישט אויסהאַלטן, משה חיים. פאַר אַהיים, צעוויינט זי זיך.

★

צוליב דעם פאַל מיטן קלאָץ אין קאַלכגרוב, קען משה חיים נישט האָבן קיין קינדער. דאָס האָט ער זיך דערוווּסט ערשט אין פיל יאָרן שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען שוחט אין ווישעגראַד און חתונה געהאַט מיטן צווייטן ווייב, אַן אלמנה.

די שוועסטער, קריינדל, האָט שוין נישט געלעבט און משה חיים האָט באַצאָלט כפל כפלים פאַר די אַכט קייזערקעס און פאַרן ראַזעווען זעקס־פונטיקן ברויט. ער האָט געהאָלפן דעם שוואָגער מיט די יתומים לאַנגע יאָרן, און היינט, אויף דער עלטער, אריינגענומען צו זיך דאָס איינציקע אייניקל זייערס, די יתומה פייטשע. זי איז ביי אים ווי אַן אייגן קינד, הגם ער קען נישט דאָס געפיל פון ליבע צו אַן אייגן קינד — איז ער צו איר גינציק; אפילו צער האָט ער פון איר, כאָטש דאָס מיידל איז נישט שולדיק, פאַרוואָס זי איז אים איינגעבאַקן אין האַרץ.

זינט ער האָט אַוועקגעלייגט די שחיטה און אַריינגענומען די יתומה צו זיך, האָט ער נישט מער קיין רו, פּירט מלחמות אין די נעכט מיט זיך אַליין, קעמפט קעגן געפילן וואָס ער ווייסט נישט פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, און נישט תמיד איז ער, משה חיים, דער זיגער.

דעם מיידלס בלוט שרייט צו אים אין די נעכט און ער האָט שוין קיין כוח נישט צו קעמפן מיטן יצר־הרע. ער זעט זי כסדר אין געשטאַלטן און פּאָזעס, קעגן וועלכע ער בלייבט אוממעכטיק:

— טריפה בלוט קאָכט אין דער מוידס אינגעווייד — שרייט ער אַ פאַר־מאַטערטער, נאָך אומריינע קאָשמאַרן...

— דוד המלך — טראַכט ער אין די פייַנפולע נעכט — איז אויך נישט בייגעקומען, היינט ווי זאָל ער אויף דער עלטער קענען עס בייקומען? אַ גיבור ביזן טיפן עלטער, אָבער דער תמצית פון גבורה: דאָס גובר זיין זיך אַליין, קומט אים אָן שווער און ביטער. טראַכטונגען אַזעלכע, צו אַלדי שוואַר־צע יאָר, און איינשלאָפן קען ער נישט.

אָט פאַרשווינדט זי שוין ווידער, די וואַנט, וואָס טיילט אים אָפּ פון מיידלס צימער, רוקט זיך פונאַנדער, און ער זעט זי אינעם צעוואָרפענעם בעטל אַן אויסגעטוענע, אַ צעשטראָלטע און אומעטיקע — אינאיינעם, זי וואַרפט זיך איבערן בעטל צאַפּלט און רופט אים: — נו, פעטער, קום שוין!

— טריפה! טריפה בלוט פליסט אין אירע אינגעווייד! ניין, ער וועט נישט שטרויכלען ביים ראַנד פון קבר, ער וועט נישט אַריין אין כף הקלע צוליב אירעטוועגן!

אינדערפרי איז ער צו איר גוטמוטיק ווי אַ טאַטע. פייטשע באַדינט אים,

רוימט און פאַרגרייט עסן מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע.

ער ווערט אַלט, שלאַבעריק און ראַסטיק, דער יצר־הרע האָט גענומען זיך שפּילן מיט אים. דאָס קינד ווייסט פון גאָרנישט, איז נישט שולדיק פאַר זיינע וואַכיקע, בייזע נעכט און צערודערטע פרימאָרגנס.

— משה חיים — רעדט ער צו זיך אַליין — וואָס איז געוואָרן מיט דיר אויף דער עלטער? ווו איז דיין גבורה? ווען־זשע וועסטו זיך נעמען אין די הענט אַריין?

— ביינאַכט ליגט ער ווידער פאַרזונקען אין מחשבות זרות, קען זיי נישט באַגוועלטיקן... ער באַוועגט די שווערע הענט, צעשאָקלט די מעכטיקע שולטערן — ניין, ער איז נישט געליימט, און גוט איז אים אויך נישט.

— עס איז מיר נישט גוט — קרעכצט ער נישט ווילנדיק, אויפן קול. פּייטשע פון דער אַנדערער זייט ווענטל רייסט זיך אויף פון שלאָף און דעכעט אימפּעטיק.

— כ׳בין דאָ! וואָס איז דיר, פעטער?

משה חיים דערקענט איר נישט, גלאָצט אויף איר לייכט־פאַרשלייערטער נאַקעטקייט און געוואָלט וואָלט ער דער דאָזיקער מאָמענט זאָל קיינמאָל נישט פאַרגיין...

— משה חיים, מישט זיך אַריין דער יצר־הרע, זינדיקן במחשבה איז נאָך האַרבער...

אין דער אותו רגע דערבליקט משה חיים דעם אָפענעם תהום.

—אַרויס, חצופה! נאַקעט ביסטו!

די רעשט פון יענער נאַכט האָט דאָס מיידל געוויינט אין בעטגעוואַנט אַריין — וואָס האָט זי געטון וואָס מען טאָר נישט? — דער פעטער האָט געשריגן אז ס׳איז אים נישט גוט; וואָס האָט ער צו איר? זי האָט אויך נישט פאַרשטאַנען צומאָרגנס, פאַרוואָס דער פעטער שפּאַנט נאָך אירע טריט מיט ליבלעכע רייד... באַדויערט ער, דער אַלטער?

✶

לעצטנס זעט זי אים זייער אָפט אין חלום. דעמלט איז ער זייער גוט צו איר, גלעט אירע בלאָנדע האָר און רעדט אויסטערלישע רייד; אַוודאי וואָלט

ער זיך געשפּילט מיט אירע שיינע צעפּ, ווען ער וואָלט געווען יינגער. דאָס אַלץ, פּייטשע, זענען נאַרישע חלומות, זינדיקע, ליב קינד.

דעם מיידלס חלום שפּינט זיך ווייטער. פּלוצלינג דערפילט זי אַ שווער געוויכט דריקן אויף אירע בריסטן. אַרומגענומען פון שטאַרקע הענט אַזש זי פאַרלירט דעם אָטעם. זי כאַפּט זיך אויף מיט אַ געשריי:

— ווער איז עס, דו, פעטער?

— האָסט געשריגן אין שלאָף, בין איך געקומען. וואָס איז דיר, קינד?

— ביסט דאָ געווען פריער, זאָג דעם אמת!

— עס קען זיין. אין שלאָף איז אַלץ א חלום און ביי מיר איז דאָס גאַנצע לעבן א חלום. ביים סוף פון מיין חלום דריקן שווערע נסיונות — שרייען טאָר איך נישט, וויינען קען איך נישט.

דאָס מיידל האָט פון דעם אַלטנס פּלאָפּלען נישט פאַרשטאַנען קיין איינציק וואָרט. זי איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין.

✶

דריי פרויען האָט ער געהאַט, משה חיים. די ערשטע — יוכבד האָט זי געהייסן — איז ער נישט געווען פאַר איר.

אַ דיקע בלאָנדינקע, אַן אָנגעבלאָזענע, מיט געפאַרבטע ליפּן און גע־שוואַרצטע ברעמען, מיט אַ קאָפּשאַקל אין דער ברייט, וואָס מיינט צו זאָגן: עך, יוכבד, בין נישט איינשטימיק. אין שטעטל האָט מען איר גערופן: „זייטשע מוחל, רוקט זיך אָפּ", נישט מחמת פרומקייט וואָס ווייבער זאָגן דעם שפּרוך ביים אַרויסגיסן אומריינקייט אין די נעכט, כדי מזיקים זאָלן נישט מזיק זיין, חלילה. אַ פרומע איז דאָס ווייב נישט געווען, קיינמאָל קיין פאַרטוך נישט געטראָגן, כאָטש אַלע ווייסן ווי שעדלעך ס'איז פאַר אַן אשה נישט צו טראָגן קיין פאַרטוך, ווען זי איז איינע אַליין.

ביי יוכבדן האָט דער מאַן אפילו נישט געוווסט, אז ער קען קיין קינדער נישט האָבן. אַ גרויסהאַלטעריך, פּוסטע מעשיות האָט זי נישט ליב, פלעגט זי אים אָנשרייען. איר איז נישט געפעלן וואָס דער „צלאָפּ" לערנט זיך שחיטה.

— בלוט שטינקט!

געהערט א מעשה? ווער ווייסט דאָס נישט אַז בלוט איז אַלץ מיטאַנאַנ־

דער? בלוט איז דאָס נפש, נאָר גייט טענהט מיט אַ פּאָסטעמפּאָוועער יידענע פון גאַליציאַנער יחוס. פון אלע לשונות וואָס זי האָט געקענט רעדט זי צום כּאָן מענה־לשון:

— וואָצו, יודאַ, דאַאַנע בישער? אימער איין מושב און איך מוז נאָכ־רוימען — מיט וועמען האָט מען מיך פאַרשלייערט?

דאָס צוזאַמענלעבן האָט מיט יעדן טאָג זיך געטעפּעט. ווען ס'איז אָנגע־קומען די קבלה אויף ווישעגראַדער שחיטה, איז די מאַדאַם יוכבד אַוועק צו אירע עלטערן. דעם גט האָט משה חיים נאָכגעשיקט קיין ריישע מיט אַן עקסטערן שליח.

✶

אויך די צווייטע פרוי, צוועטל, איז נישט געווען פאַר אים. נישט געווען קיין גרויסהאַלטעריך, נישט קיין שיינע, נישט קיין יונגע, נאָר אַ פרומע אשה און אַ מזג־טוב. אַ ווייכהאַרציקע, מיט אַ גרייטער טרער אַרויסצווייזן מיט־לייד דעם באַדערפטיקן, האָט זי נישט געוווּסט פון ווידערשפעניקן.

— מענטשלעכקייט — פלעגט זי זאָגן — איז מער ווי תורה, נאָר וואָס דען? מען לערנט תורה כּדי צו קענען מענטשלעכקייט. ווי זאָגסטו, משה חיים? מיין בנימין, דיר צו לענגערע יאָר, פלעגט דאָס זאָגן שטענדיק.

בנימין איז געווען איר זעליגער מאַן, אַ קליינשטעטלדיקער מו"ץ.

איר פרומקייט האָט געשמט אין דער גאַנצער ווישעגראַדער געגנט; „מנורת המאור" פון אויסנווייניק, דאַוועגען — ווי אַ וואַסער.

אויך אין אַ פּראָסטן מיטוואָך פלעגט צוועטל דורכשפּאַנען אַ גרויסע טייל פון שטעטל מיט איר שווערן קרבן־מנחה סידור אונטער דער פּאַכווע, שפּאַנען מיט דריבנע טריטלעך צו דער ווייבערשול. זי האָט גאָרנישט פאַר־געסן, נישט דאָס פאַרטוך, געגליכן צו א טלית־קטן, נישט דאָס שנופּטיכל, להבדיל, און דאָס קוקגלעזל צו קענען לייענען מיטן לינקן אויג.

אין שול, ביי איר „שטאָט" עפנט זי פּאַוואָליע דעם שווערן סידור, טוט אַ שנופּ מיט דער נאָז ביז רויטקייט, נעצט איין דעם מישפינגער און פאַנגט אָן צו לייענען די תפילה קודם התפילה.

מי אנכי — שעפטשעט זי שטיל און בליקט אַריין מיטן קוקגלעזל אין הייליקן עברי־טייטש — ווער בין איך?

באַלד כאַפּט זי זיך פאַרן הייבל, אזש אַלע ציטערשפּילקעס און שטערנ־דלעך ציטערן צוזאַמען און עס ווערט אַ רעש אין דער לײדיקער שול:

— אוי, שטאַרקער פעלדז, ווער בין איך? נו טאַקע, ווער בין איך?

— ביסט צוועטל די גבאיטע! וועסט צו גאַרנישט זוכה זיין! — שרייט ווייסע חברה אין דרויסן — ביסט קליין און דאַר, הויט און פרומקייט...

— הלוואי — זאָגט משה חיים מיט גרימעניש — וואָלסטו ווייניקער געסטענקעט אין תורה, וואָלטן דיינע געריישטע זופּן נישט אַזוי געשלאָגן צו דער גאַל. כ׳האָב שוין געגוג פון דיין פרומקייט און פון דיר אַליין, הערסט?

— וואָעס, ביסט גאָר א זוינער? ווילסט מיך אָפּגטן? — נעמט זי הויך געוואַלדעווען — חושך וועט זיך טון! די גאַנצע שטאָט וועט זיין מיט מיר!

זי קען זיך מער נישט באַהערשן און שלוכצט:

— בנימין זעליגער, שטיי אויף פון קבר און הער זיך צו ווי מען רעדט צו מיר!

די קריגעריי איז אַרויס אין גאַס, טרערן און חרפּות, פאַר קיין ייד נישט געדאַכט. ענדלעך האָט די שטאָט געהאַלטן מיט משה חיימען. פאַר גרויסע סומעס און בטוחות האָט צוועטל מסכים געווען אויפן גט און איז פאַרשוווּנדן ווי דער רויך.

⁂

אין יענער צייט האָט משה חיים באַוויזן צוויי נייע גבורות. איבער דעם לאַנגן וועג־אַראָפּ צו דער ווייסל, איז געפאָרן אַ וואָגן מיט צוקער־באָרקעס צו דער פאַבריק. דער פורמאַן האָט געהאַט פאַרגעסן צו האַמעווען די צוויי הינטערשטע רעדער און די פערד האָבן זיך ווילד צעבריקעוועט.

די געפאַר איז געווען גרויס. אויף טויט דערשראָקן, זענען מענטשן זיך צעלאָפן, אַליין נישט צו וויסן ווי אַזוי און וווּ. משה חיים איז אַראָפּגעשפּרונ־גען פון שולבאַרג, אָפּגעוואַרט באותו רגע דעם האַצקנדיקן וואָגן מיט די צעלאָזטע פערד, אַ כאַפּ געטון דאָס פאָדערשטע לינקע ראָד מיט דער האַנט און אָפּגעשטעלט דעם משא־וואָגן, ווי דער שטאַרקסטער האַמוליעץ.

די צווייטע גבורה האָט ער באַוויזן אין שמחת־תורה פון זעלבן יאָר.
היפש בגילופנדיק, האָט ער אַרויסגעבלאָזן דעם דנאָ פון אַ בירפלאַש ביז צו אַ ווייטן שטח הינטער דער שטאָט.

מיט התפעלות האָט מען גערעדט וועגן זיין גבורה, אָבער קיינער אין שטאָט האָט נישט געוווסט וועגן זיין גבורה שבלב, די געראַנגלען וואָס ער פירט מיט זיך אַליין און איז זיך גובר.

★

ענדלעך, ערשט די דריטע פרוי, רייצע, איז געווען זיין באַשערטער זיווג.
זי איז געווען א בריה אין באַלעבאַטישקייט: קאָכן און באַקן ווי נאָך קיינער נישט. האָט אָפּגעהיטן די דריי מצוות פאַר ווייבער און נישט פאַר־לוירן זיך אין פרומקייט. איר פרומקייט איז באַשטאַנען אונטערצולענען איר מאַן מיט גוטע, געשמאַקע עסנס און זיין נאָך הונדערט און צוואַנציק זיין פוסבענקל.

זי איז געווען נישט קיין שיינע, נישט קיין פרומע, נאָר א באַלעבאָסטע — איינע אין שטאָט, צוויי אין דער מדינה.

פאַר אַ געמעל קען דינען שמואל קצבס שילדערונג פון זיין וויזיט ביי משה חיימען אין די ניין טעג.

ער טרעפט משה חיימען איבער אַ גרויסער שיסל לאָקשן מיט מילך. די פּאַרע זעצט און שטייגט אַלץ העכער ביז די קאַרניזן און געזימס פון קאַכליע־אויוון. משה חיים עסט נישט, וואַרט.

— צו געדיכט, רייצע, רייצע?

ווי דורך אַ כישוף קומט רייצע אָנצופליען מיט אַ קענדל הייסע מילך.

— שוין צו שיטער! ברומט ער דורך די נאָזלעכער, ווי אַ צערייצטער שטיר.

אין דער זעלבער מינוט קערט זיך איבער אַ טאָפּ לאָקשן אין דער שיסל אַריין. זי האָט געקאָכט, די שיסל, ווי דער שטורעמדיקער ים מיט אָפּפּלוס און צופלוס...

רייצע האָט אים אָפּגעהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג, געפּלעגט אים מיט ליבשאַפט. פון קישקע און מילך אַלס צולאָג צו דער פּרנסה האָט רייצע

געפּראַוועט מאַכלים מעדנים פאַר אים — געזונט זאָל ער זיין און שטאַרק — טאַטע לאַטיקער אין הימל !

אַנדערש אין די חדשים טבת־שבט, אין סעזאָן פון גענדז. דעמאָלט שטעלט זי אָן גאַלער אויך פאַרן רב און פיינע בעלי־בתים. אויך דאָס פלעגט זי טון פאַרן מאַנס געזונט וועגן.

וואָרום אין די צוויי ווינטער־חדשים מוז דער שוחט טועם זיין פון יעדער גאַנדז וואָס ער שעכט, כדי נישט געניזוקט צו ווערן, ווי עס ווערט געברענגט אין די הייליקע ספרים. דערפאַר שניידט מען אָפּ פון דער געשאָכטענער גאַנדז אַ פּיסל, וויפל גענדז אַזויפיל פּיסלעך — גאַנצע קופּעס.

רייצע האָט גענומען קרענקען און איז אַוועקגעריסן געוואָרן, לא עלינו. ראַפּטעם קומט דער סוף פון אַן אידיליע. שטענדיק קומט ער פּלוצים...

✶

משה חיימס הענט ציטערן אַלץ מער און שטאַרקער, די פיס — קלאָציק־שווערע. פייטשע, די יתומה, וואָס ר׳האָט אַריינגענומען צו זיך אויס רחמנות, איז אַוועק און — ווי אין וואַסער אַריין. גרויסע יסורים אויסגעשטאַנען צוליב איר, גרויסע קאַמפן געפירט במחשבה וועגן איר און זינט יענער נאַכט, ווען זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, איז זי פאַרפאַלן געוואָרן, איבערגעלאָזט אים, דעם אַלטן מאַן, אין טרויער און אין בענקעניש.

לאַסטיקע חרטה־געפילן לאָזן אים נישט איינרוען, טעג און וואָכן ריטשט ער זיך מיט זיינע געליימטע פיס אַרום די נאָענטע געסלעך, שטעלט זיך אָפּ הינטער פענצטער, האָרכט זיך איין. מינוטן לאַנג שטייט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן און טראַכט : ווהין איז זי פאַרפאַלן געוואָרן ? ווי מעג ער, משה חיים, זיך פאַרהוילן פון אייגן בלוט און פלייש ? אדרבה, זאָל זי קומען מיט אָפענע רייד און זי וועט אים פאַרגעבן די איינציקע שוואַכקייט אין יענער נאַכט...

דערנאָך ריטשט ער זיך צו בלומע־חיהען, וווּ עס איז דאָס גרערער שטיבל — ער קען נישט מער זיין מיט זיך אַליין. — אפשר וועט ער הערן אַ וואָרט, פון פייטשען זיך דערוויסן ?

זיינע פיס ווילן אים מער נישט פאָלגן. די לייסטלעך אַרום די ספרים־

פּאָליצעס, טישן און שולחנס זענען שוין לאַנג אָפּגעריסן פון זיין אָנהאלטן זיך. מער קיין כוח האָט ער נישט.

— רבונו דעלמא כולו, פאַרוואָס האָסטו מיך אַריינגעשליידערט אין טיפן עלטער מיט איין איינציקן זינק?

קאפיטל זיבן

די יונגע אלמנה

שמעון וואַך, וואָס וווינט ביי בלומע־חיהען אין הויף, ווו עס געפינט זיך דאָס גערער שטיבל, איז אַן אַלטער בחור, אַ דזשיוואַק. ער האַנדלט מיט פּרי־צים. רייך איז ער און קאַרג. אין בוידעמשטיבל וווינט ער פון פרייטיק מיטאָג ביז זונטיק פאַרטאָג, און ווידער ווערט ער פאַרפאַלן אויף אַ גאַנצער וואָך. פון אַלע זיינע שידוכים האָט זיך אויסגעלאָזט אַ.... בוידעמשטיבל, ווו ער וווינט „אויף דערוויילי" אַ לעבן לאַנג.

צי מיינט ער אַ פרוי וועט אים נעמען צוליבן געלט און וועט אים נאָך שולדיק זיין אַ חשבון ?

אין קליינעם, ענגן בוידעמשטיבל האָט קיינמאָל די זון נישט אריינגע־שיינט. רייך און קאַרג — איז שמעון וואַך; פון יענע לייט וואָס פאַרגינען זיך אַליין אויך נישט.

באַרג־אראָפּ לויפן די יאָרן שנעלער. שמעון וואַך איז אַריין אין אַלטקייט. פון יאָר צו יאָר האָט ער פאַרמערט זיינע פאַרמעגנס, אָבער ס׳געזונט — פאַרמינערט. ביז צוגווינטן האָבן גענומען וויכערן אין זיינע הוילקייטן — די בעסטע זכרונות פאַרשלינגען.

געשען איז עס אויפן וועג קיין ווישעגראַד, אין אַ שנייִקן, פראָסטיקן פרייטיק. שמעונס מאַנאָפּאָלקע איז געווען אויסגעלערט ביזן דנאָ און די קעלט האָט זיך אַלץ שאַרפער איינגעגעסן אין זיין געביין. וויאזוי ער איז סוף כל סוף דערקראָכן צום בוידעמשטיבל — געדענקט ער שוין נישט.

ווען נעכע, זיין שכנטע פון פאַרטער, האָט ווי יעדן שבת אין דער פרי געברענגט אים עסן, האָט זי אים געטראָפן א צעגליטן אין הויכער היץ.

— ס׳וועט איבערגיין, נעכע, אַ פאַסקודנע וועטער, געכאַפּט א צוג — און צוריק אין שלאָף אַ פאַרכראָפּעטער פאַרזונקען.

אָפּגעריסענע וואָלקנדלעך, קרוע־בלוע, בלאַנקן אונטערן שנייִקן הימל, שפּילן זיך מיט די ווייסינקע פליטערלעך וואָס פאַלן און צעגייען. אונטן, אויף באַשנייטער ערד טאָפּטשן חסידישע יונגעלייטלעך, שמועסן תורה און אין איינוועגס קומען זיי אָפּ גילגול שלג... פון אַ קוימען אַרויס שלאָגט אַ שוואַרצלעכער רויך און לייגט זיך נידעריק צו זייערע פיס.

— וואָס טוט זיך דאָ כאַסקל? מיר דאַכט זיך עס ברענט ביי שמעון וואָכן.

עס איז מנחה־צייט. דער הימל איז טריב, און הויף זעצט דער געדיכטער רויך מיט לעבעדיקע פונקען.

— עוכר ישראל! — לויפן אַרויף הייסע חסידים צום בוידעמשטיבל אַרויף און זייער געשריי ווערט פּלוצלינג אָפּגענומען: דער אַלטער שמעון וואָך, זעען זיי, שטייט אָנגעטון אין די תפילין און אויפן אויוועלע קאָכט זיך פּערלגריץ.

דער אלטער, טויט־דערשראָקן צעוויינט זיך:

— זיך אויפגעכאַפּט פון טיפן שלאָף, געמיינט עס איז שוין זונטיק. דער זייגער איז שטיין געבליבן ביים ציפער פיר און דער פאַרנאַכט איז היינט ענלעך צום פאַרטאָג...

אָפּגעלעגן אין פלאַצקער שפּיטאָל פיר חדשים ביזן טיפן פרילינג, איז שמעון צוריקגעקומען איינזאַם און צעבראָכן — איינער אַליין אין זיין בוידעמ־שטיבל.

✶

אין יענער נאַכט, ווען פייטשע, די יתומה, האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, האָט זי געוווּסט, אַז מער מיטן פעטער טאָר זי נישט זיין. פאַרטאָג האָט זי צונויפגענומען אירע זאַכן אין אַ טלומעק און צוריקגעקומען צו נעכען דער פישהענדלערין, ביי בלומע־חיהען אין הויף.

נעכע האָט זי געכאָוועט פיר יאָר צייט, ביז זי איז אַריבער צו משה חיים שוחט, איר עלטער־פעטער, נאָך רייצע דער שוחטקעס טויט.

דאָס מיידל האָט זיך נישט באַוויזן אין גאַס און נישט געוואָלט דעם שוחט פאַרשעמען. אָבער פאַרבלייבן ביי דער אָרעמער נעכע איז נישט געווען קיין תכלית.

דער אַלטער שמעון וואַך, ווען פּייטשע פּלעגט אים אַרויפברענגען עסן, האָט געגומען איר אויספרעגן נייעסן, פאַרהאַלטן איר לענגער און בכלל זיך באַצויגן צו איר ווי צו אַ קליין קינד:

— איך האָב אַ סך געלט, מיידעלע, און לעבן אייביק וועל איך נישט. אויב דו וועסט באַשטיין, וועל איך דינגען אַ געראַמע דירה און דו וועסט וווינען ביי מיר. האַ?

— אויף וואָס זאָל איך באַשטיין, רב שמעון? פאַרוואָס רעדט איר צו מיר אַזוי?

— קענסט מיך רופן שמעון און זאָגן מיר דו, מיידל. פאַר דיר איז גוט וואָס איך בין אָרעם אין יאָרן און רייך אין געלט. אין גרוב וועל איך מיין געלט נישט מיטנעמען. געלט העלפט נישט ווען דער טויט קומט.

פּייטשע איז אַנטלאָפן אַן אַנגעצונדענע, נישט פאַרמאַכט די טיר. די זעלבע רייד האָט גערעדט צו איר נעכע.

— נאַרעלע, ווי לאַנג וועט ער נאָך לעבן? וועסט זיין דערנאָך יונג און רייך, וועסט קענען טון אַ גליק־שידוך. אַ סך עלטערן וואָלטן געוווּנטשן זייערע קינדער אַזאַ גליק.

— מיך עקלט פון די אַלטע מענער. זיי קריכן ווי שפּינען אין דער פינצ־טער. בררר... כ׳וועל אַנטלויפן, כ׳וויס נישט וווהין, נאָר איך וועל נישט צוריקקומען. איך קען נישט מער! פאַרוואָס זענען מיינע טאַטע־מאַמע אַזוי יונג געשטאָרבן און מיך איבערגעלאָזט איינע אַליין אויף דער וועלט?

עטלעכע מאָל אַ טאָג האָט נעכע געמוזט קלעטערן איבער די שמאָלע טרעפּ מיטן עסן פאַר שמעונען.

— וווּ איז די קליינע? פאַרוואָס קומט זי נישט, האַ? האָב איך איר דעם האָנער אַנגערירט, האַ?

— אַלע זענט איר אַזוי, איר מענער: באַלד גייט עס אין האָנער. זאָגט מיר, שכן — בייגט זי זיך צו נענטער — איר מיינט זי ערנסט? דאָס מיידל געפעלט אייך? זאָל איך שוין האָבן אַזאַ גוט יאָר ווי זי קען געפעלן ווערן! אָבער צו יונג פאַר אייך. צוערשט וואָלט איר באַדאַרפט קויפן און אויס־מעבלירן אַ לייטישע דירה, קויפן מתנות. איר האָט שוין פאַרגעסן, רב שמעון, ווי מען גייט זיך אום...

פּיטשע האָט פון דעם אלעם נישט געוואָלט הערן:

— דער אלטער וועט נאָך מיך איבערלעבן! חתונה האָבן וויל ער צו לעבן און נישט צו שטאַרבן. פאַרפייניקן וועט ער מיך!

— ס'האַלט נאָך נישט דערביי, נאַרעלע וואָס דו ביסט. טו דיר דיין אַרבעט און וועגן שידוך — פאַרלאָז דיך אויף מיר! פריער וועט נישט זיין קיין רייד וועגן אַ חתונה ביז אַלץ וועט נישט זיין אָפּגעשריבן אויף דיין נאָמען ביזן לעצטן גראָשן.

זי האָט גענומען ריידן שטילער, אין אויער איינראָמען: אָפּבייסן אַ שטיק וועט ער דיר נישט, אַז דו וועסט וועלן אַוועק, וועסטו שטענדיק קענען. נישט דו האָסט אים אָנגעבאָטן — יאָ, צי ניין?

✶

אלע אין שטעטל האָבן זיך געגרייט צו דער חתונה. מיט צוויי טעג פריער האָט שוין שמעון בעקער זיך געפּאָרעט מיט אַלערליי געבעקסן: לעקעכער, שטרודלס, פלאָדנס, פיינקוכנס, אַניס־ברייטלעך...

אין הויף פון דער נייער דירה, אויף וואַרשעווער גאַס, האָט מען געהובליע־וועט ברעטער, צוזאַמענגעקלאַפּט סטאָלעקעס, געסדרט טישן פאַר הונדערטער אָנטיילנעמער. יעדער איינער האָט געוואָלט מיטהעלפן, מקיים זיין די מצווה הכנסת כלה.

אין טאָג פון דער חתונה, האָט מען נאָכמיטאָג פריי געלאָזט די קינדער פון די חדרים, זיי זאָלן זיך איבערטון און קומען צו דער חופה אויפן שולבאַרג.

איציק שמש האָט אויסגערופן אין די גאַסן, אַזוי ווי ביי ליכט־צינדן: „יעדער וואָס וויל קומען צו דער חתונה איז פאַרבעטן!"

אויפן שולבאַרג האָבן שוין געפלעמלט הונדערטער ליכטלעך, ווען געלע די טיקערין האָט געברענגט אין שול אריין דאָס נייע פּרוכת, מיט צוויי לייבן, אויסגעשטיקטע מיט גאָלדענע פעדעם — לזכרון דער חתונה. נעכע, די פיש־הענדלערין, האָט געשענקט צוויי טוץ מעשענע גלעקלעך און צוויי טוץ קלימ־פּערלעך. נייע טראָלדן האָט געברענגט מלכה איטשע־מאיר זייגערמאַכערס.

מיט זיין שווערן גאַנג, האָט דער אַלטער רב זיך געפּעדערט צו זיין פון די ערשטע שושבינין און געהאַלטן די גאַנצע צייט אין איין קוקן צום הימל.

אומרויִק איז געווען די כלה. זי האָט כסדר געפרעגט אויף איר פעטער,

רב משה חיים, צי איז ער שוין דאָ. פאַרוואָס פאַרזאַמט ער זיך, זי זעט אים נישט און שוין פירט מען זי צו דער חופה.

— לאָמיר וואַרטן אויפן פעטער, בעט זיך די כלה.

ביי משה חיימען אין קלויסטער־גאָס איז די טיר פאַרשלאָסן און די ליכט אַרום דער חופה נעמען זיך טאָפּיען, בריען אַלעמען די פינגער. נאָך די הקפות און קידוש, ווען דער חתן האָט אָנגעטאָן זיין באַשערטע דאָס גאָלדענע רינגל און געזאָגט מיט צערודערונג „הרי את מקודשת״ — האָט ער זיך פלוצלינג צעהוסט, נישט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, דאָס וואָרט „לי״ האָט שוין קיינער נישט דערהערט.

— נו! נו! — האָבן זיך מענטשן געחידושט. נאָך מער חידוש איז געווען ביים אויסרופן דרשה־געשאַנק:

— מורינו מרא דאתרא, שענקט חתן־כלה פיר זילבערנע לייכטער, כסף טהור!

— החסיד רב אברהמעלע שוחט דנן, שענקט אַ זאַץ חומשים פון ליוואָרנא און דאָס ספר עין־יעקב, געבונדן אין לעדער!

— רב חיים אהרון פירשט, אונדזער זקן הזקנים, שענקט אַ האַלב טוץ גאָפּל, מעסער, לעפל, איבערגעזילבערט!

— אַ קידוש־בעכער שענקט רבי נפתלי, אונדזער מו״ץ!

— אַ בשמים־ביקס פון אַלטאָנאַ, שענקט רב אליעזר כהן, אוראייניקל פון ליסער רב, זכרונו לברכה!

— איך שענק די שבע־ברכות!

אין זאַל איז אַנטשטאַנען א גרויס געפּילדער: ווער האָט געשאָנקען די שבע־ברכות, וואָס איז דער טעם דערפון? ווער האָט דאָס אויסגערופן?

עס איז געוואָרן אַ פלא. און נאָך מער פלא איז געוואָרן אין שטאָט צו־מאָרגנס, נאָך די לעצטע שבע־ברכות, ווען דער חתן שמעון איז מער נישט אויפגעקומען פון זיין שלאָף.

אויך משה חיים איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. מ׳האָט אים געטראָפן מיטן פנים פאַרשפּיצט צום באַלטן. דאָס מויל און די אויגן אויפגע־ריסן און די הענט, זיינע גרויסע שווערע הענט, פאַרקרעמפּעוועט איבערביידע קאַנטן בעט.

אין זיין צוואָה האָט ער פאַרשריבן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, ביז צו אַ שנורבענדל, פאַר דער עלנטער יתומה.

אין דעם טאָג זענען געווען אין ווישעגראַד צוויי לוויות, איין קבר לעבן צווייטן.

דער אַלטער רב, ביים הספד, האָט אַ קוק געטון צו די געטריבענע וואָלקנס, אַ וויש געטון די צעקנאָדערטע ווייסע באָרד און גערעדט אין פלאַטערניש ווי צו זיך אַליין:

— ווער ווייסט וואָסערע סכסוכים די צוויי זקנים און די יתומה, היינט אלמנה, האָבן געהאַט צווישן זיך אין פריערדיקן גילגול ?...

קאַפּיטל אַכט

אברהמעלעס שטראָף

דער שליח־ציבור אין גערער שטיבל, ר׳ חיים יצחק שווירץ, האָט זיך ביים ראש השנהדיקן דאַווענען טועה געווען, פאַרטוישנדיק די יוצרות: „ללובש כעסו ביום דין לכובש צדקות בדין״; שטאָט „צו דעם, וואָס האַלט איין דעם כעס״, האָט זיך באַקומען „צו דעם וואָס קליידט זיך אין כעס״.

אַ שרעק האָט אויפגעפלאַצט אין שטאָט. פרומע יידן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרקלערטע, זקנים האָבן אַזוינס נישט געדענקט. ר׳חיים יצחק שווירץ איז געווען פאַררעכנט צווישן די חשובסטע בעלי־בתים אין שטאָט, מיט זיין ברייטער האַנט און ערלעך וואָרט. ביי אים האָט געהויזט תורה און גדולה אונטער איין דאַך: דער זון — אַ דאָזאָר, דער איידעם — אַ באַזיצער פון גרעסטן טאַרטאַק איבערן גאַנצן שטח פון נאָווידוואָר ביז פלאָצק. נאָך צוואַנציק יאָר זיין בעל מוסף אין די ימים נוראים אין גערער שטיבל, האָט דער זקן ורגיל זיך טועה געווען און פאַרמישט די יוצרות.

✶

פאַר מוסף שטייט ר׳ חיים איבערן תיקוני זוהר איינגעהילט אין זיין געלבלעכן טערקישן טלית, די זילבער־עטרה איבער די אויגן און ער רירט זיך נישט פון אָרט.

דאָס זענען מינוטן פון זיין חשבון־הנפש. שטיל האָרכט ער זיך איין אין זיך, זיין האַרץ ברעכט זיך אויף שברים... פעסטער האַלט ער זיך ביים עמוד און מיטן לעצטן קוק אויפן „שויתי״ לאָזט ער ארויס זיין געהאַריש געשריי:

— יתגדל ! ויתקדש !

באַלד כאַפּן די משוררים אונטער:

— אוי, אוי, אוי... אוי, אוי, אוי...

די ליכט שמעלצן זיך, ווי אין גסיסה; דערשראָקענע כאַפּן זיך אויף צאַנ־קנדיקע פלעמלעך, הערן זיך אין אינעם הייליקן געזאַנג פונעם ש״ץ. יעדער פון די מתפללים האָט זיך אויסגעטון פון דער ערדישער וועלט, זיין נשמה בענקט איצט צום כסא־הכבוד פון וואַנען זי איז נחצב...

ביים פיוט: „היום הרת עולם" פילט זיך ר' חיים יצחק שוואַך ווי אַ קינד נאָר וואָס געבוירן, דעקט אויף דאָס פּנים און קוקט זיך אַרום מיט אַ פרעמדן בליק. ווי זאַנגען אין שטורעם, זעט ער דעם עולם יידן זיך קאַרטשען און ציטערן, — עס האַלט שוין ביים פיוט „לאל עורך דין", ביי וועלכן אַלע מוזן נאָכזאָגן שורה נאָך שורה לויטן אלף־בית.

אַנגסטן נעמען אים אַרום, ר' חיימען, פון שווערן פּחד. ס'נעמען אים שווינדלען די אויגן, די אותיות אין מחזור טאַנצן אין רעדער. מיליאָסן גרינע און רויטע פינטעלעך שוועבן פאַר זיין מטושטן בליק. ווען ער פאַרמאַכט אויף אַ רגע די אויגן הערט ער גאָר אַ פּאַטשעריי איבער די טאָוולען פון די מחזו־רים:

— לכובש! לכובש!

ער דערכאַפּט זיך מיט האַרצשטאַרק און פאַנגט אָן אויפסניי מיט גרויס בכיה פון אַלף אָן.

נאָכן דאַווענען פרעגט אים ר' אברהמעלע שוחט, אזוי כלאחר יד:

—האָסט נישט מורא, חיים? פאַראַן אין ספרים: טעות אין תפילה מיינט עונש...

★

אינעם טאָג פון שמחת־תורה, האָט ר' חיים שווירץ פּרייגיביק, האַרציק זיך געפרייט און געטריבן פון זיך דעם קומער, נישט געלאָזט אים צוקומען אויף קיין רגע נישט.

היינט, שמחת־תורה, הויבט מען ווידער אָן פון בראשית, מיט נייעם כוח און מיט באַנייטער האָפענונג צו קענען איבערהאַלטן דעם שווערן גלות.

ווידער שטייען יידן אונטערן באַרג־סיני, כדי מיט באַנייטע כוחות פון דער תורה ממשיך צו זיין דעם שווערן וועג פון גלות — צו גאולה.

פונדעסטוועגן האָבן אין די גרעסטע מאָמענטן פון חדווה געקאַפּעט נישט

ווילנדיק טרערן ביי ר׳ חיימען; דער פאַל מיטן טעות האָט אים שטענדיק דערמאָנט וועגן עונש און געטראַכט האָט ער וועגן אייביקן וועג.

★

קעגן חנוכה־צייט ליגן אָנגעוואַליעט גרודעס שניי איבערן גאַנצן שטעטל. פון אומעטום פינקלען אַרויס דימענטן: נו, וואָס שטייסטו? בוק זיך איין און שאַר!... עס איז די ווײַ־נאַכט פון ניטל, די נאַכט ווען יידן טאָרן נישט לערנען, די נאַכט ווען די אומריינע האָבן שליטה און בייזע שרעק הויערט אויף יידישע שוועלן. עס הודזשען ווינטן ווי אָפּגעריסענע פון קייטן און ס׳הערט זיך פון גאַר ווייט דאָס בלעקעצן פון שיכורע קולות:

— הײַדאַ דאַנאַ! הײַדאַ דאַנאַ!

קינדער פאַרכטן זיך אונטער קאָלדרעס, עס דרעפּטשען פרעמדע טריט אין שניי און גוט איז וואָס די שווערע פאָרהאַנגען פאַרשטעלן וואָס די שויבן זעען.

רב חיים יצחק שווירץ קען נישט איינשלאָפן. פון דעם קליינעם קאַנעצל קומען אויף שאָטנס פון פינצטערע צייטן, עס קומען גייעס אין גרויסע מחנות מיט ברענענדיקע פאַקלען און יויזל־פיגורן. מיטאַמאָל נעמט אים שוידערן איבערן רוקן, פינטעלעך גרינע און רויטע נעמען טאַנצן פאַר די אויגן, אויך ווען ער פאַרמאַכט די אויגן דרייען זיי זיך אין געווירבל. עס קומט אים פלוצלינג אויפן רעיון דער קיטרוג ביים „עורך־דין״, ווען ער, חיים יצחק בן יוסף, האָט אויסגערופן מיט זיינע אייגענע ליפּן: „ללובש כעסו״... עונש וואַרט אויף אים...

★

אין די יונגע יאָרן האָט ער געלייענט דעם באַוווסטן בריוו פון רמב״ם ז״ל צו רב שמואל איבן תיבון אין פראַנקרייך, ווי אַזוי ער איז טרוד און פאַרברענגט אַ העלפט פון יעדן טאָג צו היילן קראַנקע.

„בהשכמה קום איך אָנצורייטן אויף מיין אייזל צום מושל־ חסד איבן על רשאַד. דאָרט פאַרזאַם איך אַ שעה אָדער צוויי פאַרן געזונט פון די איינוווינער פון פּאַלאַץ. ווען איך קום צוריק אַהיים איז מיין

הויף פול מיט קראַנקע. מחמת זייער גרויסער צאָל און מאַנגל אין צייט קוק איך נאָר אויף זייערע פּנימער און פאַרשפּרעך זיי רפואות."

אין איינעם אַ טאָג האָט דער רמב"ם געזען צווישן די קראַנקע אַ יונגן אַראַבער מיט אַ פולבלוטיקן פּרצוף, זיינע אויגן שפּריצן מיט חוצפּה און פיינטשאַפט צום יידישן לייב־אַרצט, וואָס איז באַשאָנקען מיט כבוד און רום.

דער רמב"ם האָט זיך צו אים דערנענטערט און אַ זאָג געטון שטיל:

— פאַר דיר, יונגערמאַן, איז נישטאָ קיין רפואה. וועסט שטאַרבן דאָס היינטיקע יאָר.

דער אומגלויביקער איז גלייך אַוועק צו זיינע חברים אין וויין־שטוב, געזויפט מיט זיי פון גרויסע לאָגלען און געטריבן חוזק.

אין אַ קורצער צייט אַרום פּילט דער פאַלשער חולה שטעכעניש אין די ביינער. דאָס געשטאַלט פון יידישן רופא באַגלייט אים אומעטום און רעדט צו אים מיט אַ האַרטער שטים:

— דו וועסט שטאַרבן דאָס היינטיקע יאָר.

ער איז אַ שווינדלער, אַ מכשף, אָדער אַ באַזעסענער פון אומריינע כוחות; זיכער און דרייסט רעדט ער צו די קראַנקע, רעדט זיי איין חולאתן ביז זיי פאַלן אַרונטער אונטער זיין טייוולאַנישער קראַפט. ערווירקט אויף זיי ביז זיי גלויבן אים! ווי אַ פיש אין געהאַנג צאַפּלען זיי און שטאַרבן!

דעם אָפּשפּעטער האָט גאַרנישט געהאָלפן. ער איז געוואָרן שוואַכער, שלאַבעריקער; מיט יעדן טאָג זיך שווערער באַוועגט און וויניקער זיך דער־נערט. מעדיטאַציעס און ראַנגלענישן האָבן אים מער צו רו נישט געלאָזט, פאַרפירט אים און צוגעפירט צו זיין סוף.

פון דעם אַלעם האָט ר' חיים געטראַכט, ווען זיין רעכטער וויַיז־פינגער האָט פון העלער הויט גענומען ווי טון, ציען אַזוי ווי דאָס בלוט וואָלט זיך געשטויסן אַרויסצושפּאַרן.

דאָקטער זאַוואַדסקי ווייסט נישט ווי די קראַנקייט אָנצורופן. — אַ מין בלוטקראַנקייט, פירט אים, פאַנאָוויע, קיין וואַרשע!

רב חיים שווירץ איז דערויף נישט באַשטאַנען. די דערמאָנונג פון יענעם אַראַבער און זיין היינטיקע שרעק פאַרן עונש זענען אים געלעגן אויפן האַרץ, ווי שטאַפּלען צום אייביקן וועג. גערופן האָט ער צו זיך דעם גביר ר' דוד

וויטעלזאָן און דעם אַלטן פּיוויש יאָסקען, איינער פון די דריי לעצטע זקנים וואָס געדענקען נאָך קאָצק.

קיינער ווייסט נישט וועגן וואָס זיי האָבן צווישן זיך געשמועסט.

אָבער נאָך ר׳ חיימס פּטירה, ווען אברהמעלע האָט געמוזט איבערנעמען די חזקה אויף בעל־מוסף אין די ימים נוראים, איז ער שלאָף געוואָרן, געהאַט גרימעניש אין בויך און פון צייט צו צייט קאָפּשווינדל. ער האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט און ס׳האָט אים געצויגן נאָר צום בעט. מיט א ספר אין האַנט פלעגט ער איינדרימלען אין מיטן העלן טאָג. אין זיין מוח האָט די וועלט זיך געדרייט קאָפּויער און אויפּכאַפּן פלעגט ער זיך אין קאַלטן שווייס.

מיט באַרינגטע פינגער האָט דאָקטער זאַוואַדסקי אים אויסגעפּויקט יעדעס ביינדעלע:

— די צונג באַלייגט, דער פּולס קלאַפּט האַסטיק, אָט דאָ טוט וויי? — דריקט ער מיטן גראָבן פינגער אויפן מאָגן.

פאַרשריבן עפּעס אַ ראָזלעך וואַסערל און צו שלינגען אַלע דריי שעה שטיקלעך רעבאַרבאַר:

— די הויפּטזאַך, זשעזאַק, איז רו!

אַלע אין שטאָט האָבן געוווּסט אַז ר׳ אברהמעלע איז קראַנק. רייסט זיך אַריין דער קצב הערש לייב מיט טרעוואָגע:

אַ קעלבל גייט אים פּגרן, דער שוחט מוז לויפן אין שעכטהויז אַריין, שוין!

—איר ווייסט דאָך, מיין מאַן איז נישט געזונט, ער קען נישט לויפן און נישט גיין.

— וואָס רעדט איר? ס׳איז יידישע פּראַצע, ס׳איז מיין בלוט, שוחטקע!

מיט כוח האָט ער געוואָלט אַרויפזעצן דעם שוחט אויף דער פור צוזאַמען מיטן קעלבל...

די רעבאַרבאַר שטיקלעך האָבן גאָרנישט נישט געהאָלפן, ר׳ אברהמעלע איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג. צום גליק האָט ער זיך דערנאָך דערמאָנט דעם געלן ייד, אין באַן, ווען ר׳איז אראָפּ פון קעסט און יענער האָט אים נאַרייעט דעם וואַרשעווער האַרץ־דאָקטער מינץ.

אַ מומחה וואָס קען זיך אויף א מענטשלעך האַרץ, דאַרף קענען היילן אויך

דעם מאָגן. אלא נישט, וועט דאָקטער מינץ אים שיקן צו אַ צווייטן.

— רב ייד, זאָגט צו אים דאָקטער מינץ, איר האָט אַ מאָגן־געשוויר.

רב אברהמעלע ווערט איבערגעשראָקן:

— אַ געשוויר? ווי קומט אַ געשוויר צום מאָגן? ס'איז דאָך אַן אינער־לעכע זאַך?

— עס קומט. עס קומט פון קאָפּ, פון עגמת־נפש, נו?

דאָ ווערט שוין דער חולה אויסער זיך. ער ציטערט אויף:

— נו, כ'וועל זיך נישט שפּאָרן, דערויף זענט איר אַ דאָקטער, נישט איך. קומט אויס נאָך אייך נאָך, מע דאַרף מיר היילן דעם קאָפּ. איז וויאַזוי מיינט איר דאָס? — עפּענען פשוט דעם קאָפּ?...

דאָקטער מינץ איז זיך מחיה:

— טשיקאַווע, אַ יידישער שרייבער, שלום עליכם רופט ער זיך, שרייבט פונקט אַזוי ווי איר רעדט... חקרנט נישט צופיל וועט איר געזונט ווערן. איר וועט גיין צום דאָקטער ווינאַוועד און אים איבערגעבן דעם בריוו. דער דאָקטער ווינאַוועד איז אַ גרויסער ספּעציאַליסט. געלט וועט ער ביי אייך נישט נעמען.

געקומען אַהיים איז ער מיט פּראָשקעס וויכע ווי שניי. יעדע צוויי שעה מוז ער איינעמען אַ פּראָשעק און טרינקען אַ דריטל גלאָז געקאָכטע מילך לוילע־כערהייט, סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט. די צווייטע וואָך מעג ער שוין צוגעבן צו דער מילך אַ לעפעלע היידלעך און ערשט אויף דער דריטער וואָך עסן סוכאַרעס איינגעבראָקט אין יויך פון אַ קורטשאַק. דער עיקר — אויסהיטן זיך פון זאַלץ.

— נו — טראַכט זיך אברהמעלע — דאָס האָט דער דאָקטער געזאָגט אַזוי זיך. ווער ווייסט דען נישט אַז אָן זאַלץ קען מען גאָרנישט לעבן?

די גאַנצע שטאָט איז געקומען אים מבקר־חולה זיין, חסידים האָבן בכלל נישט אָפּגעטרעטן.

אין זיך האָט אברהמעלע שוין געוווסט אַז זיין עגמת־נפש איז געקומען דערפאַר, וואָס ער האָט געמוזט איבערנעמען ר' חיים שווירצס חזקה און מיט אים, ר' אברהמעלען, וועט געשען מידה כנגד מידה.

עס וועט געשען!

ק א פ י ט ל נ י י ן

טראַגעדיעס ביי גבירים

נישט צום פאַרשטיין, וויאַזוי שמואל הענעך שטיינליכט, דער אָנגעזעענער גביר, האָט באַוויזן אויסצובאַהאַלטן יאָרן לאַנג דאָס גרויסע אומגליק, קיינער זאָל נישט וויסן.

אין דער שטאָט איז ער אָנגעגאַנגען פאַר דעם גרעסטן בר־מזל, געשאַצט האָט מען אים פאַר אַ האַלבן מיליאָן רובל און נאָך מער. זיין קאָמעניצע, די שענסטע אין שטאָט, אויף דער ברייטער־גאַס האָט ער געלאָזט בויען מיט איינפאַל און ראַזמאַך. די פאַסאַדע פול מיט מייסטער־וואָזעס ביז ארויף צום ציינקדאַך און קאַרניזן פון העלן שטיין; סקולפּטור־סטאַטועז ווינקען אַראָפּ פון די אייבערדעכלעך; זיי שאַפן דאָס זעלבע געפיל פון קנאה און שרעק ווי להבדיל די אלטפרענקישע שלעסער מיט זייערע הענגבריקן איבער וואַסערן.

אַ פאַרריסענער איז שמואל הענעכס גאַנג: יעדעס נייע מלבוש מוז אַרויס־רופן קנאה, יעדער טראָט מיט זיינע געמזע־שיך מוז אָפּהילכן מיט אַ דינינקן סקריפּ. די טרעפּ פון פאַראַדנעם אַריינגאַנג באַדעקט מיט פּליוש און די העל־מעשענע פאָרענטשן שטעכן אין די אויגן מיטן בלענד פון גאָלד...

שוין יאָרן איז געשלאָסן זיין געראָמער הויף, וואָס ווערט געהיטן און שטרענג באַוואַכט פון דעם בייזן הענעך זלאַמאַנע.

אין זיינע יונגע יאָרן איז הענעך זלאַמאַנע געוועזן אַ חסיד. נאָר ס'איז שוין לאַנג וואָס ער האָט צו טון, פאַר קיינעם געדאַכט, מיטן רוקנביין און ער גייט אַרום ס'גאַנצע לעבן אַן איינגעבויגענער, אַ צעבראָכענער. אַן אלמן איז דער זלאַמאַנע, אָן אַ קינד, אָן אַ רינד — איינער אַליין אויף דער וועלט. זיין איינ־ציקע היילונג באַשטייט אין טרינקען יעדן צווייטן טאָג אַ טעפּעלע לוילעך חזיר־שמאַלץ — איידער עס ווערט געסטאָיעט.

פאַר רפואה־וועגן, ווייסט מען, איז נישט חל קיין איסור; דאָך איז זלאַמאַ־

נעס געוויסן נישט געהויבן. ער נעמט דאָס אָן פאַר אַ שווערע שטראָף, וואָס קומט פון „אויבן" און טיפער איז ער געקרענקט מחמת ער ווייסט נישט פאַר וואָס דער רבונו של עולם האָט אים געשטראָפט צו לעבן זיינע טעג אַ צעבראָכענער און צו טון פאַר זיין בעל־הבית אַזעלכע אויסטערליש־פּריקרע זאַכן — די האָר זיך צו רייסן, אַז מען טאָר עס גאָר פאַרן מויל נישט ברענגען.

✶

שוין פינף יאָר זינט כאַוותשע, שמואל הענעכס גערעטענע טאָכטער, האָט זיך אריינגענומען אַ קלעפּקע אין קאָפּ אַריין, נישט געוואָלט אַ כלה ווערן; זי איז אַוועק קיין וואַרשע שטודירן און פון דעמלט אָן ווי אין וואַסער אַריין.

שוין פינף יאָר ווי כאַוותשע האָט זיך אין שטאָט נישט געוויזן. זענען שוין פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן נישט קיין אַנדערע פאַרגעניגנס ווי מאַטלען צווישן זיך און שושקען פון מויל אין אויער ביז מען פאַרענדיקט מיט אַ פראַגע קאַ־פויער: הום... דאָס בחורל וואָוותשע, דער טאַטע אויסן אויג מיט פּוץ און גרויסהאַלטעריי, איז בעסער? וואָס איז זי מקנא צו זיין? געלט איז נאָך נישט דאָס גאַנצע גליק...

יאָסעלע, דאָס אַכטיעריקע קינד איז ערלעך און איידל. ער ווייסט נישט פון דעם שרעקלעכן אומגליק.

— ווו איז דיין שוועסטער? — פרעגן אים חברים אין חדר.

יאָסעלע ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. די שוועסטער געדענקט ער ווי אין חלום. אין שטוב רעדט מען נישט פון איר, איר נאָמען ווערט קיינמאָל נישט דערמאָנט.

— נישט הי. וואָס גייט אייך אָן צו וויסן?

די ייִנגלעך בלאָזן אָן זייערע באַקן און פּלאַצן ארויס:

— נישט הי, זאָגסטו? מער ווייסטו נישט?

נישט אַלע אין שטאָט האָבן געגלויבט אַז דעם גבירס טאָכטער שטודירט אין וואַרשע. פּליאָטקעס האָבן גראַסירט: זי איז פאַרשלאָסן אין פאָטערס הויף אין דער געוועזענער סוכה מיטן פליגל־דאַך און הענעך זלאַמאַנע גייט זיך אום מיט איר.

✶

נאָכן לעצטן פּאַרפאַל, מוז הענעך זלאַמאַנע גיין צוויי מאָל אַ וואָך צום פעלדשער אויף איינשפּריצונגען. דאָס זענען די איינציקע שעהען ווען הענעך זלאַמאַנע, נאָכן פאַרשליסן דעם הויף, עטעמט אָפּ פרייער. ער רעדט נישט צו קיינעם, קיין איינציק וואָרט פון אים אַרויסצוקריגן און מענטשן באַדויערן אים מיט ווייטיק, וואָס פון אים איז געוואָרן, וויאַזוי ער לאָזט זיך פון בעל־הבית קנעטן ווי ליים.

יאָסעלע שמואל הענעכס איז נישט געקומען אין חדר אריין. דער רבי יעקב שלום האָט גרויס עגמת־נפש דערפון, צופּט די סיווע האָר פון זיין געדיכטער באָרד, האַלט איינגעקלעמט אין זיין לינקער פויסט די רויטגע־וואָרענע נאָז און גלאָצט אויס זיינע מידלעכע, רויטע אויגן.

— ממזרים! כ׳וועל אויסשפּייען די לונגען און אייך וועט עס נישט אַרן! זאָגט, פאַרוואָס איז יאָסעלע היינט נישט געקומען אין חדר אַריין? ווער פון אייך האָט אים נעכטן פאַרשעמט? די אָדערן דאַרף מען אייך טרייבערן — מזיקים זענט איר, נישט חדר־יינגלעך!

— שרה יסכה, שרייט ער אין קיך אַריין צו דער רביצן, גיי אַריבער צו רב שמואל הענעכן זיך דערוויסן פאַרוואָס דאָס קינד איז נישט געקומען; אַ פערטל פּרנסה שטעלן מיר איין.

שרה יסכה קומט מיט אויפגעשאַרצטע נאַסע הענט, איר קליינע אַרויפּ־געבויגענע גאָמבע ציטערט ווי אַן אומרו:

— וואָס נאָך ווילסטו מיר צושאַנצן? כ׳פּראַצעווע פאַר דיר ווייניק? שטעל זיך דו אַוועק צו דער באַליע! געהערט אַזוינס? האָסט ווייניק קינדער צו רייסן די פּיס?

אַ פאַרביטערטער צעקעמט דער רבי מיט ביידע הענט די פאַרפלאָנטערטע באָרד, גיט אַ קרעכץ און פאַרקוקט זיך מיט איין אויג אויף די חדר־יינגלעך:

— שיעלע שלמה סיסיעס, גיי צו יאָסעלעס עלטערן פרעגן פאַרוואָס יאָ־סעלע קומט נישט אין חדר אַריין.

דער פלעגמאַטישער שיעלע צאַפּלט אויף:

— כ׳גיי, רבי! באַלד וועל איך צוריקקומען!

נאָר דאָס וואָרט האָט ער נישט געהאַלטן.

שוין פיל מאָל האָט ער אונטערגעהערט אינדערהיים ריידן וועגן יאָסעלעס

שוועסטער, באשר זי איז פֿאַרשפּאַרט ווי אַ משוגענע אין הויף און ווערט דאָרט געפּייניקט.

דאָס קינד לויפֿט מיטן רבינס שליחות, שפּרינגט מיט גיכע שפּרייזן. צוערשט פּרוּווט ער דעם שלאָס פֿון הויף און דער שלאָס גיט זיך אונטער. פֿון אינעווייניק האָט ער פּלוצלינג דערהערט אַ ציטעריקע שטימע:

— ווער ביסטו, יינגעלע?

דאָס קול איז געקומען פֿון דער פֿאַרשלאָסענער סוכה, פֿאַרקראַטעט מיט דיקע אייזן־שטאַנגען. ס'איז געווען אַ געשפּענסט פֿון אַ האַלבנאַקעטער פֿרוי מיט לאַנגע, פֿאַרפּלאָנטערטע, שוואַרצע האָר, וואָס פֿאַרשטעלן דאָס גאַנצע פּנים.

— יינגעלע, שרייט זי העכער מיט אָפּגעהאַקטע שלוכצן, האָב נישט מורא, דערצייל דיין טאַטע־מאַמע ווי איך ווער דאָ געפּייניקט. זלאַמאַנע דער צע־בראָכענער חסיד איז אַ רשע, ער גיט מיר ברויט מיט וואַסער איין מאָל אין טאָג, נאָכדעם ווי ער פֿירט מיך אין הויף פֿאַר באַדערפֿעניש. ער שלאָגט מיך און איך מוז אים פֿאָלגן אַלץ וואָס ער וויל. ער איז דער זעלבער אויסוואורף ווי די שטיפֿמאַמע. פֿאַרוואָס בין איך נישט אויסגערונען פֿאַרן געבוירן ווערן. דערצייל אַלעמען ווי איך בין דאָ אין גרויסער נויט. איך בין ביי זיי משוגע, ווייל כ'האָב געוואָלט שטודירן און נישט געוואָלט אַ כלה ווערן מיט דעם וואָס די שטיפֿמאַמע האָט באַגערט. ששש... אַנטלויף! זלאַמאַנע קומט!

דער פֿאָטער שיעלעס, שלמה סיסיעס, האָט געפּויקט מיט די פֿויסטן אויפֿן טיש:

— כ'וועל פֿאַרן קיין פּלאָצק אין דער גובערניע! אין היגן מאַגיסטראַט זענען אַלע אונטערגעקויפֿט. כ'וועל שטעלן די גרעסטע אַדוואָקאַטן. ס'שטייט בפירוש: „כל המקיים נפש אחת מישראל"... — דערביי אָפּגעשטעלט זיך און נישט מער אַרויסגעזאָגט די צווייטע העלפֿט פֿונעם מאמר. דערפֿילט ווי ער איז פּלוצלינג באַהערשט געוואָרן פֿונעם געדאַנק אַז ער וועט קענען איבערנעמען אַ טייל פֿון שמואל הענעכס מסחרים...

ווי אַ פֿייער האָט זיך צעטראָגן די נייעס אין שטאָט. אויף דער ברייטער־גאַס האָבן זיך געקופּעט יידן אין די צענדליקער און געהיטן מען זאָל די יידישע טאָכטער נישט אַוועקפֿירן אַנדערשווו.

— ווער האָט זיך געקענט אויף דעם ראַכטן?

— ווער? כ'האָב עס געוווסט דער ערשטער און קיינער האָט נישט געגלויבט.

— קיינמאָל נישט געהאַלטן פון אים, זיין אַרומגיין אין זיידנס און אין סאַמעט אויפצורייצן די אויגן. איי, איי, וואָס פאַר אַ שלעכטס איז אַלץ פאַראַן אויף דער וועלט!

— פאַרוואָס באַווייזט ער זיך נישט? זאָל ער קומען און אויפקלערן, ס'איז ממש נישט צו גלויבן.

אויף צומאָרגנס איז דער מלמד יעקב שלום קראַנק געוואָרן און פאַרמאַכט דאָס חדר.

רייד זענען גערעדט געוואָרן, וואָס מענטשן האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזעלכע.

גרעסער איז געווען די נאַווינע ווען שמואל הענעך איז געקומען צו קבלת־שבת אין שטיבל אַריין.

ס'איז שוין געווען לאַנג נאָך מנחה, קיינער איז נישט צוגעגאַנגען צום עמוד. דעמלט איז ר' אברהמעלע שוחט אַוועק מיט קוראַזש צו דער מזרח־וואַנט, האַרט ביים פענצטער:

— שמואל הענעך, דו ווייסט וואָס מען רעדט אין שטאָט וועגן דיר.

ס'שטייט: הסר ממך עיקשות פה — זאָג און מיר וועלן הערן!

— אַזוי, גייסט צו מיר מיט חוצפה? כ'וועל דיך מאַכן אויס שוחט. דו ביסט נישט מער ווי אַ משועבד, האָסט נישט קיין רעכט זיך צו מישן...

— איך וועל גיין ביז אַראָפּ! גיי און פאַרענטפער דיך בפני כל עם ועדה, אַנישט וועט די גאַנצע שטאָט גוטזאָגן דעם פּראָצעס פון שלמה סיסיעס קעגן דיר. אין קאַטאָרגע וועסטו פוילן! און זאָל דיר נישט איינפאַלן אַז דיין הויז וועט נישט זיין גוט געהיט. אַרויס פון אונדזער שטיבל!

שבת נאָך שחרית האָט יהודה לוזער, דעם געלן שמעונס, אַ משכיל, געהאַלטן אַ רעדע אויפן באַלעמער וועגן די פינצטערע געלטזעק וואָס האָבן נישט קיין רחמנות אויף קיינעם נישט, אפילו נישט אויף אייגענע קינדער, וואָס ווילן נישט טון זייער רצון.

— אוודאי, כאַפּט ער זיך צוריק, איז שולדיק אין דעם די שטיפמאַמע,

אָבער שמואל הענעך, דער טאַטע, ווו איז ער? אַזוינס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן, שרייט ער אויס מיט אַ דראָענדיקער האַנט צום באַלטן — ער אַליין, ווי אַ הומאַניסט, איז גרייט חתונה צו האָבן מיט דעם מיידל אָן איין גראָשן.

מאַנטיק איז געקומען אין שטאָט אַריין אַ פּראָקוראָר מיט צוויי אַדוואָקאַטן און פאַראָרדנט צו פירן דאָס מיידל קיין פּלאָצק אויף אָבסערוואַציע...

ווי אין וואַסער אַריין איז פאַרשווונדן שמואל הענעך, כדי ווידער אויפ־צוטויכן מיט יאָרן שפּעטער.

פון עגמת־נפש און חרטה, פון שאַנד און געמאַטערטע אויספאַרשונגען איז געשטאָרבן זלאַטאַנע, ווי אַן עוכר ישראל.

✶

נאָך איין טראַגעדיע האָט פּאַסירט אין ווישעגראַד מיט דער טאָכטער פון גביר רב דוד וויטעלזאָן, דער אמתער חסיד און למדן. רייכער נאָך פון שמואל הענעכן, האָט ער זיך נישט גרויס געהאַלטן און קיינעם די אויגן נישט אויפגע־רייצט. זיין הויז — פּשוט אין אויסזען — אָן פּליוש און אָן פּלויש. זעקס שטיין־נאָקעטע טרעפּ פירן צום לעדער־געשעפט, דאָס גרעסטע אין דער געגנט. דעם לאַנגן, ווייטן הויף, מיט צוגעבויטע פליגל, איז קוים מיטן אויג צו דערכאַפּן.

ר׳ דוד וויטעלזאָן האָט צוויי טעכטער, געבוירן מיט אַן אונטערשייד פון קנאַפּע דרייצן יאָר.

די עלטערע טאָכטער, דבורה, האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ משה גאָלדבערג פון סאָכאַטשאָוו ווען חיהלע — דאָס צווייטע קינד איז קוים אַלט געווען פיר יאָר.

אויך דאָס יונגע קינד, חיהלע, איז געווען שיין און געראָטן. איין מאָל האָט זיך עס געשפּילט אויף אַ טיש, נישט ווייט פון אַ ברענענדיקער פּרימוס־מאַ־שינקע. דער פּרימוס איז אומגעפאַלן און דער איבערגעקערטער טאָפּ מיט הייסער קאַווע האָט דעם קינדס פּנימל ממש אָפּגעגרילט. אַ פּנים פון אַ פאַרזעעניש, לא עלינו.

טאַטע־מאַמע זענען אויסגעפאָרן מיט דעם אומגליקלעכן קינד צו אַלע גרעסטע דאָקטוירים אין וואַרשע און אין ווין, אויסגעגעבן אוצרות, אָבער קיינער האָט נישט געקענט העלפן.

מיט אַ שווער געמיט איז דער פאָטער געשטאַנען פאַרן „שפת־אמת" און זיך באַקלאָגט:

— קיין מענטש טוט זיך נישט אַ קלאַפּ אין פינגער, וויבאַלד ס'איז נישט אָנגעשריבן אויבן. פרעג איך, וואָס איז דען דאָס פּיצל קינד שולדיק? ווי וועל איך קענען לעבן אין אייביקן צער און זען מיין קינד אין אַזאַ הויט?

דעם רבינס פּנים האָט זיך געטונקלט און געקנייטשט:

—ווען רבי יוחנן איז אַריין צו רבי אלעזר הגדול מבקר־חולה זיין און געזען אים וויינען, האָט ער אַרויסגענומען א ביינדל און געזאָגט צו אים: דאָס איז דער צאָן פון מיין צענטן זון, וואָס איז געשטאָרבן. פאַר וואָס וויינסטו? דיין קינד לעבט דאָך! וויפל דעם מענטש איז שלעכט, קען אים זיין נאָך ערגער. דיין קינד וועט לעבן ווי ס'איז אויבן אָנגעצייכנט און דו, א גביר, וועסט איר חתונה מאַכן מיט אַ לערנער, אַ ירא שמים.

ר' דוד וויטעלזאָן איז געקומען אַהיים אַ צעבראָכענער, נאָכגעזוכט אין זיך לגבי ווען ער זאָל האָבן באַגאַנגען אַן אומרעכט...

דאָס קינד איז געוואַקסן און קיינמאָל די שיין פון דרויסן נישט געזען. נאָר די מוטער איז זיך אומגעגאַנגען מיטן העסלעכן נפש און נישט איין מאָל געזינדיקט במחשבה. איין מאָל האָט זי אויסגעשריגן אויפן קול:

— האַר פון די וועלטן, בעסער וואָלסטו איינע פון אונדזביידען פון דער וועלט אַוועקגענומען, מיך אָדער דאָס קינד!

שפּעטער האָט זי חרטה געהאַט, תפילה געטון און לאַנג, לאַנג געוויינט.

נאָך אַ מאָל איז דער פאָטער געפאָרן צום רבין:

— עמעץ עצהט מיר אָנטון דעם קינד אַ מאַסקע, כדי מענטשן זאָלן פון איר שוידערלעכן אָנגעזיכט זיך נישט שרעקן.

— ווער איז דער עמעץ וואָס האָט נישט קיין נאָמען? פרעגט דער רבי מיט אומרו.

— זיין נאָמען איז חיים ברוך. דאַרף איך אים פאָלגן?

— אַ מענטש מיט נעמען חיים און ברוך קען געבן גוטע עצות. אגב, ציט דער רבי די ווערטער מיט אַ שווערן אָטעם, אַ סך מענטשן טראָגן מאַס־קעס אויף די פּנימער צו האָבן אַ בעסערן אויסזען.

אָן שהיות האָט דער רבי מיט די ווערטער אים געזעגנט.

נאָך לאַנגע זוכענישן האָט דער רייכער און אומגליקלעכער פאָטער געפו־נען אַ גרויסן מומחה, וואָס קען ענדערן אַ מענטשלעך פּנים, קאָרעגירן די טבע, פאַרדעקן דעם ביטערן אמת. צוגעפּאַסט האָט ער דאָס אויסזען פון קינד לויט דער צייט און עלטער. קיינער אין שטאָט האָט מער נישט געטראַכט פון יענעם פאָרפאַל.

✶

אין שטעטל באַדזאַנאָוו, דריי מייל פון ווישעגראַד, וווינט אַן אָרעמער, געגריוועטער שוסטער, מיט זיין פרוי און צוויי זין. חיים פּאַנטש, הייסט ער. די משפחה לעבט אין גרויס דחקות. ער אַליין קען נישט לערנען, קוים וואָס ער דרעפּטשעט דורך אַ שטיקל „עין יעקב״. נאָר די צוויי בחורים זיינע לאָזט ער לערנען אין די העכערע חדרים. זיי לערנען טאַקע געשמאַק: אַ שטיק נדרים מיטן ר״ן, אַ פּרק בכורות מיטן רי״ט־אַלגאַזי וכדומה.

— זיי וועלן לערנען אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן נאָר באַגערן — זאָגט חיים. יונגערהייט, ווען ער האָט געאַרבעט אין שטעטל טשיזשעווע, איז איין מאָל געקומען צוגאַסט דער זון פון אַלטן טריסקער מגיד און אויפגערודערט דאָס גאַנצע שטעטל.

חיים פּאַנטש געדענקט אים, ווי ס׳וואָלט געווען נעכטן: אַ הויכער, זייער אַ דאַרער, מיט אַ גרויער, שפּיציקער באָרד, זיינע אויגן־לעפעלעך האָבן אַפּערגעשטאַרצט צום פּנים מער ווי געוויינטלעך. דאָס גאַנצע שטעטל איז דעמאָלט געגאַנגען צו אים מיט קוויטלעך. ווען ס׳איז געקומען פּאַנטשס ריי, האָט דער רבי פאַרהאַלטן זיין האַנט לענגער ווי זיין שטייגער און אים גע־בענטשט ער זאָל האָבן קינדער זכרים און זיי זאָלן קענען לערנען.

נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת האָט ר׳ דוד וויטעלזאָן געשיקט צום געגריוועטן שוסטער אַ שדכן מיט כח הרשאה אויף אַלע תנאים וואָס די מחות־נים פון יענעם צד וועלן זיך אויסנעמען.

דער זון, יאָסקעלע פּאַנטש, האָט שוין געשמט מיט זיין שאַרפער תפיסה און גוטן זכרון אין לערנען.

איבער אַ חודש צייט האָט דער שדכן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן. ער איז געגאַנגען ביז דרייסיק טויזנט רובל נדן במזומן, חוץ אויסשטייער, אַלע

הצטרכותן פאַר די מחותנים און אייביקע קעסט; אָדער פערציק טויזנט רובל און צען יאָר קעסט.

דער חתן האָט נישט געקענט זיך באַשליסן. עפּעס, האָט ער געהערט, האָט פּאַסירט מיט דער כלה אין דער קינדהייט. געגוי ווייסט ער נישט וואָס. ער ווייסט אויך אַז ר׳ דוד וויטעלזאָן איז אַ גביר־אדיר, א גערער חסיד און די כלה — אַ פרומע, רייכע טאָכטער. ווונדערט אים טאַקע וואָס מ׳האָט אויס־געקליבן רק אים צו אַזאַ גליק־שידוך. פעלן דען בחורים רייכערע, גרעסערע יחסנים און בעסערע לערנערס ווי ער?

דער פאָטער, חיים פּאָנטש, איז געווען דער גליקלעכסטער. ער האָט גע־וואָלט זיין זון יאָסקעלע זאָל באַשטיין אויף אייביקע קעסט. אי ער וועט האָבן מנוחה און רייך זיין, אי ער וועט קענען לערנען אומגעשטערט און נישט זיין אונטערגעוואָרפן דעם שווערן יאָך פון פרנסה. געענטפערט האָט יאָסקעלע פאַרקערט: אייביקע קעסט זענען קיינמאָל נישט זיכער, פונקט ווי מ׳איז נישט זיכער מיטן מאָרגן. עס שטעלט זיך די קשיה: ווי קומט עס, אַז צווישן אייבי־קע קעסט און צען יאָר זאָל זיין אַזאַ קליינער אונטערשיד אין נדן? עס מוז דאָך זיין אַ טעם בדבר...

באַשטימט אַזוי ווי יאָסקע האָט געוואָלט — האָט מען אונטערגעשריבן די ראשי פרקים.

✶

די חתונה האָט ר׳ דוד וויטעלזאָן איינגעאָרדנט מיט דער ברייטער האַנט. צוויי באַרימטע בדחנים האָבן מיט גרויס בייפאַל צוגעהאָלפן משמח זיין חתן־כלה. די שבע־ברכות זענען אויך אַזוי ווי די חתונה־נאַכט אַדורך מיט פרייד און געשאַל. דער חתן האָט זיך אָבער שטאַרק געענדערט, כמעט נישט גערעדט, געשוויגן און געציילט יעדעס וואָרט, און באַשלאָסן האָט ער איבערצוגעבן זיך דעם לערנען און אויסצופירן זיין באַשטימטן פּלאַן...

זיין התנהגות איז געווען ווי ביי יעטוועדן פּרוש: קומען דער ערשטער אין שטיבל, אוועקגיין דער לעצטער — און האַלטן טיף דעם סוד אין האַרץ.

מיט דער צייט, ווען ער איז שוין געוואָרן דרייסטער, האָט ער געברענגט קיין ווישעגראַד זיין ייִנגערן ברודער, שיעלע, אים אויסצוהאַלטן מיט אַלע הצטרכותן. געהאָלפן האָט ער אויך זיינע עלטערן ביד רחבה.

יאָרן זענען געקומען און אַוועק. יאָסקעלע איז געוואָרן דער גרעסטער למדן אין שטאָט מיט היתר־הוראה.

איין מאָל, אין אַן ערב־פרילינג, פרעגט ער דעם שווער:

— וואָס האָבן מיר היינט?

— וואָס אַזוינס זאָלן מיר האָבן, יאָסקעלע?

— מיין שאלה איז: דעם וויפלטן אין חודש אדר האָבן מיר היינט?

— דאָס איז דאָך אומזיך, וויבאַלד נעכטן איז געווען שושן־פורים, פרעגסטו וואָס היינט איז?

— דערפאַר וואָס ביי מיר איז היינט א גרויסע שמחה און איר האָט עס פאַרגעסן. פון היינט אָן וועל איך מער נישט עסן קיין קעסט.

— וואָס זענען עס פאַר רייד? כ׳האָב דיר פון די קעסט נישט אָפּגעזאָגט, וואָס איז דער מער מיט דיר היינט, איידעם מיינער?

— כ׳בין נישט מער אייער איידעם. ס׳איז היינט צען יאָר נאָך דער חתונה.

רב דוד וויטעלזאָן ציט אויף די קרענגעס, שרעקט זיך:

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן? רעד קלאָר!

— היינט הער איך אויף צו זיין אייער איידעם, אייער טאָכטער וועל איך היינט געבן א גט.

רב דוד וויטעלזאָן לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול, איינצוהאַלטן דעם כעס:

— פערציק טויזנט רובל האָסטו פון מיר באַקומען; ווי באַלד דו ווילסט וועל איך די קעסט פאַרלענגערן, ווי לאַנג דו וועסט ווועלן. אַ דאַנק מיר ביסטו היינט דער גרעסטער למדן אין שטאָט און דו קענסט ווערן רב ביי יידן. פאַר־געס דאָס נישט, מיין איידעם!

— כ׳בין נישט מער אייער איידעם. איך טאָר מער נישט זיין מיט איר אונטער איין דאַך, זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט, אייער חיה.

דער אַלטער האָט זיך אויפגעריסן פון געזעס און דער כעס האָט אין אים געקאָכט:

— ביסט אַן אויסוואורף! וויאַזוי האָסטו געמעגט זיך אַזוי באַגיין מיט אַ יידישער טאָכטער, האָסט איר איר צייט נישט געגעבן, וואָס איר קומט לויטן דין? האָסט אונדז אָפּגענאַרט!

— איר, מיט אייערע פרומע מאַסקעס האָט מיך אַריינגעגנאַרט. ביטער איז דער אמת פאַר איר און פאַר מיר.

רב דודלס ווייגען און בעטן האָט מער נישט געהאָלפן, אויך נישט די טענות וועגן פאַרשאַפן צער און פיקוח נפש, אין משך פון אלע יאָרן.

צום אלטיטשקן רב איז די עקרה געפירט געוואָרן אָן אַ מאַסקע.

נאָכן מעיין זיין אין די אַלטע, געלע בלעטער האָט דער רב געפסקנט אַז אַזוי איז דער דין. דער גט איז אַדורך שטיל. בלויז די גרושה האָט אחר המעשה זיך הויך צעלאַכט מיט א משונהדיקן כראַקן אין איר ווײסט קול...

קאפיטל צען

מענדל יאַפּאַנטשיקס זון

ווען אַ מענטש ווערט געבוירן אין זעלבן מאָמענט וואָס אַ לייב, האָט ער אַ רייף אַרום דעם בויך, אַ סימן פון גבורה.

דער ווישעגראָדער גלעזער, מענדל יאַפּאַנטשיק, איז געבוירן געוואָרן מיט דריי רייפן, פונדעסטוועגן האָט ער איינגעהאַלטן זיין גבורה — נישט צום באַנוצן.

גערופן האָט מען אים מענדל יאַפּאַנטשיק דערפאַר, וואָס זיינע קיילע־כדיקע, קליינע אויגן פינטלען און בלישטשען אַן אויפהער, ווי ביי יאַפּאַנער. אויך דערפאַר וואָס ער האָט געדינט ביי דער יאַפּאַנישער גרענעץ און כאַפּט זיך טיילמאָל אַרויס מיט קוויטשן, ווי ביי אומבאַקאַנטע פייגל: קאַאַ! וואַ! — עס פאַרשטייט זיי נישט קיינער.

אַ נידעריקער, אַ דיקער מיט אַ העל פּנים, גייט ער אַרום איבער אַלע גאַסן מיט אַ קאַסטן גלאָז, אַ שמאַטע מיט קיט, אַ דימענט־שניידער, טשוועק־לעך, צווענגל, העמערל און אַ לייטער באַמבלט זיך אים נאָך פון הינטן.

— יידן, וואָרעם זאָל זיין, — שרייט ער איבער די גאַסן מיט זיין זיב־געוודיקער שטימע.

זומערצייט אַרבעט ער אין די סעדער נישט ווייט פון שטעטל.

זיינע צוויי דערוואַקסענע זין גייען אויף קעגנגעזעצטע וועגן און האָבן ווידערשפּרעכיקע כאַראַקטערן.

באַטשע, דער עלטסטער זון, אַ גרויש, לעבט אָפּ זיין לעבן אויפן בוידעמ־שטיבל, אַבי נאָר דורכצוקומען. ווי זיין פאָטער, האָט ער פאַרשידענע מלאכות: זומערצייט טראָגט ער סאָנדעס אויף די שמאָלע, הויכע אַקסלען און ברענגט וואַסער פון דער ווייסל אין יידישע שטיבער. די סאָנדעס מיט עמערס אויף זיינע שמאָלע אַקסל באַוועגן זיך אין ריטעם פון זיין געמאָסטענעם

טראָט. ער איז קאַרג אויף רייד. ווינטערצייט פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ מויערער: פאַרריכט קאַכליע־אויוונס, רייניקט קוימענס, האַקט האָלץ אין קלאַפּטערס. אַזוי ווי זיין פאָטער איז ער זיך מחיה מיטן אויסרוף: יידן, וואַרעם זאָל זיין!

שוין אַ לענגערע צייט רעדט מען פון אים ווי פון אַ נסתר. אין די נעכט זעט מען צאַנקען זיין נאַפטלעמפּל וואָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן. פאַרטאָגס, פאַרשאָטנט ער אַ שטיק מאַרק ביי דער פּלומפּ, אויסקוקנדיק מיט שטאַרן גלאַנץ דעם מאָרגנשטערן.

אַנדערש גייט אַרום דער יינגערער, ישעיה, אַ קליינוווקסיקער בחור מיט פאַרחלומטע אויגן און אַראָפּגעלאָזענע אויערן־לעפּעל, נישט צו הערן אַ פּרעמדן קלאַנג. שטענדיק איז ער פאַרטון אין זיך, זיצט אויפן טאַטנס פּליי־צעס, אַרבעטן וויל ער נישט.

— וואָס וועט זיין דיין תכלית? — פרעגט דער פאָטער מיט צער — אַ מענטש מוז דאָך עפּעס טון!

ישעיה ענטפערט מיט עזות:

— ווער האָט דיך געבעטן מיך ברענגען אויף דער וועלט? איך בין פאַר מלכות שמים, נישט פאַר דער ערד...

וואָכן און חדשים ווי ער שלינגט אַלטע שמות, גריבלט זיך אין זיי, ער מוז דערגיין מיט זיין אייגענעם שכל ווי אַזוי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ווי אַזוי רעליגיעס זענען אַנטשטאַנען.

אין די ערשטע צייטן האָט מען אים גערופן פילאָזאָף, נאָר שפּעטער — משוגענער... אַ מענטש וואָס טוט גאָרנישט, נאָר ברעכט זיך דעם קאָפּ.

אין זיין הונגער נאָך שמות, האָט ער איינמאָל איינגעשטעלט און אַרויפּ־געדראַפּעט זיך אויף דער צעבראָכענער לייטער צום שולבוידעם.

די משוגענע ראַכטשאַטשאַ, ברייט צעשפּרייט איבער די קופּעס שמות, האָט אויפגעצאַפּלט מיט משוגענער פרייד, דערזעענדיק אין אים איר באַשערטן.

— קום אַרונטער צום שוואַרצן שולשטיין און שווער מיר צו געטריישאַפט, האָט זי כאָכאָטשעט אין זיין אויער, אַ נישט וואַרף איך אום די לייטער און מיר וועלן פאַלן צוזאַמען.

פון דעמלט אָן האָט שוין ישעיה נישט אָפּגעטראָטן פון שוואַרצן שול־שטיין. געצייכנט האָט ער דאָרט גרויסע רעדער אַרום זיך — ער וועט נישט אַרויס פון ראָד ביז די וועלט וועט אים גלויבן אַז ער איז דער גילגול פון יעזוסן, דער משיח פון דעם הימלישן קעניגרייך.

ווי איז געווען צו די חדר־ייִנגלעך, וואָס האָבן אומישנע אַריבערגעטראָטן דאָס ראָד.

— עס וועט אייך וואַרפן אין כף־הקלע איבער אַלע אייביקייטן אָן אַ תרופה — אַזוי זאָגט יעזוס !

זייער סוף איז געווען אַ באַנאַלער :ביידע זענען זיי פאַרשווונדן אויף עולם ועד, אָן אַ שפור. די בערג שמות אויפן שולבוידעם האָבן זיך ווידער פאַרצויגן מיט שפּינוועבס, שוואַלבן זענען צוריקגעקומען צו זייערע נעסטן און גרינלעכער שימל האָט ווידער צוגעדעקט די טויטע שמות.

קאַפּיטל עלף

שרעק און ווונדער

דאָס שוואַרצע קרעצל אויף דער מאַמעס לינקער באַק האָט אַלעמען איבערגעשראָקן:

— נישט פאַרשפּעטיקן קיין איינציקע שעה, האָט געליאַרעמט דער דאָקטער מיט אויסדריקלעכן באַדויער און ווייס געווען ווי די וואַנט: כאַפּן גלייך קיין וואַרשע, אפשר וועט נאָך נישט זיין צו שפּעט!

אויפן וועג האָט רב אברהמעלע נישט אויפגעהערט מתפּלל צו זיין צום הימל.

נאָך פינף וואָכן זענען ביידע צוריקגעקומען מיט א קליינער האָפענונג, אַז נאָכן געבורט פון קינד וועט די מוטער — אפשר געזונט ווערן; דער בייזער סימן וועט אַוועק צו אַלדי וויסטעניישן פון וואַנען ער איז געקומען.

דאָס כסדרדיקע לאַפּיסירן און ברענען לייכט מיט פוכענע פעדערן אויף דער באַק, האָט נישט געהאָלפן.

רב אברהמעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן א וויינענדיקן בריוו צו זיין פאָטער, דעם פולטוסקער רבֿ, ר׳ שמחהלען; אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ, אָנגעפרעגט צי קען מעגלעך זיין אויסצוטראָגן אַ וולד מער ווי ניין חדשים.

ער האָט געוווסט: אַזאַ פאַל איז נאָך נישט געהערט געוואָרן און דאָך האָט ער געפרעגט. געוווסט האָט ער אויך, אַז אַ טעות אין חשבון קען נישט געמאָלט זיין, באשר ס׳זענען שוין אַריבער מער ווי צען חדשים...

זיין פאָטער האָט גלייך געענטפערט און אריינגעגעבן מיט זיינע קלאָרע רייד נישט ווייניק האָפענונג און חיות.

— „ראשית ווייסטו וויל, מיין זון, אַז מ׳טאָר נישט זיך פאַרמיידן פון

רחמים, אפילו ווען אַ שאַרפע שווערד ליגט אויפן האַלדז. בפרט, אַזאַ פאַל קען יאָ שכיח זיין. אַזוי ווי עס ברענגט דער „הגהות מרדכי״: „זעלטן איז דער פאַל אַ מענטש זאָל געבוירן ווערן אין עלפטן חודש און קענען לעבן״.

פונדעסטוועגן וועט מיר זיין מער ניחא וויבאַלד ס'וועט זיך אַרויסווייזן יאָ אַ טעות אין חשבון.

און נאָך זאָלסטו וויסן, בני יקירי, ווי לאַנג ס'איז שייך צו האָפן, מוז מען האָפן מיט גלויבן און פרייד.״

ווען ס'איז שוין געקומען די צייט און ס'האָט שוין געהאַלטן ביים אויפגעבונדן ווערן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז בנימין דער מלמד וואָס איז דער איינציקער מוכר ספרים אין שטאָט האָט נישט קיין שיר־המעלות פאַר קימפעטאָרינס. אויך נעכעלע, די הייבאַם וואָס האָט שפאַרע ידיעות אין חכמת הרפואה, האָט זיך אויסגעלענקט אַ פוס און ווייסט אַליין נישט צי זי וועט קומען צו דער יולדת.

ביים אָפּנעמען איז דער פאָטער געשטאַנען אין צווייטן חדר, געוויינט אין תהלים אַריין און נישט געקענט איינהאַלטן דעם פלייץ פון זיינע טרערן. פלוצלינג דערהערט ער פון צווייטן חדר אַ שרעקלעך געשריי און ער דערקענט דאָס קול פון דער יולדת נעבעך: „אוי, נישט גוט איז מיר!״

אַריינרייסן זיך אינעווייניק איז אים נישט געווען מעגלעך:

— ניטע, מ'טאָר נישט! זאָגט בעסער תהלים, בעט רחמים!

נאָך עטלעכע מינוטן הערט ער שוין אַ פּאַטשעריי און א פישטשנדיק דין געוויין צוזאַמען מיט הויכע אויסרופן:

— מזל־טוב! מזל־טוב!

ווען מ'האָט אים אריינגערופן אין חדר און ער האָט מער נישט געזען דאָס שוואַרצע קרעצל, נאָר געזען דאָס געבוירענע קינד, גרויס און נאָרמאַל, האָט ער זיך אויפסנייַ צעוויינט פון גרויס פרייד, געלאַכט און געוויינט, נישט געקענט מער איינהאַלטן זיין אויפגעשטורעמט געמיט.

— ביילע, זאָגט ער אין עקסטאַז, זע ווי דאָס קינד איז גרויס! לאָמיר זוכה זיין ע ר זאָל זיין גרויס אויך אין רוחניות און מעשים־טובים. אָבער דאָס איז שוין געווענדט אין אים אַליין...

— גייט שוין געזונטערהייט! די קימפעטאָרין איז מיד, גייט, זאָגט מען

איך — זענען אַרויס די עטלעכע ווייבער מיט מענה־לשון און רב אברהמע־לעס שמייכל איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אויף זיינע וואָנסעס.

צומאָרגנס האָט ער דערציילט די נסים אין גערער שטיבל, געטרונקען לחיים און צוגעגעבן אויפֿן ווונק:

— פֿאַרשטייט זיך, דאָס האָט די נשמה אַזוי לאַנג געזעגערט און זיך מסרב געווען, נישט געוואָלט אויף דער שפּלער וועלט אַרונטער...

✶

אין דעם זעלבן טאָג האָט רב אברהמעלע געדונגען צוויי וועכטערינס אומצוגיין מיט דער געווינערין און מיטן בן־זכר, זיי אָנגעזאָגט, למען השם, נישט אראָפּלאָזן דאָס אויג פֿון די צוויי געהיטענע, קיין איינציקע מינוט נישט.

דער טאָג פֿון כ״ג אדר תרס״ב איז געווען שוין אַ פֿרילינגדיקער. אַ לינד ווינטעלע האָט געווייעט, דער הימל — בלוי און דורכזיכטיק. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ געוואַלד — די היטערין אין חדר פֿון דער קימפּעטאָרין זוכט עפּעס אונטערן בעט מיט פֿאַרבראָכענע הענט. איר פּנים איז אויסגעלאָשן:

— אַ ברוין הינטעלע! — קען זי קוים אויסריידן די ווערטער — האָט זיך דאָ אַראָפּגעדראָפּעט פֿון אָפֿענעם פֿענצטער און אַרונטער אונטערן בעט. אַזוי וואָר ווי איך לעב, האָב איך דאָס הינטל געזען מיט מיינע אויגן און ס׳איז פֿאַרשוווּנדן...

אָונטצייט קומט די אַלטע יאַדוויגאַ, די גויישע שכנטע פֿון הויף, בארגן אַ ליכט, ס׳האָט איר פּונקט אויסגעפֿעלט. צומאָרגנס, ווען זי פֿרעגט וואָס די קראַנקע מאַכט, וווּנדערט זיך אברהמעלע:

— דו ווייסט דאָך, יאַדוויגאַ, נעכטן ביסטו געווען בארגן אַ ליכט און מ׳האָט דיר געזאָגט.

די אַלטע נעמט זיך צלמען:

—מיין פֿוס האָט דיין שוועל נישט איבערגעטראָטן, זשעזאָק! אַזוי העלפֿט מיר דער שוויענטי דוך, יעזו קאָכאַני!

רב אברהמעלע האָט באַלד פֿאַרשטאַנען וואָס עס קומט פֿאַר און אהרון לייב איז ראַפּטעם אַוועק קיין טשערווינסק, אַכט וויאָרסט פֿון ווישעגראַד, ברענגען וואָס מען דאַרף...

מ׳האָט אויסגעקלעפּט אַלע ווענט מיט שיר המעלותן און אונטער די בייי־שטידלעך: מכשפה לא תחיה, תחיה לא מכשפה, לא מכשפה תחיה... ליתר תוקף האָט אברהמעלע אויפגעשריבן אויף פּאַרמעט דעם נאָמען פון אברהם אבינוס מוטער „אמתלאי בת כרנובו״ — אַ סגולה בדוקה ומנוסה פון דעם אַלטן ראַדזימינער רביך, ר׳ יעקעלע זצוק״ל קעגן די „יעניקע״ און קליפּות אַלערליי, באַשירעמט זאָלן מיר זיין!

✶

די טיר האָט נישט גערוט. חדר־ייִנגלעך זענען געקומען נאָך טיטלעך זיסוואַרג, געבענטשט דעם נייעם תושב מיט שלום־זכר; נאָך זיי זענען געקו־מען אַנדערע.

אין שטאָט האָט מען זיך געגרייט צום ברית, גלייך אַלע וואָלטן געווען פון איין משפחה.

מאָנטיק צו די אַכט טאָג איז די שול געווען פול געפּאַקט, אַ שפּילקע צו דער ערד נישט צו וואַרפן. דער אַלטער מוהל רב חיים אהרון איז געקומען מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג, דערציילט: אין מקווה אויפן וואַסער האָט זיך געדרייט אַ ווייסע זאַך ווי אַ העמד און ער האָט נישט געקענט זיך טובל זיין. געהאַט אַ סך האַרצקלאַפּעניש, כאָטש ס׳איז גריילעך מעגלעך אז ס׳איז גאָרנישט געווען...

דער אַלטער רב וואָס האָט איבערגענומען דאָס סנדקאות, גוט איינגעזעצט אין כסא אליהו הנביא, האָט אַ ווונק געגעבן מ׳זאָל ברענגען דאָס קינד, וואָס איז שוין איינגעבונדן אין פּוכיקן קישן און ס׳פּנימל איבערגעדעקט מיט בלענד־ווייסן טיול.

רב אברהמעלע, וואָס האָט נאָך אַ ישוב־הדעת מיט דער יולדת, באַשלאָסן צו ענטפערן אויפן רוף: ויקרא שמו בישראל — יצחק, מחמת דעם פּחד וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, איז געווען אין די דאָזיקע מינוטן אין גאָר אַנדערע וועלטן.

דאָס קישן האָט מען אויפגעבונדן. דער מוהל האָט איבערגעקוקט דאָס מוהל־מעסער און מכוון געווען אַלע נויטיקע כוונות. מיטן מעסער אין דער רעכטער האַנט האָט ער אויסגערופן הויך: ברוך אתה... און אין דער זעלבער

רגע האָט דאָס קינד אַ שטופּ געטון מיטן פּיסל און דאָס מעסער איז צו דער ערד געפאַלן.

גליוּוער! אין דער געפּאַקטער שול האָט מען קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט מחמת חידוש.

דער אַלטער רב האָט צוריקגעגעבן דאָס קינד און איז מיט שווערע טריט אַרויף אויפן באַלעמער:

— עדה יידן, עס טוט זיך טון אין אונדזער שטאָט זאַכן וואָס מיר פאַר־שטייען גאָרנישט. זייט וויסן ס׳איז נישט פּשוט און מיר פאַרשטייען נישט די צייכנס. על פּי דין לייגן מיר אָפּ די היינטיקע ברית־מילה אויף אַכט טעג.

ערשט דעם צווייטן מאָנטיק איז פאָרגעקומען דאָס יידישן כדת וכדין.

דאָס איינע נאָר וואָס ר׳ אברהמעלע האָט זיך טועה געווען מיטן נאָמען.

★

די טאָפּל־נעמען פון רב אברהמעלעס ברודער משה־יוסף געפינען זיך צווישן די נעמען פון די זיבן רעיה מהימנא — די זיבן געטרייע פּאַסטעכער פון בני ישראל. כידוע, טאָר מען נישט די נעמען צעטיילן. אין דעם צווייטן מאָנטיק איז פאָרגעקומען דער ברית. ווען מ׳האָט א פרעג געטון דעם נאָמען, האָט דער פּאָטער זיך אַרויסגעכאַפּט יוסף און אויגנבליקלעך זיך צוריקגע־כאַפּט יצחק.

אַזוי טאַקע האָט דער פּאָטער אים פאַרשריבן אין חומש שמות מיטביידע נעמען: יוסף יצחק.

פאַר רב אברהמעלען איז עס געווען אַ פּלא. מיט קיינעם דערפון נישט גערעדט, אפילו נישט מיט זיין פּאָטער, דעם גרויסן בעל־מקובל. ער האָט אָפּגעוואַרט וואָס די צייט וועט ברענגען און געלאָזט דאָס וואָכיקע לעבן צוריק אויף די טעגלעכע רעלסן.

קאַפּיטל צוועלף

סוגעסטיעס און איבערקערענישן

דער מלמד יעקב שלום האָט פֿאַריתומט צוויי דערוואַקסענע כלה־מיידלעך און מיט זיין טויט אויפֿגערודערט שרעק־מעשיות פֿון אַלטע מוסר־ספרים. ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קדיש און די אלמנה, נעכע, האָט ביים אָפֿענעם קבר איינגעריסן װעלטן:

— יעקב שלמהשי, ווו לאָזטו מיך איבער?

טעג און וואָכן איז די אלמנה געלעגן איבער דעם מאַנס קבר, געריסן פֿון זיך שטיקער, ער זאָל לויפֿן בעטן אַז זיך מיען פֿאַר די צוויי כשרע טעכטער זיי זאָלן נישט פֿאַרשעמט בלייבן.

— יעקב שלמהשי, ביסט דיר אַליין שולדיק! — שרייט זי אויף קולי־קולות, — איבער דעם נבזה, שמואל הענעך, האָסטו זיך צום האַרץ גענומען, ווי און ווינד וואָס איך האָב דערלעבט! כ׳האָב דיך געוואָרנט אַז די בראָך וועט קומען און זי איז טאַקע געקומען, א בראָך צו מיר און צו מיינע יאָר! זאָג אַליין, ליכטיקער, פֿאַרוואָס איז מיר דאָס געקומען?

שטיל אויפֿן בית־עלמין. דיביימער האָרכן זיך נישט צו צו איר געוויין וואָס ווערט כסדר איבערגעריסן מיט א כליפּ און פֿאַרבייגייער שטעלן זיך מער נישט אָפּ ביי די יעלות פֿון דער צערודערטער אלמנה, נישט פֿאַר קיינעם געדאַכט.

דער אַלטער חסיד רב מיכאל שמעון פֿלעגט דערציילן וווּנדער פֿון קאָצק, וואָס ער האָט אַליין מיט זיינע אייגענע אויגן געזען און עולם, אַקסל צו אַקסל, האָט געשלונגען יעדעס וואָרט.

שוין אַ צייט וואָס זיינע וווּנדער פֿון קאָצק גליען שוין נישט מיט דעם גלי פֿון אַמאָל, וואָס האָט מיטגעריסן ביז עק וועלט און אַריבער...

דער טויט פֿון יעקב שלום מלמד האָט מיכאל שמעונען פֿאַרעלטערט אַן

יאָרן; ער איז אַריין אין טיפֿן טרויער און קען נישט מער קיין אָרט זיך געפֿינען. זיינע פֿיזישע און גייסטיקע כוחות זענען ווי אָפּגענומען און דער זכרון דינט אים נישט מער.

אַלטקייט, לייכטער דערמאָנען זיך דעם ערשטן טאָג אין חדר, איידער — מיט וואָס דער נעכטיקער איז אַוועק. די פֿאַרבליבענע ציין שאָקלען זיך ביי אים און פֿאַלן נישט אַרויס, טרייסלען זיך ווען ער רעדט. קאָצק, למשל, קומט ביי אים אַרויס שטומפּיק — קאָץ.

— וואָס ווייסט עץ וואָס קאָץ איז געווען? — הויבט ער אַרויס דאָס פּנים פֿון קבלה־ספֿרל און רייבט זיך די אויגן — יעקב שלום עליו השלום, נאָך נישט קיין פֿיפֿציקער האָט געקענט געוועזן זיין אין קאָץ?

שפּעט אין דער נאַכט חידושט ער זיך פֿאַרוואָס דער ענין טויט גייט אים נישט אַרויס פֿון רעיון:

— מנע... ציט ער האָר פֿון דער גרויער באָרד — אויסגעגאַנגען ווי אַ לעכטל אין ווינט, ווי אַ שאָטן אריבער און אויס, נישטאָ דער מענטש.

ווי בלעטער אין האַרבסטיקן ווינט, פֿליען אַוועק זיינע מחשבות אַריבער יענערזייט נאַכט און סוד, דאָרט ווו עס וואָגלען נאַקעטע נשמות ווי פֿאַר־בלאָנדזשעטע שטערן פֿון וועלטן צו וועלטן. און פּלוצלינג פֿאַלט אַראָפּ אַ שטערן, פֿאַלט — און מען זעט אים נישט מער.

געווען יעקב שלום און איז מער נישטאָ.

שפּעט אין דער נאַכט פֿלאָנטערט ער זיך אַרויס פֿונעם שלאָף־געבריי, כאַפּט זיך אויף. נאָך ציטערן שטיקער דרימל אין דער פֿינצטערניש, נאָך ליגט דער חלום אויף זיין ברוסט, נאָר דער קאָפּ ווערט וואַכיקער און קלאָ־רער: מאָרגן וועט זיין ערב יום־כּיפּור אויף דער וועלט — אייל זיך, זאָגט צו אים דאָס קול פֿון געוויסן, באַלד וועט זיין ליכטיק, יידן וועלן זיך פּעדערן אין מקווה אַריין און דיין טבילה וועט געשטערט זיין.

עס שלאָפֿט דער מאַרק פֿאַרפּלאָנטערט אין חלומות. ביי דער פּלומפּ שיינט אַ לאַמטערן, זעט ער גיין אַ מענטש באַגלייט פֿון אַ שאָטן מיט אויסגע־צויגענע שפּרייז. טראַכט דער אַלטער: דער מענטש וועט מוצא שנתיו זיין, ער האָט אַ שאָטן. ער, מיכאל שמעון, האָט אויך אַ שאָטן, נאָר ער זעט אים נישט מחמת פֿינצטערניש. אין גאַנצן זיכער איז ער נישט. דאָס מאַכט אים

אומרו:ק, עס נעמט אים שווינדלען אין די אויגן, רוישן אין די אויערן און דער גאַנג ווערט פול מיט שטרויכל.

אויפן לאַנגן וועג צו דער שול לויפט פאַרביי אַ באַשעפעניש האַרט פאַר זיינע פיס.

— וויבאַלד אַ קאַץ, טראַכט ער, קער עס זיין אַ שלעכטער סימן, חלילה, ווי עס ברענגט דער „שערי אורה"... פאַרגיכערט ער די טריט פאַרביי דעם שוואַרצן שולשטיין און ווערט שוין אין גאַנצן צעטראָגן. דערשלעפּט זיך אין קאַלטן שווייס ביז צו דער מקווה — פאַלט אויף אים אַ הייסע פאַרע, קאַכיקע וואַלקנס קנוילן זיך אַרום אים מיט נאָס פייער.

— טאַטע, פאָטער, ווו בין איך אין דער וועלט?

ער זעט אַן אַכטער לעמפּל קאָפּשעט אינעווייניק, שאָטנס ווימלען, גליטשן זיך איבער די נאַסע ווענט. ביים פאַרקאַלכטן פענצטער אין סאַמע ווינקל שטייט אַ מאַן אין ווייסן און גלאָצט משונהדיק מיט אומהיימלעכע אויגן־לעכער צו אים, מיכאל שמעונען. אַ גרויל נעמט אים אַרום! רבונו דעלמא, דאָס איז דאָך יעקב שלום, ווי קומט ער אַהער?

— מאַ, באַרו:קט ער זיך, יעקב שלום ליגט אין קבר בשלום על משכבו, עס איז נאָר אַן אויסדאַכטעניש און ער פאַרנעמט זיך צו דער פאַרקערטער ריכטונג — אויסטון.

פּלוצלינג צעשרייט ער זיך געהאַריש:

— פאַרט יעקב שלום, דער מת! עפּעס ווינקט ער און ער בעט... געוואַלד! מיט אַלע אמצי־כוחות דערשלאָגט ער זיך צו דער טיר פון בעדער און מיטן געשריי: יעקב שלום אין מקווה! פאַלט ער אין חלשות...

דער בעדער מאיר מיכל מיט זיין בלינד אייגל און לאַמטערן קומט צוריק נישט טויט, נישט לעבעדיק מיט אַ פאַרלייגטן כריפּ אין גאַרגל: אַ בראָך צו דער שטאָט, אַ טויטער אין מקווה, יעקב שלום מלמד איז אין מקווה!

ווי אַ פלאַקער האָט דאָס געשריי געבושעוועט איבערן שטעטל, טויזנט צעהודזשעטע ווינטן זענען צום וואַרשעווער טראַקט אַרויס. דאָס געזעמל פון אַנלויפערס האָט געפויקט מיט פחדים: אַ טויטער אין מקווה! מענטשן, וואָס שווייגט איר? ווו איז דער רב?

★

אין טאָל, וואָס די ווישעגראָדער רופן „פאַרוועס״ ריזלט אַ שטיל וואַסערל וואָס פאַלט אַריין אין דער ווייסל. מיט איין איינציקן שפּריין — שפּרייזט מען עס אַריבער. אָבער קיינער דערוועגט זיך נישט, צוליב אַ פּאַסירונג פון אַמאָל...

— וואָס שטייט איר ווי די גלאָמבעס אין וואַרטעניש ?

— העי, דאָרט, ווו איז דער רב ? — פרעגט מען צוריק פון דער אַנדערער זייט פאַרוועו.

— דער רב קומט מיט ביידע שמשים, דרך־ארץ ! — שרייט מען צוריק פון דער ערשטער זייט.

עס ווערט שטיל. דער רב שטייט מיט אַ פאַרהויבענעם בליק צום אויפ־גייענדיקן רויטן קיילעך אויפן האָריזאָנט :

— צען יידן זאָלן אַרויס צום קבר מחילה בעטן, מיר וועלן דאָ וואַרטן מיט תשובה אין האַרץ.

שטיל ווערט ביים שטילן וואַסערל, אַזוי שטיל ווי אויפן בית־עלמין ווען די לעבעדיקע לאָזן איבער די טויטע אַליין.

דער רב, אָנגעלענט אויף זיין שטעקן, רירט זיך נישט פון אָרט. זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, די הענט וואָס דריקן פעסט ביים קאָפּ פון שטעקן ציטערן אָן אויפהער.

ווען די צען יידן זענען צוריקגעקומען, האָט די זון אַ צעפלאַמטע שוין געדראַפּעט זיך אויף העכערע הימלטרעפּ.

— גיי, זאָגט דער רב צו איציק דעם שמש, גיי זען צי דער מת איז שוין אַוועק. יידן דאַרפן זיך טובל זיין.

פון דער שמאָלער טירשפּאַלט איז ער צוריקגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער :

— נישט געזען גאָרנישט, רבי !

— נישט גערירט זיך פון אָרט, רופט אויס דער ווילער־יונג יצחקל קנאַ־קער, אָנגעהאָנגען אויפן פענצטער פון דער צווייטער זייט.

— ער וויל נישט אַוועק !

— ער וועט נישט אַוועק ! — צעוויינט זיך דער עולם פון ביידע זייטן.

רב אברהמעלע שוחט האָט שוין געוווּסט פון גרויסן אומגליק און נישט

געקענט אַוועק צו די פּאַרוועס. ביי אים אין הויף זענען די געוואַלדן גע־גאַנגען עד לב השמים:

— שוחט לעבן, נעמט מיין כפרה!

— רב שוחט, מיר פריער! איבערגעלאָזט פּיצלעך קינדער און מיין מאַן וואַרט אויף נסים ביי דער מקווה.

— לאָזט מיך צו, כ׳וועל נישט אויסקומען מיט דער צייט.

— וואָס שטופּט איר זיך? — שוחט לעבן! שעכט פריער מיין...

דאָס וואָרט „כפרה" איז געוואָרן איבערגעשריגן...

ווען אברהמעלע איז שוין צוגעקומען צו די פּאַרוועס איז די זון אריין אין די וואָלקנס און דער הימל איז געוואָרן כמורנע.

— רחביה — האָט געפּליסטערט דער אַלטער רב — זאָג דעם מת ער זאָל צוריק אין זיין רו אַריין. זאָג אים: דער מרא דאַתרא איז גוזר!

חביה קאַפּקע, דער אונטער־שמש איז אַ געבוירענער גיבור. אַלע האָבן פאַר אים מורא, נאָר ער האָט נישט מורא פאַר קיינעם, נישט פאַר לעבעדיקע, נישט פאַר טויטע. טאָמער שרייט ער, באַקומט ער גלייך אַ זאַיקע — אַ כאָכאָלעריע אין די געגעדערים אַריין!

אויף דער שוועל פון דער מקווה איז אַרויס די זאַיקע ווי פון אַ צעעפנ־טער שלוזע...

אַרויסגעשלעפּט האָט מען אים ביי די פיס אַ פאַרחלשטן.

— עדה יידן, האָט דער רב געהעכערט זיין קול, ווער נעמט זיך אונטער איבערצוגעבן דעם מת אונדזער גזר על דעת המקום ועל דעת הקהל?

קיין איינציקער פוןביידע זייטן וואַסערל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט; נישט אַרויסגעלאָזט דעם מינדסטן הויך.

— בכן יידן וועל איך אומגיין מיט מידת הדין! — האָט געברומט דער רב ווי אַ לייב. זיינע רויט אַרומגעליאַמעוועטע אויגן האָבן זיך איבערגעקערט אין די לעכער. — רחביה! נעם מיין שטעקן און באַפעל דעם מת צוריקגיין אין זיין רו אַריין. מיר וועלן לערנען משניות פאַר זיין נשמה וועגן.

דער רב איז געשטאַנען אַ ווייל מיט אַ משונהדיקן בליק צום הימל — און צוריקגעכאַפּט דעם אָטעם:

— ואם יקשה לבו, טאָמער וועט ער זיך איינשפּאַרן, זאָלסטו אים שלאָגן מיטן שטעקן און נישט מורא האָבן.

שטילקייט האָט געהויערט אין טאָל. נאָך קיינמאָל נישט, זינט דאָס שטעטל געדענקט, האָבן יידן נישט אַזוי פאַרביטערט איינגעהאַלטן זייער אָטעם און נישט געוואַרט אַזוי אין שרעק.

אַ רעזיגנירטער איז חביה קאָפּקע אַוועק צום מת, מיט פאַרמאַכטע אויגן, געזבענקעט מיטן שטעקן רעכטס און לינקס און פּלוצלינג אַ זינק געטון צום דיל, ווי אַ שטיק בליי. פון בײדע זייטן וואָסערל האָבן מענטשן געחלשט און פיל זענען געניזוקט געוואָרן. ביים פענצטערל אויף דער צווייטער זייט איז יצחקל קנאַקער מיט זיין חברה זיך פאַרגאַנגען אין ספּאַזמעס, קייכנדיק ביז משוגעת.

אַרויסגעוויזן האָט זיך שפּעטער, אַז די אויפגעשטאַפּלטע הילצערנע שעפלעך (שקאָפּקעס) איבערגעדעקט מיט אַ ברודיק ליילעך פול מיט שטויב, האָבן פון חביהס זבענקען זיך צעשאָטן, ווי קיילעכדיקע אַרבעס און דערשראָקן אַ וועלט. אַ וועלט, וואָס מיכאל שמעונס סוגעסטיעס האָבן שיער נישט חרוב געמאַכט.

✶

דער אַלטער רב, רבי יעקב דוד, איז אין טאָג פון שמחת־תורה שלאָף געוואָרן פון שרעק. פאַרנאַכט־צו האָט זיך צו אים באַוויזן אַ געשטאַלט אין פאָרם פון אַן אויסטערלישן פויגל — ווייס ווי שניי. דער פויגל האָט געפּעכערט מיט זיינע גרויסע פליגל ביז אויפן דאַך אַרויף, אַרויסלאָזנדיק קלאַנגען, וואָס ער האָט נאָך אין זיין לעבן נישט געהערט.

צי האָט ער אַליין זיך דאָס פאַרגעשטעלט מיט זיין גרויסן כוח הדמיון, צי האָט אַ פאַרביסענער קעגנער, א מתנגד, געוואָלט אים איבערשרעקן; און אפשר האָט ער אַליין צוזאַמענגעפּרעסט ברעקלעך פון מוסר־מעשיות אין אַ נייער אויסטערלישער געשטאַלט? — דאָס ווייס ער אַליין נישט.

ס׳קען אויך זיין, ער וויל נישט מ׳זאָל וויסן. אָבער דער פועל־יוצא דערפון: דער אַלטער ווישעגראָדער רב איז שלאָף נישט פון עלטער, הגם ער איז שוין אַריין אין גבורות, נאָר פון שרעק.

די שטוב האָט מען געמוזט איבערקאַלכן אויף גרין, ער האָט נישט גע־קענט פאַרליידן קיין שום ווייסקייט. חסידים, וואָס זענען אים געקומען מבקר־חולה זיין, האָבן געמוזט פאַרדעקן די ווייסקייט פון זייערע העמדער מיט אַ טונקעלן שאַליק און נישט געטאָרט דערמאָנען וועגן ווייסן פויגל.

אין זיך, קיינמאָל פון מויל נישט ארויסגעבערענגט, האָט ער געהאַלטן אַז דער ווייסער פויגל האָט פאַר אים דורכגעשוועבט מיט אַן אָנזאָג זיך גרייטן אין וועג אַריין... אַז ווויל איז טאָקע צו די אַלע, וואָס ווייסן ווען זייער צייט וועט קומען.

✶

דעם רבס זון, דוד הערש, איז אַוועק צום „שפת־אמת" זיך איינשטעלן:

— ער ליגט כסדר אין אָנמאַכט, זיינע אויגן פאַרקוקט צום ווייטן דרויסן און די ליפּן הערן נישט אויף צו מורמלען און פרעגן זיך אַליין: וואָס האָט ער געמיינט דער ווייסער פויגל? ער איז נישט מער בכוח זיין גוף צו דער־האַלטן, רבי. בעט צום הימל פאַר מיין טאַטן.

— וויבאַלד רחמים איז נישט גוט. יעדער בשר ודם מוז פריער דורכגיין מידת הדין. אוודאי וועט ער אַרויס זכאי — האָט געענטפערט דער רבי מיט קענטלעכן צער אויף זיין פאַרטונקלט פנים.

דוד הערש האָט פאַרשטאַנען, ווו עס האַלט און געווישט די טרערן. פלוצ־לינג פרעגט אים דער רבי:

— ווייסט מען אין ווישעגראַד, ווי דער סאָכאַטשעווער איז מרעיש עולם זיין אייניקל דודל זאָל פאַרנעמען כסא־רבנות?

— ווו? — פרעגט מיט חידוש דוד הערש.

— אין דעם גייט עס טאָקע — האָט דער „שפת־אמת" אים געענטפערט און געזעגנט.

✶

אַהיים פון גער איז געקומען דוד הערש אין דער לעצטער שעה פון זיין פאָטערס גסיסה. קוים וואָס ער האָט נאָך אויפגעכאַפּט די ווערטער:

— זאָלסט וויסן, מיין זון, הרבה דרכים למקום האָט צוויי טייטשן: דער

וועג צום אייבערשטן און דער וועג צום אָרט וווהין מען שטרעבט. אויף מיין אָרט שטרעבן קליינע פוקסן. צו יונג זענען זיי צו קענען ענדערן דאָס פּנים פון אונדזער שטאָט.

✶

כאַשקע שווירץ, די אלמנה פון גערער חסיד וואָס איז געשטאָרבן אין זעלבן יאָר, ווען ער האָט זיך טועה געווען אין דער תפילה „לאל עורך דין", האָט געהאַט אויסצוגעבן א טאָכטער פון אַכצן יאָר און א זון פון פופצן יאָר, יאַנקעלע, וועלכער איז מיט פיר יאָר שפּעטער געוואָרן דער איידעם פון ר' משה בצלאל הי"ד.

די אלמנה איז געווען זייער רייך און נישט געטראַכט פון איבערלאָזן דאָס פאַרמעגן פאַר די אויסגעגעבענע קינדער, ווייל דער זון, הערשל, אַ דאָזאָר אין שטאָט, און דער איידעם, ליפּע, בעל־הבית פון אַ גרויסן טאַרטאַק, זענען נישט קיין חסידים. זיי גייט נישט אָן וועלכער רבּ.

ווען די אלמנה האָט געוויילט אין סאָכאַטשעוו צוליב פאַמיליע־ענינים, האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ סאָכאַטשעווער חסיד מיט אַ גליק־שידוך פאַר איר טאָכטער.

— וואָס, איר האָט נישט געהערט פון דער משפּחה יעבץ? די שענסטע משפּחה אין פּוילן, זי שטאַמט פון די גולי־ספרד, איז פאַרצווייגט אין די גרעסטע קהילות קדושות. דער חתן איז א מזג טוב, א גאָלדן האַרץ און דערצו אַ גרויסער קענער אין לערנען, הענעך איז זיין נאָמען. זיין פאָטער איז פון אנשי־שלומנו אין סאָכאַטשעווער הויף. קוקט זיך גוט אַרום, דער שידוך איז אָנגעצייכנט פון אויבן, זאָג איך אייך.

כמעט צוויי יאָר האָט געדויערט דאָס וועבן דעם שידוך, ביז ער האָט זיך אויסגעשפּילט, אַלע יידישע קינדער געזאָגט.

דעם סאָכאַטשעווער רבינס אייניקל, ר' דודל, האָט שוין דריי קינדער און עסט נאָך אַלץ קעסט. ער זוכט א שטול נישט ווייט פון זיין פאָטער, רב שמואל און בעיקר — פון זיין גרויסן זיידן, דעם קאָצקערס אייניקל.

ערשט נאָך דער חתונה פון יונגן הענעך יעבץ אין ווישעגראַד, האָבן די

סאַכאַטשעווער חסידים געגומען אויספּלאַסטערן דעם וועג פֿאַר רב דודלען קיין ווישעגראַד.

אַ וויכטיקער קאַנדידאַט אויפֿן כסא־הרבנות איז געווען דער מורה הוראה פֿון שטאָט, רב נפֿתלי, אַ הויכער שטאַלטנער מאַן מיט געשרויפּטע פּאות ווי גרייצערס.

דער קאָך אין שטאָט האָט אָנגעהאַלטן צווישן די קאָנקורענטן צוויי יאָר צייט. פֿאַרן מו״ץ, ר׳ נפֿתלי, האָט געהאַלטן דער פּראָסטער עולם אײַזן שטאַרק:

— מיר דאַרפֿן נישט קיין חסידאַקעס, מירן זיך קעגנשטעלן! דערמאָנט דעם אַלטן רב מיטן מת אין דער מקווה. אַן אונדזעריקער, יצחקל קנאַקער האָט אים אויסגעפּייפֿט. אַזוי האָט געשריגן אין בית־המדרש מאיר מיכל דער בעדער, מיטן אײנציקן אייגל.

דערפֿאַר האָבן די געדער נאָכגעגעבן: זאָל זײַן דער סאַכאַטשעווער, אַבי נישט אַ מתנגד.

די ערשטע דרשה וואָס רב דודל האָט געהאַלטן אין שול איז געווען אַ בכיה גדולה... געגוי האָט מען נישט געוווּסט, וואָס ער וויל פֿון דער עדה און געוויינט האָט ער מיט שטיקער זוהר און מדרשים.

דער אײנציקער וואָס האָט געהאַט דערפֿון חולשת־לב איז געווען ר׳ אברהמעלע שוחט. ער האָט פֿאַרגעפֿילט, אַז ס׳וועט קיין שלום נישט זײַן. די מחלוקה צווישן זײַנע ייִדעס וועט אויפֿסנײַ זיך פֿונאַנדערפֿלאַקערן און דער רב וועט אים רודפֿן עד חרמה.

קאַפּיטל דרייצן

טויט און לעבן

יוסף יצחק, רב אברהמעלעס יינגסטער זון איז קראַנק.

ס'איז פרייטיק. די חמימה וואָס האָט געהויערט איבערן שטעטל ציט, ענדלעך, אַוועק. שוין איז אַ ווינטל געקומען, אַ פּיצל וואָלקן האָט זיך פאַרצויגן; שוין שמעלצט זיך די זון ביים קלויסטערשפּיץ מיט רויטלעכן גלי און גייט מיטן „לאַנגן וועג" צו דער ווייסל אַרונטער; עס ברעכן זיך די זילבערשטראַלן אויף די שויבן, ווערן מאַטער און טינקען זיך אין די רינשטאָקן; פון הויכן שלאָסבאַרג גלענצלען זיי אַראָפּ מיט קופּערשיין און שטעכן די אויגן...

אין מיטן מאַרק, נישט ווייט פון פּלומפּ, ציילט אַ פּויערטע אין וואָגן דאָס געלייזטע געלט און צלמט זיך פלוצלינג אַן איבערגעשראָקענע. שפּרינגט אויף איר פּויער און וואַרפט זיך אויף דער באָבע ווי אַ געביסענער:

— ווער האָט דיך באַשווינדלט, ספּודניצע? ווער? ממיתן וועל איך!

דער טומל נאָך נישט איינגעשטילט, קלאַפּט שוין דער משוגענער יאַנעק מיט זיין הילצערן צלמל איבער די טירן פון אַלע יידישע געוועלבער:

— אין באָד אַריין!

יעדן פרייטיק פאַרנאַכט לויפט ער אַרום, דער באָרוועסער יאַנעק, מיט זיין צלמל און שאַרפן קוויטש פאַרצויגן אויף רעכטס צו די אַרויסשטאַרצנדיקע געלע פּיענקעס:

— אין באָד אַררריין!

אַזוי זומער און ווינטער, אין שנייען און שלאַקסרעגנס; ער וואַקסט אויס ביים חזיר־מאַרק און פאַרשווינדט ווען ס'איז שוין פינצטער ביים וואַרשעווער וועג.

יאָרן אַזוי.

★

מיט אימפעט הויבט אויף דער נייער רב זיינע אויגן פון שיר השירים אַרויס און שטעלט זיי אָן אויפן שמש:

— איציק, ס׳איז אַ האַלבע שעה פּאַר ליכטצינדן. מוזט דיך צואײַלן, ביזקל וואַרשעווער וועג וועט שוין זיין שפּעט מנחה.

דומפּיק און מיד ציט אַוועק דער טאָג און מיט דער זון — דאָס גייעס פון אַלע יידישע געוועלבער. שווער און מידלעך שפּאַנט איציק שמש איבער ליקן און געדרייטע געסלעך מיט זיין איינטאָניקן, הייזעריקן רוף:

— צינדט לעכט! צינדט לעכט!

ביים וואַרשעווער וועג איז שוין גרויס די כאָפּטע ייִנגלעך וואָס לויפן נאָך און העלפן איציקן מיט הילכיקן קלאַנג:

— צינצלעך! צינצלעך!

שלמה סיסיעס, ווי אַלע מאָל, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון געוועלב אַ צעטומלטער:

— וויפל איז נאָך צייט?

איציק שמש שטעלט זיך אָפּ, גלעט בנעימות דאָס קורצע בערדל און מאַכט מיט גרויס וויכטיקייט:

— דער רב האָט געזאָגט אַ האַלבע שעה צו לעכט צינדן...

★

אין דער אַלטאַנע פון דאָקטאָר זאַוואַדסקי, דער איינציקער דאָקטער אין שטעטל, וואַרט די מאַמע מיט איר צוויי־יעריק ייִנגעלע וואָס ברענט אין היץ. זאַוואַדסקי האָט נישט ליב די יידישע פּאַציענטן, ווייל זיי האָבן קיין געדולד נישט. ביי אים מוז מען פאַרטראָגן גראָבקייט און הוקעניש.

די מאַמע וואַרט. איר קינד ברענט ווי פייער. צו איר דערגייט דער רוף פון דרויסן אַז דער שבת־קודש קומט אָן, מען צינדט ליכט און דאָ... יאָסעלעס ליכטיקע נשמה גייט אויס...

— ווייַן נישט, שוחטקע, בייזערט זיך דער דאָקטער, דיין קינד האָט אַ שקאַרלאַטינע, וואָס קען איך דיר העלפן? גיי צום ראַבין, זאָל ער דיר העלפן!

ערשט זונטיק פאַרמיטאָג האָט ר׳ משה יוסף דערהאַלטן אין גער די טעלעגראַמע פון זיין ברודער ר׳ אברהמעלע שוחט אין ווישעגראַד:

„יאַסעק, סינעק דוואַרא, כאַרי. טשעבאַ רחמים״.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ איז ער געשטאַנען פאַרן „שפת־אמת״ און האָט מזכיר געווען.

לאַנג האָט דער רבי געקוקט צום פענצטער מיט פאַרלאָפענע אויגן, זיין רויטלעך בלאָנדע באָרד האָט זיך לייכט באַוויגן:

— נו, נו, דער אייבערשטער זאָל העלפן.

ר׳ משה יוסף איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין:

— יוסף יצחק בן דבורהביילע דאַרף הילף, רחמים ברויך ער!

דער רבי האָט זיך אויפגעטרייסלט. זיין פאַרוואָלקנטער בליק איז צוריקגעקומען פון זייער ווייט, פון נישט הי:

— אברהמעלע האָט נאָך קינדער, פאַרוואָס טוט ער זיך איינשפאַרן?

ר׳ משה יוסף, דער חשוב אין גערער הויף, האָט זיך דערוועגט און נישט אָפגעשטאַנען:

—איך שטיי דאָ אין טרערן, רבי! כ׳וועל נישט אַרויס פון זיי, ביז דער רבי וועט מתפלל זיין פאַר דעם נזכר יוסף יצחק בן דבורה ביילע. אים זאָל השם יתברך העלפן, ער זאָל געזונט ווערן און לאַנג לעבן. ער טראָגט איינעם פון מיינע נעמען. זאָל דער נאָמען יוסף אים זיין צום זכות, רבי!

— אָוואַ, — האָבן דעם רבינס ביידע הענט גענומען ציטערן — האָסט אַרויפגעלייגט אַ נדר אויף מיינע פלייצעס איבער די כוחות. וואָס זאָגט דעם חולהס זיידע, ר׳ שמחהלע?

דעם רבינס פּנים האָט פּלוצלינג אויפגעשיינט. די הענט פאַרשטעקט אין גאַרטל האָט ער גענומען ריידן וועגן די רעיה מהימנא און די סודות פון זייערע נעמען. שפּעטער האָט ער געהייסן אַריינרופן צוויי עדות אָפצוקויפן דעם זון פון רב אברהם בן מורנו שמחה בונם, מיטן נאָמען יוסף יצחק בן דבורה ביילע פאַר אכצן זילבער רובל — כמנין חי.

לחיים האָט מען געטרונקען מיט בראָנפן און די ברכה איז געווען — שהכל נהיה בדברו.

✶

אין דער זעלבער שעה איז אין דעם שטעטל ווישעגראַד אַ גרויס נס געשען.

— זשעזאַק — האָט דאָקטער זאַוואַדסקי גערעדט מיט מיטלייד צום פאָטער פון שטאַרבנדיקן קינד — איך זאָל ראַטעווען? כ׳האָב אַלץ געטון וואָס אַ דאָקטער קען. פאַרוואָס שפּאַרסטו זיך איין? צאָ טאַם, האָסט דאָך נאָך קינ־דער? נאָר אַ נס קען ראַטעווען.

ביי די פּאַרוועס אין ראָג פון שוסטערגאַס פאַרהאַלט אברהמלען דער אַלטינקער ישעיה טויב, דער עניוותדיקער, ליבלעכער און שטילער, גראָ ווי אַ טויב און שטיל ווי אַ טויב:

— כל זמן, אברהמעלע, עס קלאַפּט נאָך איין אָדערל, ווי מעג מען פאַר־צווייפלען? דער רבי האָט געלערנט — אונטערהאַלטן די היץ און נישט לאָזן קאַלט ווערן. האָרך מיין עצה: שטעל אַרום דעם קינדס בעטל קאַכיקע קוכנס פון זשעפּאַק־אייל, קאַלעץ רופט מען דאָס, דאָס וועט דערהאַלטן די היץ און דאָס חיות. ביי אים אויבן איז דאָך אַלץ מעגלעך!

ווי אַ ווינט האָט זיך אברהמעלע געטראָגן אַהיים און געקומען צו די לעצטע גסיסה־מינוטן. אַנגעפילט איז געווען די שטוב מיט יללה. צוריקגעקומען זענען די נשים נאָכן אַריינוויינען אינעם אָרון־קודש אַריין, צוריקגעקומען זענען די צען יידן נאָכן אויסשפּרייטן זיך איבער הייליקע קברים.

די קאַכיקע קוכנס אַרום קינד האָט מען איבערגעדעקט מיט וואַטענע קאָלדרעס.

נאָר דאָס האַרץ וואָס האָט געקלאַפּט, געשלוכצט אין דער קעל אַזוי ווי די טרערן אין די אויגן, איז געווען איינגעהאַלטן. פאַרטייעט איז געווען די שטילע שרעק. ביז דאָס קינד האָט זיך פּלוצלינג צעווײנט און מ׳האָט ענדלעך פעסטגעשטעלט ווי אויפן קינדס פנימל שפּילט אַ ראָזע פאַרב.

דאָס קינד איז געוואַקסן מיט אַ גוטן קאָפּ און גוטן זכרון. אויך ר׳ אברה־מעלע האָט איינגעהאַלטן לאַנג אין זכרון דאָס נס פון אויפלעבונג. דאָס אָפּ־קויפן דאָס קראַנקע קינד דורכן „שפת־אמת" און, פאַרשטענדלעך, פאַרלייקנט די פעולה פון דעם אַלטיטשקנס ישעיה טויבס עצה.

אין זיך האָט אברהמעלע שוין פון לאַנג געוווּסט אַז אין געשטאַלט פון ישעיה טויב איז אַן אַנדערער געווען.

★

די צייט פליסט אָן אויפהער.

דער צופאַל מיטן נאָמען יוסף האָט נישט אויפגעהערט צו עגבערן און שרעקן. אברהמעלע האָט אָפּגעוואָרט די צייט און זי איז געקומען — ווידער איז געבוירן געוואָרן אברהמלען אַ בן־זכר.

אין אַלע זיינע בריוו האָט דער זיידע נישט אויפגעהערט צו וואָרענען למעה״ש צוריק מצרף זיין די נעמען, וואָס זענען צעטיילט געוואָרן: משה און יוסף.

„איך וואָרן דיך, מיין זון, זאָלסט טראַכטן דערפון בייטאָג און בייגאַכט, נישט אַרויסלאָזן דעם נאָמען משה פונעם רעיון.״

דאָס יינגל איז געבוירן געוואָרן אין תשעה־באב. געווייינטלעך ווערן אַלע קינדער, געבוירענע אין תשעה־באב, גערופן מיט די נעמען מנחם אָדער נחמן די יינגלעך — און די מיידלעך: נחמה.

ביים ברית האָט רב אברהמעלע האַסטיק אויסגעשריגן מ ש ה און ערשט דערנאָך צוגעגעבן די נעמען מנחם מענדל.

ווידער האָבן די צוויי נעמען משה און יוסף זיך באַהאָפטן, נאָר אין צוויי באַזונדערע גופים און צוויי באַזונדערע גורלות, יוסף צוערשט און דערנאָך משה.

ווען דער זיידע האָט אים געווונטשן מזל־טוב, האָט ער מגלה געווען דעם גרויסן צער וואָס ער האָט געהאַט. ווען נישט דער „שפת־אמת״ וואָס האָט אים אָפּגעקויפט, וואָלט דאָס קינד מער נישט געלעבט. דער „שפת־אמת״ האָט נישט משנה געווען דעם נאָמען, ווי ס׳איז שכיח אין אַזעלכע פאַלן, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט מכוון געווען צו דעם סוד פון „מערן״ און מען דאַרף וואַרטן אויף דער צייט. וד״ל!

★

זילבערנעכט שיינען אין יאָסעלעס ערשטע זכרונות.

ס׳איז פינצטער, אַלע שלאָפן, נאָר דאָס קינד איז וואַך. שוואַרצקייט שפּרייט זיך אויס איבער דער שטוב; באַלד וועט ער נישט זען און נישט ווערן געזען.

דער שאַטן אין קיך איז גאָר דער טאַטע וואָס נעמט אים אַרויס פון וויגל און זעצט אים אויף דער שויס: נו, שאַ, הער שוין אויף צו וויינען, דו!

די פּערעלעך אויף די ברעמען אויסגעטריקנט, זעט יאָסעלע מיט אַ מאָל אַרויסקומען פון פענצטער־ראָם אַ לעבעדיקע זאַך, אַ מין „פּיטשע־מאַנטשיקל", וואָס לויפט אויף די פיסלעך פלינק, פלינק. די קליינע אייגעלעך פינטלען צום גרעלן ליכט אויפן טיש — און דאָס לויפט מיטן לאַנגן עקעלע הין און צוריק.

יאָסעלע האָט געלאַכט אויפן קול, אָבער דער טאַטע — פאַרקערט — איז געוועז דערשראָקן, געקלאַפּט מיט דער האַנט אויפן טיש און דאָס פּיטשינקע איז צוריק אין האָלץ אַריין...

בולטער קומען אויף די שפּעטערדיקע זכרונות.

עס איז שבת אויף דער וועלט. אין דער ליק פון פּלאַצקער גאַס ליגן בלאָטעס פון נעכטן. דער טאַטע גייט אַהיים מיט נאָך איינעם א ייד און שפּע־טער באַמערקן זיי ווי דאָס קינד באַשמירט מיט בלאָטע דעם יידס נייע אַטלע־סענע קאַפּאָטע.

דאָס קינד ענטפערט מיט אַ פראַגע:

—פאַרוואָס איז מיין טאַטנס קאַפּאָטע אַלט און דעמס ניי?

— ווי אַלט איז ער? — פרעגט דער גביר ר׳ דוד וויטעלזאָן — קוים דריי יאָר, זאָגסטו? פאַרוואָס שיקסטו אים נישט אין חדר אַריין?

צו מאָרגנס, זונטיק, איינגעהילט אין טאַטנס טלית, ווערט ער געפירט צום דרדקי־מלמד, ר׳ ישראל מאיר.

אויף אַ שמאָל ברעט, אונטערגעשפּאַרט מיט ציגל צו דער ווילגאַטנער וואַנט, לערנט דאָס קינד אַראָפּצושלינגען טרערן. ער באַקענט זיך מיטן גוטן מלאך פּימפּער, וואָס שיט פון הימל צוקערלעך, און מיטן בייזן מלאך דאָנדיק, וואָס באַכצעט אין פּלייצע הינטנאַרומעט.

שלעכט זענען די צוויי פינטעלעך אונטערן אַלף. דעם רבינס טייטל שטעלט זיך אָפּ מיטן שפּיץ ביי די צוויי פינטעלעך:

— זאָגזשע נאָך אַ מאָל, וואָס איז דאָס?

— דאָס איז, רבי, דאָס איז אַ רייצי! — ענטפערט דאָס צעשראָקענע קינד און דאָנדיק באַכצעט ווי אין אַ פויק אַריין: פויערן־וואַיטעק, זאָג נאָך אַ מאָל!

✶

דער רבי, ישראל מאיר, איילט זיך אין מאַרק אַריין, שניפּט זיך אָן מיט טאַבעק און צעניסט זיך מיט אַ קוויטש: — ר'זאָלט נישט אַרומוויוערן, כ'קום באַלד צוריק.

דער פאַרנאַכט איז געקומען פון רעמבאָווער וואַלד מיט פולע פּאָלעס שוואַרצקייט. ראָזע שטיקער הימל האָבן זיך אָוועקגעלאָזט צום פּערלמוטער־נעם האָריזאָנט, נאָר אויפן שלאָסבאַרג האָבן זיך צעלייגט שווער׳ע כמאַרעס. אַ ווינט איז געקומען, געפּאָכעט ווי מיט פליגל און געטריבן די סטאַדעס וואָל־קנס צום הוילן הימל־פּאַס. גיך האָט דער הימל גענומען ציטערן, איבערגע־שראָקן די קינדער אין חדר מיט זיינע געלע פלאַזדערעס אויף די שויבן. מיט אַ מאָל קומט אָן אַ שוואַרצקייט און צעקנאַלט זיך, אַ פּייערל אין געשטאַלט פון אַ קאַנטשיק שווינדלט פאַרביי אין די הייכן אונטערן הימל.

— דאָס איז אַ בליץ, האָבן די עלטערע זיך גרויס געהאַלטן, די קלעפּ זענען דונערס, וואָס דונערן. מ'טאָר נישט וויינען און נישט מורא האָבן. באַלד וועט אַראָפּ אַ כליאַפּ רעגן, קינדער וואָס האָבן מורא וועט מען אַהיימטראָגן אין פּאַטשיילעס.

די קראַנקע רביצן, הינדע לאה, האָט געמאַכט מיט די קינדער די פּאַרכ־טיקע ברכה „עושה מעשי בראשית", און באַלד דערנאָך צוריק אריינגעוואָרפן איר צעשרויפטן קאָפּ אין די קישנס אַריין און אויסגעבייטלט אויפן רבין אַלע אירע ווייטיקן.

צוזאַמען מיט אַלע קינדער האָט אויך יאָסעלע זיך באַקענט מיטן געפיל וואָס הייסט מורא.

✶

איין מאָל האָט חיים געוויינט דעם גאַנצן פאַרמיטאָג, ווייל ער האָט געהאַט אַ בייזן חלום: אַ מענטש מיט אַ פּעלצן היטל איז אַריין דורכן פענצטער, וואָס איז געווען פאַרמאַכט, בעת אַלע זענען געשלאָפן. באַלד איז די שטוב פול געוואָרן מיט מענטשן אין ווייסע מאַסקעס. חיימל האָט מורא געהאַט און שרייען האָט ער נישט געקענט. קומט צו איינער און פרעפלט: — האַ, זעסט? מיר האָבן נישט געגלויבט, היינט איז שוין פאַרפאַלן, נאָר דו, חיים, מוזט גלויבן!

— חלמאַ טבאַ חזיתאַ, האָט דער טאַטע אַרויסגעברומט דערשראָקן און אַרויסגענומען דעם סידור פון ליסער רב, רבי אליעזר, פותר צו זיין דעם חלום. זאָג, חיימל, מלבושים פון שטוב האָבן זיי נישט אַרויסגעטראָגן? נייע שיך נישט אַריינגעבערענגט? וויבאַלד נישט איז דער חלום אַ גוטער. ווייַן נישט! ווער עס זעט אַ טויטן אין חלום ווערט לאַנג לעבן.

דערנאָך האָט דער טאַטע דערציילט אַ מעשה נורא פון איינעם אַ שוחט אין אַ פאַרוואָרפענעם העק, אַ שאַרפער חסיד, אַ מקובל.

שבת־צו־נאַכטס זעט ער לויפן אַ ייד איבערן דאַך און אַ האַן איבער די אַקסלען שניידט זיין האַלדז מיט אַ בלאַנקער שאַרף. דער ייד שרייט אויף קולי־קולות און גייט איין אין בלוט.

אין דעם צווייטן שבת־צו־נאַכטס זעט ער ווידער דעמזעלבן ייד אויפן דאַך — אַ צערייצטער אָקס בינדט אים צום שעכטן. דער ייד פאַרוואָרפט דעם קאָפּ און גייט אויס כהרף עין.

דאָס לאָזט צו וויסן, האָט געזאָגט דער רבי, אַז יעדער ווערט געמשפּט פון זיינע אייגענע קרבנות. אויב די פלעקן פון בלוט גייען נישט אויס...

— אין דעם ייד אויפן דאַך האָסטו געזען דיך אַליין.

דער שוחט איז אַהיימגעפאָרן מיט אַ צעבראָכן האַרץ און תשובה געטון. ער האָט זיך זייער געפאַרכטן. ביז איינמאָל אַ טאָג, ווען ער איז געווען אַליין אין שטוב האָט ער געזאָגט ווידוי, אַרומגענומען מיט זיבן שטרויען די פינגער פון רעכטן פוס, מיט אַנדערע דריי דעם לינקן, אויסגעשפּרייט זיך מיט די פיס צו דער טיר און אָפּגעגעבן זיין נשמה.

— טאַטע, איז חיים אַרויס אין געווייןן, פאַרוואָס איז דער ייד געשטאָרבן?

— אין יעדן חלום איז דאָ אַ ביסל אמת. אַ חלום מוז מען באַשיידן און לויטן באַשייד ווערט ער וואָר.

✶

די רביצן הינדע לאה איז שוין לאַנג געשטאָרבן און די חדר־קינדער זעען איר יעדן פאַרנאַכט...

אין חלום איז העלער טאָג. איינער אליין גייט יאָסעלע איבער דער בריק און פון ביידע זייטן גלאָצן אויף אים די טיפע ראָוון.

פּלוצלינג לויפן אָן אָקסן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער בריק און

לאָזן זיך גלייך אויף אים. יאָסעלע שרייט, פאַלט אַנידער און אין דער זעלבער רגע כאַפּט אים די טויטע רביצן מיט אירע טויטע, קאַלטע הענט און שליי־דערט אים אַראָפּ מיט אַ זבענק פון זיין געלעגער.

אויפגעקומען איז יאָסעלע מיט אַ געוואַלד דער פּתרון־חלומות זאָל באַשיי־דן צום גוטן.

— אָקסן אין חלום איז א גוטער סימן, לייענט אַרויס דער עלטערער ברודער חיים פון ליסער סידור, וויבאַלד אַ טויטער איז מציל, איז דער סימן נאָך אַ בעסערער. דאָס באַטייט ווערסט זיין צווישן קלוגע מענטשן און ווערן אַזוי ווי זיי.

—ווי קומען אָקסן צו קלוגע מענטשן ?

— אַזוי ווי מען באַשיידט ווערט דער חלום וואָר. אָקסן אין חלום זענען קלוגע מענטשן.

✶

דער בריוו פון זיידן איז פול מיט שטראָפרייד.

„מי יתן זאָלסט נישט האָבן קאַליע געמאַכט אַ גוטע כלי דערמיט, וואָס דו האָסט געשיקט יוספן אין חדר אַריין פאַר דער צייט. בן חמש למקרא מיינט נישט דווקא ביי פינף יאָרן לערנען חומש. די בעסטע תפיסה, ווען זי ווערט אַנגעשטרענגט און וויל תופס זיין אַלץ מיט אַ מאָל, ווערט קאַליע און גייט חלילה לאיבוד.״

צום סוף באַמערקט ער :

— „זאָלסט וויסן זיין, אונדזער רבי, זאָל לעבן, פילט זיך נישט גוט. נאָכן באַקומען אַ רויטן פלעק אויפן פנים, וואָס מענטשן רופן דאָס אַ רויז. וועדליק מומחים אין חכמת הרפואה, איז עס אַ מין בלוט־קראַנקייט וואָס קומט פון עגמת־נפש. די היינטיקע מרידה קעגן מלכות קען חלילה ברענגען צרות אויף יידן. ווייסט דאָך : דינא דמלכותא דינא.

דער רבי איז געוואָרן טויבלעך און געוויסע אברים ביי אים זענען גע־ליימט. ביים באַטראַכטן דעם רבין האָט דער הויפּט־דאָקטער אים געהייסן אויפהייבן די הענט איבערן קאָפּ ווי נאָר מעגלעך און ע ר ז אָ ל ל ע ב ן האָט געענטפערט אַז ער קען נישט. וואָרום על־פּי זוהר טאָר אַ ייד נישט אויפ־הייבן די הענט העכער פונעם קאָפּ.

גרויס איז אונדזער שרעק. בעט פאַר אים, אברהמעלע. זאָג תהלים יעדן טאָג לויטן סדר התפילות. שחרית דאָס קאַפּיטל כ״ג: גם כי אלך בגיא צלמות; מנחה — קאַפּיטל קט״ז: אפפוני חבלי מות; מעריב — קי״ח: מן המיצר.

מצדי וועל איך פאַרן צו אים, אי״ה, וואָס שנעלער און וויפל די כוחות וועלן אויסהאַלטן וועל איך מרעיש עולם זיין!״

ווי אַ שטראָם, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון די „בערג״, איז אַוועק די ידיעה וועגן „שפת־אמת״ צו אַלע שטעט און שטעטלעך פון גאַנץ פוילן. אין אַלע געדער שטיבלעך האָט מען געזאָגט תהלים און מנדר געווען מי שברכס פאַרן רבינס געזונט וועגן.

און ווי אַ הוראַגאַן האָט זיך צעטראָגן די נייס, אַז מען וועט נישט צולאָזן צום חולה אפילו אנשי־שלומנו — ווער עס זאָל נישט זיין.

רבי שמחהלע פּולטוסקער האָט זיך פאַרהאַלטן אַ גאַנצן טאָג ביים רבינס בעט און דאָס האַרץ האָט אים ווי געטון. דעם רבינס אויגן זענען געווען פאַרנעפּלט. צוהערנדיק די שטילע רייד וועגן קאָצקער און וועגן זיידן דעם „חידושי־הרי״ם״, האָט דער פּולטוסקער רב זיך אַוועקגעדרייט און געווישט די טרערן.

— פאַרוואָס איז דיין אברהמעלע נישט געקומען? האָט דער חולה פּלוצלינג אַ פרעג געטון. מיט דיין זון זענען מיר דאָך נאָענטע קרובים, זיין זון, יוסף יצחק, האָב איך אָפּגעקויפט און אחרי מאה ועשרים וועט ער האָבן אַ חלק אין ירושה.

אין שבת פון דער זעלבער וואָך, עטלעכע מינוט נאָך ליכטצינדן, האָט אַ ווינט אויפגעריסן דאָס פענצטער און ס׳איז אויסגעלאָשן געוואָרן איין ליכט פון די פיר. דעם גאַנצן שבת האָט דער פּולטוסקער זיך געראַנגלט נישט אַרויסצולאָזן קיין איין קרעכץ און נישט דערלאָזט ער זאָל מבולבל ווערן.

צו סעודת מלווה־מלכה האָט ער באַמערקט צווישן עולם חסידים פון גער. דער פּולטוסקער, וואָס האָט שוין געאַנט פון דער הסתלקות, האָט זיך שטאַרק צעוויינט און גלייך געפאָרן קיין גער צו דער לוויה.

מספיד געווען דעם רבין האָט דער סאָכאַטשעווער גאון און דער עלטסטער זון רבי אברהם מרדכי שליט״א האָט געזאָגט צו זיין ברודער ר׳ משה־בצלאל:

— ווו נעמט מען כוח אויסצוטראָגן דאָס אחריות?

קאַפּיטל פערצן

חשבון מיט דער צייט

דער פולטוסקער רב, ר' שמחהלע, האָט זיך פאַרטראַכט וועגן... צייט. ער זיצט פאַרטיפט אין לערנען, אַרום דעם טיש — בחורים, ישישים — שאַרפע קעפּ הערן זיך צו פאַרמוחטע:

— היינט־זשע — זאָגט דער רב אַ פאַרטראַגענער — נאָך די מפרשים נאָך, ווערט דאָך דער ענין האַרבער און פאַרטיפטער גאָר!

פאַרכמאַרעט איז דעם רבס געלבלעך פנים, זיין הויכער שטערן פאַלדע־וועט זיך מיט טיפע קנייטשן און זיינע גרויע אויגן — פאַרקוקט אין נישט געזעענע ווייטן. זיין בליק איז שטאַר און, ס'קען זיין, ער ווייס אפילו נישט ווי שטאַרק ער רייבט די שלייפן, ווי האַסטיק ער קנאָדערט די שיטערע, שוואַרצע באָרד, שוין היפשלעך דורכגעשטרייפט מיט זילבער־פעדעם.

— אלאָ, וואָס דען? — ציט ער ווייטער מיט אַ זיפץ — גיין זאָגן ווי דער מהרש״ל — שטעלט זיך דאָך ווידער אַ נייע קשיה...

אין בית־דין־שטוב איז שטיל, אַלעמענס אָטעם — איינגעהאַלטן. מיט אַ מאָל הערט זיך אַ ריטש פון רבס שטול, וואָס נאָר אַ האַלב געזעס איז אויסגעריבן, מחמת אַ מענטש מוז תמיד איבערלאָזן פּלאַץ פאַרן צווייטן. אין דעם מאָמענט פאַרלייגט ער די פאַטשיילע איבערן ספר און כדי אויסצולייטערן די געדאַנקען — טראַכט ער — וואָלט גוט געווען צו פאַררייכערן די ליולקע, ווי ס'איז זיין געוווינהייט אין אַזעלכע פאַלן שוין פון יאָרן. דאָס העלפט אים, ממש, ווי אַ שטעקן פאַר איינעם וואָס טאַפּט אין דער פינצטערניש. איי, וואָס ער דאַרף אויסרייניקן די ליולקע? — איז עס קיין ביטול־תורה נישט; פאַרקערט, ס'איז א מיטל צו קענען דערגיין צום העכערן זין, דעם לויטערן, וכוליה...

צוריקקומענדיק, שפּרייזט ער פאַרביי דעם עבענעם זייגער, כאַפּט אַ בליק און ציטערט אויף:

— מנע... מנע... פֿאַרלוירן אַ פערטל שעה, אַ קלייניקייט ? פֿאַר אַזאַ צייט ווערט דאָך אַ מענטש געבוירן און פֿאַר אַזאַ צייט קאָן אויך אַ מענטש שטאַר־בן... יעדע מינוט פֿאַרמאָגט זעכציק עכשו׳ס, וועגן וועלכע הלל הזקן האָט געוואָרנט נישט צו פֿאַרלירן קיין איינעם: ואם לא עכשו — אימתי ? שפּע־טער קומט א צווייטער עכשו, אָבער דער ערשטער וועט שוין קיינמאָל זיך נישט צוריקקערן — האָט מען געזאָגט אין פּשיסכע. און דאָ — זיפצט ער טיפער אָפּ — האָב איך פֿאַרדאָרבן און אומגעברענגט א פערטל שעה צייט נאָכצוגעבן זיך די תאווה פון ריח און רויך. אַזאַ איז דער גאַנג פון יצר־הרע צו פֿאַרשלייערן זיך אין מצוות: נעם, רויכער, מאַך קלאָר דיין מוח צו דער תורה... אין דער אמתן אָבער מיינט עס: פֿאַרליר דיין צייט, פֿאַרדאַרב דאָס טייערסטע וואָס דיר איז געשענקט — די צייט... קומט דאָך מיר אויס געוואַלד צו שרייען, יידן !

מיט אַן איבערגעגאַנגענעם האַרץ זעצט ער זיך צוריק אַוועק איבער דעם האַלבן זייַן פון שטול אויסצוחשבונען די פֿאַרלאָרענע צייט במשך דרייסיק יאָר פֿאַרן דינסט פון רויך. און קלאָר ווערט דער חשבון: צוויי מאָל אין וואָך רייניקן מאַכט אויס צוויי שעה אין חודש; געצפּלט אויף דרייסיק יאָר — איז עס אַ קיימא לן פון פֿאַרלוירענע דרייסיק קיילעדדיקע מעת־לעתן...

לעולם, מער ווי דרייסיק יאָר. ווען ער איז געוואָרן מרא דאתרא, האָט די שטאָט פּולטוסק אים געשענקט די ליולקע, וואָס בלויז דער ציבעך מיט דעם זעלטענעם מוילביין האָט געהאָט דעם ווערט פון צוויי הונדערט רובל. און דעמלט האָט ער נאָך קיין צוויי און צוואַנציק יאָר נישט געהאָט.

— און דעמלט, ווען ס׳קומט די לעצטע מינוט — האָט דער רב שוין נישט אויפגעהערט אין זיין צעבראָכנקייט, מיט אויגן פֿאַרלאָפּענע און ברע־נענדיקן פּנים — ווי גליקלעך וואָלט דעמלט זיין דער מענטש ווען מע לייגט אָפּ דעם גזר פון יציאת־הנשמה אויף א חודש, אַ וואָך, אויף איין איינציקן טאָג, אַ צייט אויף צו טון תשובה און וואָס נישט איז מתקן צו זיין, פֿאַררעכטן, פֿאַררעכטן דעם נעכטן ?...

— און איך, רב פון פּולטוסק, האָב פֿאַרדאָרבן מיין צייט מיט רויך און ווינט, וויי צו מיינע יאָרן ! בכן, ליבע יידן, מהיום והלאה וועל איך מער נישט רייכערן !

פול איז געוואָרן די בית־דין־שטוב מיט שטילקייט. אין דרויסן האָט אויפגעהערט דער רעגן, אַן אויסגעצוואָגן שטיק לויטער הימל האָט מיט אַ בלויען בליק ארייגעקוקט אין פענצטער.

✶

—רבי, האָט דער יידישער דאָקטער זיך געווענדט צום חולה נאָכן איינ־האָרכן זיך אין די פּלייצעס און אין דער ברוסט: אייערע לונגען זענען איינ־געפּרעסט אין אַ געדיכטן, שווערן טומאַן; דאָס כריפּען איז נישט נאָרמאַל; די אַנדערע צוויי דאָקטוירים זענען מיט מיר מסכים אַז איר מוזט צוריק אַנהויבן רייכערן, כדי צו קענען טיפער אָפּהוסטן, צערייסן דאָס ליחות. די אַלע רעצעפּטן ווירקן נישט גענוג שטאַרק דעם טומאַן אויפצורייסן.

נאָך דער דאָזיקער קאָנסוליע האָט די רביצן זיך געבעטן מיט טרערן:
— שמחהלע, הערסטעך, ס׳גייט אין סכנת־נפשות; אפשר וועסטו זיי פאָלגן? דער נייער רבי האָט מתיר געווען: זאָלסט ברעכן דיין וואָרט — האָט ער באַפוילן. נו?

— האָלט נישט אָן, רביצן — האָט דער קראַנקער געענטפערט מיט אַ קווענקל — ווי קען איך ברעכן דאָס וואָס איז שוין מער נישט אין מיין רשות? בכלל, ווי איז שייך אַ זאַך וואָס שעדיקט זאָל גאָר היילן? ווענד דיין געבעט צום וואָרהאַפטן רופא־חולים און פאַרלאָז זיך נישט אויפן מענטש!

✶

דעם חולה איז געוואָרן ערגער. זיין אָטעם האָט זיך געריסן ווי פון אַ נעץ, געזעגט די לופט, קוים דעם „דעך" דערכאַפּט.

אין געדיכטן וואַלד פון סאָסנעס און יאָדלעס נישט ווייט פון ווישקאָוו האָט אַ גערער חסיד אָפּגעגעבן זיין ווילע פאַרן שלאַפן פולטוסקער רב.

זעלטן פלעגט ער נאָך צו קורצער וויל זיצן אויף דער פליושענער, האַלב־געגנוצטער שטול ביי דעם טיש, וואָס איז ביי אַלעמען געווען חשוב ווי אַ מזבח.

אויך די ווישקאָווער דאָקטוירים זענען צוגעשטאַנען: דער רב מוז רייכערן צוליב זיין געזונט וועגן.

דער נייער גערער רבי, רבי אברהם מרדכי שליט"א, האָט צוגעשיקט דאָס קאַפּל פון זיין עלטער־זיידן, דעם "חידושי הרי"ם", זכותו יגן עלינו, וואָס ער האָט נישט אַראָפּגענומען פון קאָפּ לאַנגע יאָרן, און דערביי גוזר געווען זיך צוצוהערן צו די עצות און רפואות פון די דאָקטוירים. אין גער האָט מען אים צוגעגעבן די נעמען נתן ונטע און ער איז עולה לתורה געווען מיט פיר נעמען: שמחה־בונם נתן־נטע.

✶

זיין וואָרט האָט דער חולה נישט געבראָכן. וואָרט איז שטאַרקער פון טויט. מיטן וואָרט איז באַשאַפן געוואָרן דאָס לעבן. מיטן וואָרט איז באַשאַפן געוואָרן דאָס ליכט: יהי אור! מיטן וואָרט קען דער מענטש זוכה זיין צו חיי־עולמים.

עטלעכע טעג פאַר זיין פטירה האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין פון די יונגע יאָרן בימי קאָצק. קוים וואָס מען האָט די ווערטער דערהערט. פון די יינגסטע שטערן אַרום דער גרויסער זון איז ער דאָרט געווען צוזאַמען מיט רבי אברהמעלע קרושניוויצער, דעם קאָצקערס איידעם און שפּעטער סאָכאַטשעווער רבי, דער "אבני־נזר" און ר' אברהמעלע סטאַשעווער, שפּעטער פּאָריסעווער רבי.

די דריי שטערנס האָבן זיך וויניק צוזאַמענגעטראָפן. יעדער האָט געשיינט מיט זיין באַזונדער ליכט און געגאַנגען אַן אייגענעם גאַנג.

אין די פרייטיקדיקע נאָכמיטאָגס פלעגט רבי שמחהלע שטיין ביי די ספרים־פּאָליצעס אין דעם גרויסן בית־המדרש און שעהן לאַנג לגמרי נישט באַוועגן זיך, די הענט כסדר אינעם שטריימל, די אויגן פאַרגלייזט.

רבי אברהמעלע פּאָריסעווער איז אַרומגעלאָפן ווי אַ געשליידערטער פון אַ מעכטיקן שטויס, אָן אויפהער.

רב אברהמעלע סאָכאטשעווער דאָקעגן איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, ראַנגלענדיק זיך מיט די אייגענע ספקות, געהאַט פלוצימדיקע חזירות, זיך אָפּגעשטעלט און איינגעהאָרכט זיך אין עפּעס־וואָס, אויפגעריסן זיך און ווידער אַוועק.

די שטערן פון קאָצקער זון־קרייז האָבן זיך וואָס אַ מאָל מער דערווייטערט. ערשט ביי די קינדער און אייניקלעך האָבן זיך אויסשטראַלונגען

ווידער צונויפגעטראָפן און געהאַט אויסערגעוויינטלעכע קעגנזייטיקע השפּעות.

✶

נאָך דער פּטירה, האָבן צוויי בית־עלמינס געהאַלטן א דין־תורה, ווו דער צדיק זאָל רוען. פּולטוסק, ווו דער רבי האָט געלעבט מער ווי דרייסיק יאָר, האָט געטענהט: חזקה, צוליב זיין לעבן און ווירקן; ווישקאָוו, וואָס אין איר גבול האָט דאָס לעצטע יאָר דער צדיק זיך געהיילט און נפטר געוואָרן, האָט געטענהט חזקה צוליב דער ערד — און אין איר איז דער צדיק באַהאַלטן אויף אייביק.

✶

פּונקט צום טאָג פון די שלושים פון ר׳ שמחהלעס פּטירה איז געבוירן געוואָרן ביי זיין זון, ר׳ אברהמעלע, דאָס זעקסטע קינד, אַ ייִנגל.

געוויינלעך ווערן דערקענט די ירושה־עלעמענטן פון דער משפּחה צוזאַמען מיט די איינגעבוירענע אייגנשאַפטן פונעם מענטש ערשט דעמלט — ווען ס׳געשטאַלטיקט זיך זיין כאַראַקטער. דאָס ניי־געבוירענע קינד איז געווען אַן אויסנאַם: שוין אין ערשטן טאָג האָבן אַלע געוווסט, אַז עס וועט אויף זיך טראָגן אַלע פיר נעמען פון זיידן.

אַ טאָג פאַרן ברית זעט אברהמעלע ווי עס ליגט אויסגעשפּרייט אויף דער שוועל פון גערער שטיבל א טלית־קטנ׳דל, ניי פון דער נאָדל אַראָפּ. קיינער האָט נישט געוווסט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען. פאַר ר׳ אברהמעלען איז דאָס געווען א צייכן פון „אויבן" און ער האָט עס מיטגענומען אַהיים.

צומאָרגנס אין דער פרי, אין טאָג פון ברית, דערציילט די יולדת מיט אַנגסט, האָט זי געזען ווי אין חלום פאַרביישוועבן דעם שווער ז״ל און זי האָט געהערט זיין באַפעל: לאָזן איבערקוקן די ציצית און דאָס קינד זאָל עס טראָגן ביים ברית־מילה.

די עלטסטע טאָכטער פערל האָט פאַרטראָטן די מוטער ביים צוגרייטן דעם ברית. יוכבד, ישעיה טויבס טאָכטער, אַן איינגייערין און אַ „קומע" אין שטוב האָט זיך דערמאָנט אַז נאָכן ברית מאַכט מען אַ באַשיטונג: שנעל איז

פערל אַריבערגעלאָפן צו אברהם שמחהן אין קאַלאַניאַל־געוועלבל אײַנקויפן ניס און מאַנדלען; דאָס געוועלבל איז געווען איבערפֿולט מיט קונים; ס'האָט לאַנג געדויערט ביז פּערל איז אַרויס מיטן ווייסן טיט פול מיט זיסוואַרג.

בעת דער באַשיטונג איז דעם קינדס פנימל איבערגעדעקט געווען מיטן געשטריקטן פון רויטער וואָל חלה־טישטעכל, אַ דרשה־געשאַנק, וואָס מען באַנוצט שוין כמעט צען יאָר.

פלוצלינג דערהערט זיך דעם קינדס געוויין. דאָס עופעלע שטיקט זיך, דאָס פאַרקייכטע פנימל ווערט בלוי און באַשיט מיט פּאַפּעליאַטע פלעקן.

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוואַלט, ווײַבער האָבן זיך געריסן די האָר, געוויינט און געקלאָגט.

אַ פאַרבעטענער אורח אויפן ברית האָט האַסטיק אַראָפּגעכאַפּט דאָס טיש־טעכל פונעם קינד און זיך באַמיט אַרויסצונעמען די לעצטע צוויי פעפערלעך פון דעם קינדס שלונג.

ווען דאָס קינד האָט צוריק באַקומען דעם אָטעם, האָט דער אורח געהייסן בודק זײַן דאָס טישטעכל.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אַז דאָס טיכל איז שעטנז: די גרינלעכע אותיות לכבוד שבת זענען פון צוויר און נישט פון וואָל. פון וואַנען האָט זיך גענומען פעפער? איז דער גאַנצער טיט געווען מיט פעפער? — דאָס וועט מען שוין קיינמאָל נישט וויסן.

— ביי אונדז איז נישט מעגלעך אַזאַ טעות, דער קלאָש מיט פעפער שטייט אין הינטערגעוועלב — האָט געענטפערט אברהם שמחה. אגב, האָט ער קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס, מחמת שרעק. שוין עטלעכע טעג נישט געלייזט פאַר פעפער. בכלל אַזאַ גרויסן טיט פעפער האָט ער נאָך קיינמאָל נישט פאַרקויפט.

— יידן, האָט ער געצופּט די באָרד און געקוקט ווייט אַוועק, די זאַך איז נישט פשוט!

צען יאָר האָט דאָס חלה־טישטעכל פון שעטנז באַשיינט ר' אברהמעלעס שבתים און ימים־טובים, ביז ס'איז געקומען אַ פרעמדער אורח און ענדלעך אַנטדעקט דעם אמת פון טישבאַדעק. ווער וואָלט זיך אײַנגעשטעלט נישט צו גלויבן אַז דאָס איז מן השמים?

קאַפּיטל פופצן

בערל בנימינס

אַ פּאַדערהויז — דאָס ערדישע לעבן;
פּאַלאַצן רייכע — נאָכן טויט.
אַ פויגל־פלי איז צייט געגעבן —
אַ חלום־פּלאַטער, גליק צי נויט.

אויך אין אונדזערע צייטן איז געווען מעגלעך אַ בחור זאָל ווערן פאַר־שדכנט לויטן אַלטן חסידישן שטייגער, אָן זיין וויסן.

געטראָפן האָט אַזאַ פּאַל מיט דעם בחור בערל פייערזייל פון דער שטאָט ראַטשאַנסק.

זיין פּאָטער, אַ שאַרפער גערער חסיד, באַקענט זיך מיט אַ פרעמדן ייד פון ווישעגראַד, פאַרנדיק אין באַן. הייבן די צוויי יידן אָן צו רעדן און — דעררע־דן זיך: דער ראַטשאַנסקער האָט ברוך השם אַ געראָטענעם זון, אַ וויללערנער און דער ווישעגראַדער — אַ געראָטענע טאָכטער.

דערציילט דער ווישעגראַדער:

— פאַר קיינעם נישט געדאַכט, יאָרן לאַנג קיין קינדער נישט געהאַט, מרעיש עולם געווען ביז אַ גרויסער צדיק האָט אויסגעפּועלט רחמים. טייער באַצאָלט פאַרן גרויסן נס: אין טאָג וואָס די טאָכטער איז געבוירן געוואָרן איז די מוטער פון דער וועלט געגאַנגען.

רופט זיך אָפּ דער ראַטשאַנסקער ייד:

— אוודאי איז עס אַ גרויסער צער, אָבער אַלץ ווערט געפירט פון הימל און אייביק אין צער קען מען נישט לעבן. איך האָב אַ זון, ווי כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, און אַ ייִנגערע טאָכטער — אַ מזג טוב. דערביי לאָזט ער אַרויס אַ טיפן זיפץ: אויך מיינע איז שוין פון לאַנג אויפן עולם־האמת. לאָמיר בעסער רעדן פון אַנדערע זאַכן. וואָס איז אייער פּרנסה? רב...

— בנימין הייס איך און מען רופט מיך אַזוי. בעזרת השם האָב איך אַ גרויסאַרטיק געוועלב פון צעלניק און ווייבער־וועש. וועל איך זוכה זיין אויסצוגעבן מיין איינציקע טאָכטער פאַר אַ לערנער — בין איך מבטיח קעסט אויפן גאַנצן לעבן. אַ לעבן אָן זאָרג!

— איי, אם ירצה השם, דאַרפט איר צוגעבן, קיינער ווייסט דאָך נישט ווי אַזוי אַ שידוך געווערט, אַלץ קומט דאָך פון אויבן. מיך וווּנדערט וויאַזוי־מעט אַ מענטש קען פאַרזיכערן אַ גאַנץ לעבן אָן זאָרג, דאָס איז דאָך נישט געווענדט אין אייער רצון? וואָס טאַקע מיינט איר מיט אייער זאָג?

דער שמועס האָט זיך לאַנג פאַרצויגן און ביים סוף האָבן זיך ביידע גע־אָמפּערט וועגן די ראשי פּרקים.

נאָך דער חתונה האָט מען דעם נייעם ווישעגראָדער איידעם גערופן אויף זיין שווערס נאָמען, בערל בנימינס.

אין שטיבל האָבן אים די בחורים גערופן בקיצור: בית־בית, זאָל ער זיך כעסן! זיי האָבן דעם חסרון זיינעם באַלד דערשנאַפּט. זיינע אויגן ווערן אויסגעלופּעט און נאָך אַ מאָל אַזוי גרויס, גלאָצן מיט פּחדים און זיינע ליפּן פּאַפּטשען אין דער לופטן ווי אַ שלייען אויף דער טריקעניש:

— דורסן וועלעך, אַ קופּע ביינער וועט עץ ווערן!

אין גאַנצן דער היפּוך איז זיין שווער בנימין.

ער איז אַ שטילער, אַ פּשוטער, מיט גלאַנציקע, מילדע אויגן, וואָס קוקן אייך גלייך אין האַרץ אַריין. אַ גוטמוטיקער, אָן טענות — נישט צו גאָט, נישט צו לייט. נישט ווען ער האָט אויסגעבעטן זיין בת־יחידה וואָס איז געבוירן געוואָרן אַ יתומה און נישט ווען ער האָט זי אויסגעגעבן, בלינדער־הייט, פאַר בערלען — דעם אומגעלומפּערטן גבר־אלים, וואָס קיין קינדער, לא עלינו, האָט ער נישט.

אַ גרויסער בעל־כּוח איז ער, בערל. צום פּריזיוו האָט ער מיט די אייגענע הענט זיך אָפּגעהאַקט צוויי פינגער פון רעכטן פוס, אבי באַפרייט צו ווערן. היינט שטערט עס אים אַ האָר נישט צו טאַנצן מיט חסידים לענגער פון אַלע. שמחת־תורה טאַנצט ער איינער אַליין אויף אַ קליין רונדיק טישל ארום זיין אייגענעם גאָלדענעם זייגער. מיט פאַרמאַכטע אויגן שוועבט ער אַ חסידישן קאָזאַטשאָק, דרייט זיך אויף די קנאָפּל ווי אַ ווירבל און דער גאָלדענער זייגער קלאַפּט, קלאַפּט, גייט מיט זיין אייגענעם טאַקט, ווי געווייגלעך אַ זייגער. מען זעט בחוש ווי בערל, מיטן „טייל פון אונטערן גאַרטל" אין דער לופטן, רירט נישט אָן דעם טיש.

אַזוי שוועבן אויך אַוועק די יאָרן און קיין קינדער האָט ער נישט, בערל. ער פאָרט שטעטס קיין גער, צום רבין, ווערט דאָרט פאַרפאַלן אויף לאַנגע וואָכן און קומט צוריק מיטן אַלטן.

ביים שווער אין געוועלב שיינט אַריין דאָס מזל, די שפע פון פרנסה גייט איבער: בנימין מיט דער טאָכטער באַווייזן נישט אַזוי פיל איינצולייזן; עס פעלט זיי הענט. אָבער בערל וויל זיך נישט מישן. ער וויל נישט האָבן צו טון מיט ווייבערשע זאַכן: האַלקעס, סטאַניקעס, סטענגעס, — שטיין איבערן האַלדז אין נסיונות...

★

ויהי היום, קומט דער שווער צום איידעם מיט קופּעס טרויער:

— וואָס טראַכסטו טון, בערל? די יאָרן לויפן. ביסט אויסגעוועזן אַ וועלט און דיין ווייבס טראַכט איז פאַרשלאָסן. ווי אַ חלום פאַרשווינדט די צייט, ווי אַ פויגלפלי. לאָמיר נישט פאַרשעמט ווערן, בערל. מיין עצה איז זאָלסט פאָרן צו דיין רבין, מנדר זיין אַ גרויס פאַרמעגנס, ער זאָל זיך איינשטעלן, די הימ־לען איינרייסן. לייג נישט אָפּ אויף שפּעטער, ווען ס'וועט שוין זיין שפּעט...

צוריקגעקומען פון גער איז אַן אַנדערער בערל.

דער רבי, זאָל לעבן, האָט אים געהייסן נישט פאַרלאָזן זיך אויף נסים נאָר בפירוש אָנגעזאָגט:

— קויף ספרים אין שטיבל אַריין, באַזאָרג אָרעמע בחורים מיט אַלעם נייטיקן און דער עיקר, דער רבי האָט א וויל נאָכגעטראַכט, זיי מחרחר ריב

לשם שמים, דערלאָז נישט אַז אַפּיקורסות זאָל אַריינרייסן זיך אין שטאָט, ווי עס איז די מאָדע היינטיקע צייט. אפשר וועסטו אין דעם זכות געהאָלפן ווערן.

— שווער, האָט בערל געהערכערט זיין קול, הערש מענדל זשיכלין האָט זיבעצן יאָר געוואָרט און צום סוף געבענטשט געוואָרן מיט אַ זון. זאָל דעם שווער נישט איינפאַלן, איך וועל אַנדערש טון! סיי ווי סיי ווייסט קיין אחד נישט ווער פון אונדז ביידע, מיין ווייב, צי איך בין שולדיק דערין...

✶

בערל בנימינס איז געוואָרן גבאי אין גערער שטיבל און האָט אַרויס־געגעבן נייע תקנות:

א. אסור אונטער זעקס און דרייסיק יאָר צו לערנען פסוק — ווער עס זאָל נישט זיין.

ב. אסור מבטל זיין צייט אין דברי־חול, בעיקר אין פּאָליטיק. אַלע מלו־כות זענען היינו־הך: קירה, יעקע, פּאָניע, טערעק, אַלע זענען זיי שונאי־ישראל און זיי וועלן קיין תקומה נישט האָבן.

ג. אסור פּאַר בחורים און יונגעלייט צו לייענען ספרים אין יידיש. אפילו די הייליקע ספרים, ווי „מנורת המאור״, „קו הישר״, „תורת המידות״ און דאָסגלייכן, אַרויסגעגעבן לכתחילה פּאַר נשים וועגן. אפיקורסות, כידוע, פאַנגט אָן נישט מיטן רעדן נאָר מיטן לייענען יידיש.

ד. אסור צו פאַרדאַרבן צייט מיט פוסטע שפּילערייען, קוויטלעך, דאָמ־קעס וכדומה. צו גיין אַ גאַנג איז פּאַראַן נאָר איינער...

ה. אסור צו קרייזלען און זיך פוצן אין דער וועלט אַריין, וואָס ברענגט, חס ושלום, צו גרויסהאַלט און פירט פון וועג אראָפּ. זע רש״י וועגן יוסף הצדיק שהיה מסלסל בשערו — און געברענגט דערמיט צו שיעבוד מצרים.

ו. עס איז אַ חוב גמור, ווען איינער פון דער חבריא איז, רחמנא ליצלן, קאַליע געוואָרן, אים אַרויסצוגעבן און פאַרשטויסן אים, כדי אַלע אַנדערע זאָלן אָפּגעהיטן ווערן.

ולכל השומע ינעם.

✶

דער ערשטער פועל־יוצא איז געווען די מחלוקה פון אַלע קעגן אַלע.

גרשון אברהמעלעס, נאָך נישט קיין בר־מצווה־בחור, פאַרט מיטן סטאַ־טעק וואָס קורסירט ווייסל־שטרייך צווישן וואַרשע און פלאָצק; ער פאָרט לערנען אין דער גערער ישיבה.

פאַרנאַכט שפּאַצירט ער זיך איינער אַליין איבערן דעק פון דאַמפּער און הערט ווי אַ דין ווייבעריש גלעלכטערל קייקלט זיך אַלץ נענטער און נענטער צו אים. אויפהייבנדיק די אויגן זעט ער ווי בערל בנימינס זיצט ביחוד, פאַררוקט אין אַ ווינקל, מיט דער גבירטע חיה כאַשקעס און עסט אַ פולקע געגנדזנס פון דער יידענעס שויס אַרויס.

דער יונגער ישיבה־בחור איז געוואָרן נשתומם. די מעשה זמרי האָט אים געטראָפן ווי אַ שטאַרקער זעץ איבערן קאָפּ.

ווען ער איז צוריקגעקומען נאָכן זמן, האָט ער מיטגעבראַכט דאָס ספרל „חטאת־ נעורים" פון דעם משכיל משה לייב ליליענבלום.

בערל בנימינס, דער נייער גבאי, האָט מיט זיינע שפּאַרבער־אויגן געפּאַקט דאָס טריפה־פסולע ביכל און פּעטש האָבן געשווינדלט ווי בליצן אין דער נאַכט־פינצטערניש:

— רשע־מרושע! מיטן שורש וועט מען דיך אויסרייסן!

אין זיין אָפּווער האָט דאָס בחורל אויסגעשריגן ברבים די מעשה מיט דער פולקע און חיה כאַשקעס.

דאָס שטעטל האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף רעדלעך, געקאָכט און געזאָטן...

בערל איז אַ לענגערע צייט מכלומרשט קראַנק געווען, דערנאָך געוואָרן איינגעהאַלטענער און מער קיין תקנות נישט אַרויסגעגעבן.

— גוט. לאָמיר זאָגן אַז דו ביסט גערעכט — טענהט דער גערער טישזיצער צו זיין זון גרשון — וואָלט דען נישט געווען גלייכער ער זאָל פאַלן אויף אַנדערע הענט?

— ווער האָט דיר געזאָגט, טאַטע, אַז איך בין די ערשטע האַנט? בערל איז אַ פאַרשטעלטער חסיד, אַ חומר אָן נשמה. וועסט זען, טאַטע, ער וועט נאָך אין גאַנצן פון וועג אַראָפּ. וואָס מיינע אויגן האָבן געזען וועט מיין זכרון נישט אויסמעקן.

קאַפּיטל זעכצן

צוויי זקנים

רב חיים אהרון פירשט, דער רבי פון נחום סאָקאָלאָוו און דער פּראָסטאַק יידל בויל, דער שטאַרקסטער מאַן אין דער גאַנצער געגנט זענען בלי ספק די עלטסטע לייט פון שטאָט.

ר׳ חיים אהרון שפּאַנט נאָך היינט לייכט און פלינק איבער די נישט ברוקירטע גאַסן אָן אַ שטעקן און זעט נאָך היינט ווייט און שאַרף מיט זיין נאַקעטן בליק, אָן ברילן.

ווען ער דערציילט פון זיינע נסיעות צום רבין, שפּיגלט זיך אין זיין בליק באַגייסטערונג, אַ מאָל — אויך טרויער. און דערציילן טוט ער תמיד. פּיפּקעט דעם ליולקע־ציבעך, גלענצלט העל און ליכטיק מיט זיינע אויגן־אַפּלען און די ווערטער קומען ווי פון זיך אַליין, קרעכצן אונטער ווי פון זיך אַליין...

— פּאָרט מען צום רבין, די שנייען זענען טיפע, גליטשן זיך די רעדער אויף צוריק, די בויד הוידלט זיך מיטן ווינט, דער שבת־קודש געגענט, די זון זעצט זיך און ראַפּטעם לויפט אָן אַ פּריץ מיט אַ טייוולאָנישן שליטן : העי, זשידעס, מאַכט אַ וועג ! אונדזער פערדל דערשרעקט זיך און נעמט פליען כהרף עין, ממש פליען...

ווער אין שטעטל קען נישט דעם אַלטיטשקן ? זשוואָווע איז ער און אַלט — קיינער ווייסט נישט וויפל.

✶

זיין שכן, הויז ביי הויז, איז יידל בויל. אַ ישיש, נאָר פון אַן אַנדערן שניט. אַ פּראָסטאַק, אַ זאַטער חומר — אַ בויל. זיין שטים כריפּעט נאָך היינט מיט

הוילקייט פון בירפעסער און אויסגעלערטע טונדלעך אַקעווית. הענט האָט ער — פאַלן זיי אַרונטער ווי שווערע בוילן. אַ גיבור!

דערציילט וועגן אים דאָס שטעטל:

אין די יונגע יאָרן גייט ער איינמאָל איינער אַליין אין באַדזאַנאָווער וואַלד. פּאַמעלעכן גייט ער זיך, טראַט נאָך טראַט און דער וואַלדיקער באָדן גיט זיך נאָך, קרעכצט אונטער. פּלוצלינג דערזעט ער פון ווייטנס ווי עס ווייסלט זיך דאָרט, עפּעס ווערט דאָרט העל צווישן טונקעלן צווייגן־געפלעכט, אַ מאָל רעכטס, אַ מאָל לינקס — רויבער זענען עס אין וואַלד. רייסט ער מיט גבורה אויס אַ בוים און גייט די רויבער האַפּערדיק אַנטקעגן. אַזוי גייט ער מיטן בוים און ער אײַלט זיך נישט, גייט אַ האַלבע נאַכט און זעט נישט גאָרנישט. מיטן שאַריען אויף טאָג קומט ער צו אַ קרעטשמע צו מיטן בוים אויף די אַקסלען.

פון דער קרעטשמע רייסט זיך אַ וויסטע יללה, שיכורע אַמפּערן זיך, פאַרנעמען זיך ממיתן דעם יידישן שענקער. דערלאַנגט ער דעמלט אַ פּאָך מיטן בוים אַהין און אַהער און לייגט זיי אויס ווי די סנאָפּעס — גאַנצע צוועלף שטיק.

נאָך ליגט ער דאָרט דער בוים אין דאָרף רעמבאָווע הינטער פּלאָצק, אַן אַרשין מיט דריי צאָל די דיק.

✶

הינטער לעבן די צוויי זקנים הויז ביי הויז, הויף לעבן הויף. צווישן זייערע הייפלעך איז פאַראַן אַ נידעריק, הילצערן פּלויטל, וואָס וויזט אויף יעדער זייט: אייגנס — דאָס געהערט צו מיר!...

איז אַלט שוין דאָס פּלויטל, אַ ליאַדע שטופּ קען עס איבערקערן. טוען זיך פּעדערן די ביידע שכנים ביי יעדן אויפקום פון טאָג אַ רוק צו טון דאָס פּלויטל און יעטוועדער באַזונדער טראַכט זיך: יענער דאָרט וועט נישט דערקענען...

ברעכט אויס אַ קריג: יידל בויל, דער גיבור, גייט ער אַן מיט גבורה און כאַפּט אַ רידל אין האַנט; רב חיים אהרון, דער חכם, שטייט ער מיט חכמה און שוויגט אַ שווייגן; וואַקסט דער פּאַרדרוס, יערט, קאַכט.

היינט, שוין אין דער טיפער זקנה, פארוואָגלט איז דער שלאָף, פּאַקט דער ערשטער בליאַסק אויף טאָג זייביידע מיטן פלויטל אין דער לופטן. און ווידער פלאַמט אויף די אַמפּערניש, עס צעבלאָזט זיך דער זשאַר: יידל בוילס רידל איז הויך פאַרהויבן — אָט ממיתט ער! ר׳ חיים אהרונס שווייגן איז פאַרביסן — כאַטש נעם און באַגראָב זיך!

ווי אין יעדן טאָג, ווען עס ווערט העל, רייסט זיך איבער דער סכסוך מיט אַ ניכטערן שפּיי אויפן אייגענעם פלויט, וואָס מיינט אייגנטלעך דעם שכנס...

אַזוי וואַנדערט דאָס אַלטע פלויטל אין די באַגינענס איבער א צענדליק צענטימעטער ערד אַהין און דאָס אייגענע — צוריק.

ווען ס׳וועט קומען די צייט, וועט דאָס שטיקל ערד, צוליב וועלכן זיי האָבן זיך געקריגט, נישט זיין גענוג פאַר אַ קבר...

קאפיטל זיבעצן

מאַכעלע

דער לעצטער וויכוח מיט זיין אַלטער מוטער האָט מאַכעלען שטאַרק ווי געטון.

— זון מיינער, איינציקער, זאָגט צו אים די מוטער מיט געבעט און באַדויער — ביסט שוין אַריבער די דרייסיק, ווען וועסטו חתונה האָבן?

איך ווייס נישט, מוטער. ווי קען איך מיך אַליין פאָרשטעלן: איך בין אַזאַ און אַזאַ — און רופן רופט מען מיך אַזוי און אַזוי?... דאָס איז נישט פאַר מיין ווירדע, מוטער מיינע!

היינט איז ער שוין איינער אַליין אויף דער וועלט און ער האָט נישט קיין מחזקות מיט קיינעם דאָ אין שטעטל, סיידן מיט קליענטן ווען עס טרעפט.

ער איז אַ זייגערמאַכער, אַ סאָרט אָנגעשטעלטער ביי דער צייט: נו, זאָל זי טאַקע גיין, די צייט, וואָס ווייטער — רעדט ער צו זיך אַליין מיט פאַראַבאָלן...

אין ראָג מאַרק און וואַרשעווער־גאַס, האָט ער שטיין אַ בודקע מיט צוויי וויטרינעס, פול מיט זייגערס און קליינע זייגערלעך. יעדן דינסטיק און פרייטיק שטעלט זיך אין שטעטל דער טאָרג, עס קומען גויים פון אַלע אַרומיקע דערפער און יאַקאָש פאַלט שוין אריין עפּעס צו פאַרריכטן, אַ מאָל א גרויסער וואַנטזייגער פון נאַפּעלעאָנס צייטן, צי אַ טאַשן־זייגערל וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין זיין אַרבעט איילט ער זיך נישט, — וואָס לענגער די צייט, געהויבענער דער פּרייז — און די פולע וויטרינעס רעקלאַמירן...

אַ זייגער איז ווירקלעך אַ קאָמפּליצירטער מעכאַניזם מיט רעדלעך, שפּינדלעך, שרייפלעך:

— אייער זייגערל איז פאַרטיק. אויסגערייניקט מיט אפסיס, אַ וואָרט וואָס

קיינער פאַרשטייט נישט, געטוישט אַ נייע פעדער. נון, בלויז צוויי גילדן מיט פיר קאָפּיקעס.

דעם קונהס פּנים ווערט אויפגעבלאָזן: אָ, מאַשקע, צו טייער, פון צייט צו צייט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער פאַרט געגאַנגען!

— געגאַנגען ווי אַ לאָמער. ווי שפּעט ס׳איז האָט איר נישט געוווּסט, פּאַניע.

— אָווע־טאָווע זיך איינגעשפּאַרט. לאָזט אַראָפּ פון געבאָטענעם פּרייז, וועל איך עס אויסלייזן.

מיטן פאַרגרעסער־גלעזל צוגעקוועטשט צום לינקן אויג, נעמט ער אין האַנט אַ געווערקל, קוקט אַריין און באַוועגט זיך נישט. דערווייל פאַרטראַכט ער זיך וועגן גרויסן בער אויפן הימל, דעם וואָגן מיט זיבן שטערן, יופּיטער און ווענוס, דערנאָך גייט דער מילכוועג, דער פייערדיקער דינור־טייך, די צייט שטעלט זיך נישט אָפּ.

חוץ אין אסטראָנאָמיע איז ער אויך אַריינגעדרונגען אין פיזיקע, אין געאָלאָגיע און נאָך אַזעלכע חכמות. אָבער קיינער ווייסט נישט דערפון, ווייל מאַכעלע איז בטבע אַ צוריקגעהאַלטענער, ווי אַלע גרויסע געלערנטע אויף דער וועלט. אין שטאָט ווייסט נישט קיינער וואָס ער איז, רופט מען אים מיט צונעמען: צעדרייטער, פילאָזאָף אָדער פּשוט: מאַכעלע נאַר.

✶

איין מאָל, אין אַ הייסן נאָכמיטאָג, גייט פאַרביי יאָסעלע דעם שוחטס. מאַכעלע פאַרבעט אים צו זיך, ווייזט אים אַנטיקן, קוריאָזן און הייסט אים קומען נאָכן שליסן די בודקע מאַכן אַ שפּאַציר צוזאַמען.

יאָסעלע האָט שוין דערשנאַפּט אַז דער נאַר רעדט גאָר ווי אַ חכם, מע רופט אים נאַר בלשון סגי־נהור — אַ סך ליכט — און איזן איז ער אַ בליב־דער. מיט מאַכעלען איז עס פאַרקערט...

ביים ראָג מאַרק און קלויסטער־גאַס, האָט מאַכעלע אָנגעוויזן אויף יואלקעס תבואה־שפּייכלער — זע — זאָגט ער — דאָס איז דער גרויסער שטערן, דער „בער״, טויזנט מאָל גרעסער ווי די גאַנצע וועלט און זעט אויס ווי אַ פּינטעלע, אַ שטערן... אָט איז אויך דער „וואָגן״, דאָרט ווו ס׳גייט דער

רויך פון קוימען, ווייט פון אונדז מיט טויזנטער יאָרגענג...

ביי די „סטעגענעס” האָבןביידע זיך אַוועקגעזעצט אויפן קילן גראָז ווי צוויי גלייכע אין געלערנטקייט.

— ווייסטו עפּעס פון ניוטאָנס טעאָריע, האָסט נישט געלייענט? דאָס איז אַן עוולה! נו, יאָ, ביסט אַלץ פאַרנומען אין חדר מיט אַלטע מעשיות. אָט דער פיזיקער ניוטאָן, אַן ענגלענדער, האָט אַנטדעקט דאָס געזעץ פון גראַוויטאַציע.

יאָסעלען נעמט עס לאַנגווייליקן:

— כ'ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס.

— כ'ווייס, דו ווייסט נישט. גראַוויטאַציע הייסט צוציונגס־קראַפט און אָפּשטויסונגס־קראַפט. אַן עפּל וואָס פאַלט פון בוים ווערט צוגעצויגן צו דער ערד; דערפאַר קען ער נישט פאַרבלייבן אין דער לופטן; פאַרקערט, אויף אַ געוויסער הויכקייט ווערט ער אַרויפגעצויגן אַרויף, צו די הויכע ווייטן. שוין לאַנג וואָס מיר איז איינגעפאַלן, אַז א מענטש קען זיין ווי אַ פויגל און פליען אייביק.

יאָסעלען איז איינגעפאַלן, אַז די שטאָט איז אפשר גערעכט, וואָס זי רופט אים נאַר. מאָדנע איינפאַלן ביי דעם מאַכעלע.

—הער מיך אויס מיט קאָפּ! — זאָגט מאַכעלע — אַז די ערד איז קיילעכדיק ווייסטו? מיר זענען דאָ אין ווישעגראָד און פונקט פון דער אַנדערער זייט לעבן אויך מענטשן, אין אַמעריקע. מע וואָלט געזאָגט, אַז זיי גייען מיטן קאָפּ אַראָפּ. ווי וואָלט געווען, ווען מע גראָבט אויס די ערד דאָ אין ווישעגראָד, למשל ביי דעם געלן שמעון, און פון דער אַנדערער זייט, אין אַמעריקע, פונקט אַנטקעגן־איבער.

יאָסעלע פאַרלירט דעם פאָדעם:

— נישט מעגלעך, מ'וועט נישט קענען גראָבן ביז אַמעריקע.

— שטעלן מיר זיך פאָר מע וועט יאָ קענען.

— אין דער ערד איז דאָ וואַסער.

— וועט מען אויסשעפּן.

— און שטיינער?

— וועט מען אַרויסנעמען, באַזייטיקן.

— מען זאָגט, אז טיף אין דער ערד איז פאַראַן פייער.

— ווען מען לעשן. דאָס אַלץ וואָס איך זאָג איז נאָר לדוגמא. לאָמיר אָננעמען די ערד איז דורכגעגראָבן דורך און דורך און מען וואַרפט אַריין אַ מענטשן: וואָלט ער געפֿלויגן אייביק צווישן די צוויי גראַוויטאַציעס, אויבן און אונטן. דער מענטש וואָלט געפלויגן אין אייביקן קרייז.

— דאָס איז נישט מעגלעך, ביסט אַ נאַר, מאַכעלע, ביסט אַ חסר־דעה! און יאָסעלע אַנטלויפט.

מאַכעלע בלייבט שטיין אַ צעטומלטער, מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענט ווי פליגל:

— אָ, יינגל, וואָס רעדסטו פון פאַרווירקלעכן, אָבער די אידעע איז דאָך אַ גוטע...

קאַפּיטל אַכצן

חצי שיעור

רב פּיווּיש יאָסקע, וואָס האָט נאָך געהערט תורה אין קאָצק, ציט זיין פּרנסה פונעם קליינעם לעדער־געוועלבל בצמצום; שטענדיק פּעלט אים אויס אַ טאָג צו דער וואָך. און די יאָרן פליען, פאַרפליען.

פונדעסטוועגן ווערט זיין בטחון נישט איינגעבראָכן. די סיבה וואָס זיין הדרת־פּנים איז צעאַקערט מיט טיפע קאַרבן, די אַקסלען אַראָפּגעפאַלן און די אויגן הערן נישט אויף צו ראַפּיען איז זיין איינציקע טאָכטער, שוין ווייט אין די יאָרן, וואָס קוקט אויס אַ ישועה...

אין רגעס פון שטומען צער, נעמט ער אַרום זיין סיווע באָרד מיט ציטערנדיקע הענט, די אויגן צום הימל געווענדט:

— עד מתי, טאַטע, פאָטער? וויפל איז דער שיעור? נאָך אזויפיל אָנשיקענישן און פורעניותן, ווען שוין וועט קומען די הילף? קוק און זע די פּיין פון מיין טאָכטער, וואָס וואָלט שוין באַדאַרפט אירע אייגענע קינדער חתונה מאַכן, ווי זי זיצט נאָך אַלץ ביים פענצטער צום דרויסן און קוקט שוין קיינעם נישט אויס... נישט זי איז שולדיק, נאָר איך בין דערצו נישט זוכה.

אַכט יאָר זענען שוין פאַרביי און נאָך זשומעט אין זיינע אויערן זיין ווייבס כליפּען אויפן טויטנבעט:

— פּיוויש, פאַרלאָז נישט מרימען, כ׳וועל קיין רו נישט האָבן אין קבר.

פון דעמלט אָן פאָרט ער שטעטס אונטערוועגנס און קומט צוריק נאָך לאַנגע וואָכן, פאַרעלטערט פון זאָרג. די טאָכטער, נעבעך, פרעגט שוין נישט ווו ער איז געווען און מיט וואָס ער איז צוריקגעקומען.

אָבער היינט איז ער צוריקגעקומען מיט אַ קנס־מאָל, אונטערגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס: „המחותן ר׳ פּיוויש יאָסקע פון ווישעגראָד מצד הכלה,

מרים תחי׳, און המחותן מצד החתן יוספל יחי׳, פון כענטשין זענען זיך מתחייב און שרייבן אונטער — — — והכל שריר וקיים.״

אוודאי איז געווען אַ שמחה אין גאַנץ ווישעגראַד, נאָר די פרייד האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יוספל, דער נייער ווי־שעגראַדער איידעם איז נישט קיין וויל־לערנער, נישט קיין חכם און דערצו אַ נידעריקער, הויט און ביין. קוים אַ חצי שיעור אין פאַרגלייך מיט דער כלה, וואָס איז טאָפּלט גרעסער און טאָפּלט עלטער.

ס׳איז געוואָרן אַ רעש. ווער ס׳האָט דאָס געזאָגט האָט מען נישט געקאָנט דערגייין, אָבער דער צונאָמען „חצי־שיעור״ איז שוין פאַרבליבן. דריי חדשים נאָך דער חתונה, בעת דער שווער האָט גערעדט צו אים מיט ווייכע רייד וועגן תכלית, אים מסביר געווען, ווי שווער ס׳איז אויסצוהאַלטן אים מיט קעסט, האָט חצי־שיעור נישט געהאַט קיין פּאַראיבל:

— איך וועל אַרבעטן, שווער, ביי וואָס עס זאָל נישט זיין, נישט פאַראַן אַ מלאכה בזויה, שווער. כ׳וועל זיך גוט אונטערגאַרטלען און אויב מען וועט דאַרפן, ווייבאַלד דער גורל וועט זיין קעגן מיר, וועל איך קעמפן קעגן אים.

✶

נאָך נסיונות און בזיונות, פאַרשידענע שטעלעס ווי אַ שכיר־יום, האָט ער ענדלעך זיך אָנגעדונגען ביי דעם קאָמאַשן־שטעפּער עליע לעווין.

עליעס פאָטער, פנחס לעווין, אַ מענטש אין די זעכציקער, איז פון די יונגע יאָרן נאָך אַ פאַרבאַרגענער משכיל. פון זיין צעלניק־געוועלבל ברענגט ער קוים אַרויס פרנסה; דערפאַר אָבער לעבט ער אין זיין שטוב הינטערן געוועל־בל אין גרויס רחבות. אויפן רונדיקן, גרויסן טיש שטייט אונטער גלאָז אַן אַלטע גראַוויור פון דעם ערשטן משכיל און פילאָזאָף משה מענדעלזאָן אין אַ געמיטלעכן שמועס מיט זיין פריינד לעסינג, דער מחבר פון „נאַטאַן דער ווייזע״.

די גראַוויור ווערט אָפּגעהיטן ביי פנחסן ווי אַ רעליקוויע, אין וועלכער ער זעט טאָג און נאַכט דעם רבין פון דער אויפקלערונג. פריי שווימט פנחס אין די טיפענישן פון השכלה. ער קען אויסנווייניק די שיינקייטס־לידער פון נפתלי הערץ וויזל, די וועלט־געאָגראַפיע פון שמשון בלאָך, נישט ווייניקער ווי

די לידער פון הײנריך הײנע. ער קען אַלע חיבורים פון ר׳ נחמן קראָכמאַל, שיר, דוד קויפמאַן, צי יוסף פּערעלס חסידישע פּאַמפּלעטן און אויך פון אַנדערע משכילים.

— פנחסל, טענהט דאָס װײב, פאַרװאָס שלעפּסטו יונגװאַרג אין שטוב אַרײַן, פון דעם װילסטו האָבן פרנסה?

פנחסל רײַבט זיך זײַן ברײטן שטערן און לאָזט אַראָפּ די אויגן. זײַן װײב װײסט קײנמאָל נישט צי גיט ער נאָך, צי נישט.

פנחסל קאָן נישט נאָכגעבן. װי א װאָלף טשאַטעװעט ער אויף יונגע בחורימלעך — אפרוחים — רופט ער זײ — צו עפענען זײ די אויגן. אויב מיר װעלן נישט האָבן קײן ציגן פון װאַנען װעלן מיר האָבן ציגנבעק? תמיד האָבן אונדזערע חכמים געלערנט דער יוגנט תורה און אויך דרך־ארץ. תורה אַלײן איז נישט גענוג. גרויס איז די װעלט מיט פאַרשידענע פעלקער; די געטאָס זענען אומגעװאָרפן און מיר מוזן זיך עמאַנציפּירן.

דער פאַרקערטער שטראָם איז געװען דאָס אויפקומענדיקע חסידות. נישט צו דער װעלט, נאָר טיפער אַרײַן אין זיך. שױן אין זײַן פריערסטער יוגנט האָט פנחסל באַקעמפט די מורדי־אור, די פינצטערע קליפּה װאָס דערלאָזט נישט א ייד זאָל זײַן אויך אַ מענטש...

ער אַלײן, פנחסל, האָט נישט דערגרײכט אַלע זײַנע שטרעבונגען, װײל ער האָט זיך אָפּגעגעבן צופיל מיט נאַרישקײטן...

דאָס איז בײ אים הײנט אַ װידוי און ס׳איז נישט שײך צו שעמען זיך דער־מיט. הײנט אויף דער עלטער זענען נאָך זײַנע באַקײנער גענוג פעסט און שטאַרק אין בײסן. שבת פאַרן לײענען שרײט ער אויף װי אַ לײב:

— אַ קו־האַנדל אין מקום־קדוש! מען פאַרקויפט עליות פאַר אַ זעקסער, פאַר אַ צענער!

נישט זעלטן כאַפּט ער דערמיט אַ קלײן פּישל אויף דער װענדקע. חסי־דים מײדן אויס זײַנע דלת אמות: זײַנע זיס־גיפטיקע רײד ברענען און פאַרלענדן.

★

ווייט פון אים אויף מײלן איז זיין עלטערער זון, יאָסקעלע לעווין, דער געפערלעכער אַפּיקורס. ער זאַמלט ארום זיך יונגען מיט מיידן צו פּראַווען מעשים־תעתועים. די באַנדע רופט זיך מיטן נאָמען „סאָציאַליסטן" ד. ה. זיי ברענגען אויף דער וועלט צדק און יושר פאַר וואָס ישעיה הנביא האָט זיך שוין איינגעשטעלט מיט אַ הונדערט דורות פריער. די ווישעגראַדער אַפּיקורסים פּרעדיקן יושר, מישטיינס געזאָגט: אָפּצונעמען דאָס געלט פון די רייכע און אַוועקצוגעבן די אָרעמע; די אָרעמע זאָלן ווערן רייך און די רייכע — אָרעם. אַ פאַרקערטע וועלט: די פון אויבן — אונטן. די פון אונטן — אויבן.

עס איז באמת נישט צו פאַרשטיין פאַרוואָס די יוגנט איז זיך דערויף מקריב מיט סכנת־נפשות, מערערע משפחות האָבן שוין קינדער „סיבירני־קעס" — פאַרשיקטע צו עק וועלט.

שווער איז אויך צו פאַרשטיין וואָס נאָך אַלעמען קלאַפּט ביי דעם געפערלעכן אַפּיקורס יאָסקעלע לעווין אַ וואַרעם יידיש האַרץ; ער איז תמיד גרייט אַ טובה צו טון אַ ייד, ווער עס זאָל נישט זיין. זייער אָפט העלפט ער מענטשן מיט מתן בסתר.

פנחלס צווייטער זון, עליע דער קאַמאַשנמאַכער, איז שוין פון גאָר אַן אַנדערן שניט. בשום אופן וויל ער נישט מורד במלכות זיין:

— משוגע דאַרף מען זיין, לאַכט ער מיט זיינע ווייסע, בלאַנקענדיקע ציינער, פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט און אַליין מוזן אויסציען די קאַפּיטעס. קעגן פאָניע וועלן מיר קיינמאָל נישט געווינען, זאָל בעסער יעטוועדער איינער זאָרגן פאַר זיך אַליין. פון מיין אַרבעט לעב איך גוט און שפּאָר נאָך אָפּ שיינע רובלס פאַר מיין טעכטערל רייזעלע ביז זי וועט אויסוואַקסן.

נחת שעפּט ער אין זיין אייגענער היים פון ווייב און קינד.

זיין פרוי, די שיינע מרים, איז מיט דריי יאָר צוריק שיער נישט צע־טרעטן געוואָרן. דאָס איז געווען בעת זי האָט געזונגען אין יאָסקעלעס קרייזל דאָס נייע ליד פון איינעם אַ דיכטער ש. אַנסקי. דאָס ליד האָט געהייסן: „סלושאַי". זי האָט געזונגען דאָס ליד אין רוסיש און אין יידיש. איר ווייכע, סענטימענטאַלע שטימע האָט געמאַכט אויפציטערן די צוהערער און איבער־

געלאָזט אַ מעכטיקן ברויז פון צאָרן און האַס צו די אונטערדריקער. זי איז געשטאַנען דעמלט אויפן העכסטן פּיעדעסטאַל אין שטאָט.

דאָס איז געווען אין סוכות. חברים וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַרשע האָבן איר צוגערעדט מיטצופאָרן קיין וואַרשע, כדי צו קענען לעבן פרייער און מיט דער צייט אפשר באַקאַנט ווערן מיט איר טאַלאַנט. דאָס זענען געווען חברים וואָס האָבן איבערגעריסן מיטן יידישן לעבנס־שטייגער און געלעבט הפקרדיק אָן קיין שום עולן. זייער פריי לעבן מיט פאַרגעגגלעכע פאַרגעניגנס איז געווען עגאָאיסטיש, אָן אַ ברעקל עטיק.

פיר זענען זיי אַרויף צו מרימס בוידעם־שטיבל אין וואַרשע. איינס ביינאַכט קלאַפּט עמעץ אין איר טיר:

— ווער איז? — פרעגט דאָס מיידל דערשראָקן.

— מאַך אויף. שרעק זיך נישט. ס׳איז א וויכטיקער ענין.

אין דער געעפנטער טיר האָבן זיך אַריינגעשטופּט נאָך דריי פאַרשוינען. עס איז געווען אַ שוידערלעכע נאַכט. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ קאַמף פון בעסטיאַלישע אינסטינקטן, תהומיקער געפאַלנקייט קעגן א טיף מענטשלעך געוויין. צוויי טעג צייט האָט דאָס מיידל געבעטן אויפן טויט.

ווען עליע לעווין איז צופעליק דערפון געוואויר געוואָרן, האָט דאָס האַרץ ביי אים זיך געוואָרפן פון צער און רחמנות.

די טיר ביי שיינע מרים האָט זיך נישט געעפנט.

— כ׳וועל אויפברעכן! — האָט עליע געבעטן זיך ביי איר מיט געוויין און געשווירן נקמה צו נעמען פן די פיר אויסוואורפן. — שיינע מרים, כ׳וועל דיר העלפן ווי אַ לייבלעכער ברודער! איך וויל מיט דיר הייראַטן אָן שום באַדינגונגען פון מיין זייט, כ׳וועל דיך שעצן און געטריי זיין.

זיין וואָרט האָט עליע געהאַלטן.

אויך דער דאָזיקער זשעסט פון פנחסלס ייִנגערן זון איז נישט געווען צום פאַרשטיין. די נאָבעלע האַנדלונג פון עליען, וואָס האָט מיט זיין ערלעכקייט און דעצידירטקייט געראַטעוועט א נפש מישראל האָט אים פאַרשאַפט די וועלט און יענע וועלט.

★

אויסגעדאַכטע גליקן, זאָגט מען, ווערן שפּעטער דורכפאַלן.

נאָך פאַרשידענע שטעלעס פון טאָג צו טאָג, האָט אונדזער העלד „חצי־שיעור" זיך אָנגעדונגען ביים קאַמאַשן־מאַכער עליע לעווין אויף דער לער. ביי דעם נייעם בעל־הבית האָט ער אַרויסגעוויזן פיל געשיקטקייט און פלייס צו דער אַרבעט. אין זיין קאָפּ זענען אויפגעשוווּמען פּלענער וועגן איינאָרדע־נען זיך, כדי צו קענען ענדלעך שפּייזן זיין פרוי און לעבן במנוחה.

שוין לאַנג ווי ער האָט פאַרגעסן דעם אַרויסרוף פון גורל און דעם קאַמף קעגן אים; אָבער דער גורל האָט נישט פאַרגעסן.

דער טאָג איז געווען אַ העלער. דורכן פענצטער איז אַריין אַ ליכטיקער זונשטראַל, געכישופט מיט הבטחות פון אַ שענערן עתיד. „חצי־שיעור" האָט צוגעריכט כאַלעוווקעס און טילקעס און מיט אַ מאָל זיך פאַרטראַכט איבער זיין גורל: די שטוב אויפן חזיר־מאַרק איז ווילגאַטנע און פינצטער און זיין פרוי שוין נישט קיין יונגע, ביז ווילאַנג וועט איר טראַכט זיין פאַרשלאָסן? באַ־דאַרפט אפשר פאָרן צו אַ גוטן ייד, אפשר עפּעס איינקויפן פאַר איר, זי זאָל פילן, אַז ער האָט זי ליב...

— גלויב מיר, מרים, כ׳האָב דיך שטאַרק ליב! — האָט ער זיך אַרויסגע־כאַפּט אויפן הויכן קול, ווי זיין שטייגער ווען ער טראַכט.

אין שטוב ביי עליען איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, עליע האָט מיט כעס אַוועק־געטראַסקעט זיין העמערל און דעם גלאַטשטיין, אַן אָנגעצונדענער:

— קאַרליק, וואָס האָסטו דאָ גערעדט צו מיין פרוי? ראַד און געבראָכן וועסטו ווערן! אַרויס פון מיין שטוב!

— ניטע, בעל־הבית, — בעט זיך אין פלאַטערניש „חצי־שיעור" — מיין פרוי הייסט אויך מרים, כ׳האָב געטראַכט פון איר און נישט ווילנדיק זיך אַרויסגעכאַפּט — האָבן נישט אויפגעהערט פלייצן זיינע טרערן.

— אַרויסגעכאַפּט? אַז פאַרכאַפּט זאָלסטו ווערן, חסיד־גנב! מער זאָלסטו דעם נאָמען מרים נישט דערמאָנען! צום טייוול, אויך מיר אַ מענטש מיט ליבע...

נישט לאַנג האָט געדויערט, ווען ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזאַ סצענע אויף דאָס ניי און עליע האָט אים אַראָפּגעשמיסן פון אַלע שטיגן. געוויינט האָט

„חצי־שיעור״ ווי אַ קליין קינד:

— מיין פינצטער, ביטער מזל...

„חצי־שיעור״ האָט מער נישט געטראַכט וועגן קינדער, לאָזן אַ קדיש; געבעטן האָט ער נאָר צו אַלע הייליקייטן אַביסל אַרבעט אויף חיי־שעה. אַבי צו קענען איבערלעבן.

איבערלעבן וואָס? איבערלעבן וועמען?ביידע מחותנים, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דאָס קנס־מאָל זענען שוין לאַנג אויפן עולם־אמת, און דער גורל פאַרגרייט שוין אַ נייעם אַקט...

פייגעלע שיעס, די אלמנה אין די פופציקער יאָרן, האַנדלט אויף די ירידים מיט ווייסע וועש: מאָנטיק און דאָנערשטיק אין נאָווידוואָר; זונטיק און מיטוואָך אין זאַקראָטשים; דינסטיק און פרייטיק אין ווישעגראָד. פון דער נאַטור אַ פריילעכע, אירע מאַנדל־אויגן לאַסקעווען, זענען די קונים צו איר צוגעלאָזן און זי לייזט מער ווי אַנדערע. גנבים ווייסן אָבער נישט פון איינזען, פון רחמנות. נאָך יעטווידן מאַרק רייסט זי זיך די האָר פון קאָפּ: מ׳האָט איר באַגנבעט מער ווי זי האָט געלייזט.

אָט ביי איר האָט „חצי־שיעור״ זיך פאַרדונגען צו שלעפּן די פּעק און היטן די קונים פאַר א שיבוש געהאַלט. דערגאַנגען אַזוי ווייט, ביז צו דער מדרגה פון: פשוט נבילתא בשוק ואל תצטרך לבריות...

עס איז אים גוט געווען אין די נעכט, ווען ער פלעגט פאָרן מיט דער יידענע אין די פאַרמאַכטע בוידן, באַדינען איר ווי אַ פּאַזש און היטן די גנבים, ווען נאָר זי אייגלט אים שעלמיש מיט רויטע פלאַמען אויפן פּנים.

אין שטאָט האָט מען גערעדט אָפן:

— זאָל עס נישט צוהאַנען קומען וואָס פון אַ מענטש מיט אַ ביטערן גורל קען ווערן: שלעפּט זיך אַרום טאָג און נאַכט אין שפּענצערהויזן...

אַזוי לאַנג ביז „חצי־שיעור״ האָט זיך פאַרקילט און קראַנק געוואָרן.

דער דאָקטער האָט די קראַנקייט אָוועקגעמאַכט: באַ. הייגטיקע רעצעפּטן טוען אויף וווּנדער.

אָבער צו דער אומגליקלעכער מרים האָט ער אַנדערש גערעדט:

— ער וועט זיך לאַנג נישט מוטשען... וואָס קען דען אַ מענטש אויפטון קעגן גורל?

קאפיטל ניינצן

ר׳ אברהמעלעס שטוב

ביי רב אברהמעלען איז ענג אין שטוב. די שלאָפבאַנק פאַר די צוויי טעכטער האָט מען אַריבערגעטראָגן אין קיך אַריין, גרשונען און דעם קליי־נעם יאָסעלע איינקוואַרטירט זומערצייט אין פאָדערהויז. שווער געווען צו געפינען אַ דירה מיט אַ גערוימען הויף פאַר אַ שעכטקאַמער, אַ קאַמער צו פליקן פעדערן און די הויפטזאַך — אַ מיטל דאָס בלוט זאָל קענען אָפּפליסן דורך אַ רינווע צו די פאַרוועס.

ווינטערצייט איז נאָך צו דערליידן. שנעל ווערט דאָס בלוט געגליווערט, פילט מען ווייניקער. זומער איז נישט אויסצוהאַלטן פון דעם שלעכטן ריח. פליגן, זעקס מאָל גרעסער ווי געוויינטלעך, פאַרביקע, גאָלדענע, זילבערנע, בייכיקע, בייסיקע און זלידנע — נישט צום אָפּיאָגן. זעלטן ווען יאָוועט זיך אַ באַבע מיט אַן ערדן דייזשקעלע צו נעמען פריש בלוט אויף בלוטוורשטן. פאַר די ערלים, מישטיינס געזאָגט, איז עס אַ גוט מאכל...

ביי דעם בעל־הבית פון הויז, יאָסקעלע, אויף דער פלאַצקער גאַס נומער איינס איז דער קאָרידאָר אַ לאַנגער און פינצטערער, שטענדיק באַזעצט מיט ווייבער און עופות. און רב אברהמעלע ווערט כסדר געשטערט אין לערנען. וויפל מאָל שוין האָט רב אברהמעלע מודיע געווען אין שטאָט די באַשטימטע שעהן פון שחיטה, ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן: ווייבער האָבן תמיד אויס־ריידן. פון נאָך מעריב ביז האַלבער נאַכט מוז ער פאַרברענגען אין שעכטהויז. דריי וויאָרסט פון שטאָט. געוואָלט! וואָס האָט דער „שפת־אמת״ ז״ל געוואָלט פון אים האָבן? אים, אברהמעלען, וואָס האָט נישט געוואָלט אָננעמען רבנות, כדי נישט צו מאַכן דערפון אַ קרדום לחפור בו, האָט דער רבי שטרענג באַ־פוילן ער זאָל ווערן שוחט — און דאָס איז דאָך פיל ערגער! ער האָט דאָך ממש קיין צייט נישט צו נעמען אַ וואָרט אין מויל אַריין...

ער איז אַוועק צום נייעם גערער רבין, ר' אברהם מרדכילע, זיין געוועזע־נער ידיד אויף דו, אויסצוגיסן פאַר אים דאָס ביטערע האַרץ:

— קצתי בחיי! וויפל איז דער שיעור אויסצוהאַלטן?

אין דער אותו רגע איז דער רבי בלייך געוואָרן, אויפגעריסן זיינע מילדע אויגן פון שרעק:

— וואָס ווילסטו, אברהמעלע? קעגן וועמען ביסטו זיך מתרעם? מזל קען געענדערט ווערן, אָבער נישט דער גורל פון מענטש. זוך דיר אויס אַ גרע־סערע דירה, וועסטו האָבן מער הרחבת־הדעת. זוך דיר אַ שטעל אויף שחיטה אין אַ גרעסערער שטאָט, אָבער זיי נישט מהרהר, חלילה. לויט מיין הייליקן טאַטן ז"ל מוזסטו מתקן זיין אויף דער וועלט ענינים פון שחיטה. זע, אפשר אין דיין שטאָט —זאָגט ער נאָכדענקנדיק — זאָלן די בעלי־בתים אויפנעמען אַ צווייטן שוחט צו דיר, גרינגער וועט ווערן דיין עול־פרנסה, וועסט האָבן מער צייט צו לערנען.

אברהמעלע האָט געווישט די אויגן, זיך אָנגעכאַפּט אָן רבינס עצה.

✶

אין ווישעגראַד איז געוואָרן וועגן דעם ענין א גרויס צערודערונג:

— דער צווייטער שוחט וועט זיין אַ גערער חסיד! — מיר האָבן שוין גענוג מיטן סאָכאַטשעווערס אייניקל — האָבן די גערער געפּילדערט.

— מירן נישט אויפנעמען קיין חסידים! מיר, פּשוטע יידן, זענען מתנגדים. אונדז געהערט אויך אַ דעה צו זאָגן!

מער רעש איז געוואָרן אין שטאָט, ווען דער רב, ר' דודל, האָט געוואָלט פאַרמיטלען:

— רבותי! עס שטייט אין משלי: טו אָפּ פון זיך דאָס קרומעניש פון מויל און דאָס שלעכטס פון די ליפּן דערווייטער פון דיר...

אונדזער שטאָט איז היינט צעטיילט און צעריסן, זאָל אַ סאָכאַטשעווער חסיד ווערן שוחט!

נאָר אויסגענומען האָבן די פּראָסטע לייט.

✶

מאירל בראַמבערג, דער צווייטער ווישעגראַדער שוחט איז געווען אַ באַ־האַלטענער משכּיל. זיין ווייב מלכּהן האָט מען באַלד געגעבן אַ צונאָמען: „קאָפּ און צונג”, ווייל ס׳האָט זיך באַלד ארויסגעוויזן, אַז די בײדע אברים אירע האָבן שאַרפע אייגנשאַפטן.

אויך דאָס זיבניעריקע מיידעלע, חיה איטע, איז שוין אַ גאַנצע אויפגעקלערטע, שפּיגלט זיך מיט אירע שוואַרצע, שיינע אויגן און צירט זיך אומ־אויפהערלעך אין אירע בונטע, קאָלירטע „בעזרענקאַוויקעס” און קרעלן.

ווען יאָסעלע האָט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען, האָט ער נישט געוווסט צי דאַרף ער צוגיין, צי אַנטלויפן פון איר.

— וואָס שטייסטו ייִנגעלע פון דער ווייטנס? כ׳געפעל דיר נישט? האָסט שיינע פּאהלעך, נאָר זיי זענען צו לאַנג. נו, קום צו נענטער, זעסט דאָס „בעזרנקאַוויקל”, מיין מאַמע האָט עס מיר אויסגעשטריקט. און די קרעלן האָב איך אַליין אויסגעקליבן, זיי געפעלן דיר? דאָס זיבניעריקע קינד האָט זיך געהאַנדלט מיט אַלע חנען, אָבער יאָסעלע איז שוין פון לאַנג פאַרשווונדן...

✶

אברהמעלע האָט פריער אָפּגעטעמט. די נייע דירה ביי משה יעקב וואָלפּס אויף דער וואַרשעווער גאַס איז ליכטיק און געראַם. צום הויף קומט מען אַריין דורכן ברייטן טויער פון גאַס, נישט פון דער דירה. די שעכטקאַמער האָט צוויי פענצטער, אין דער קאַמער פאַר פעדערן שטייט אַ לאַנגע באַנק צו קענען פליקן אָדער שלייסן זיצנדיק. די דירה — שטובן ווי די וועלדער. אין לעצטן חדר שטייען פול געפּאַקטע שענק מיט ספרים, אין די שענק און אויף די שענק. אומעטום ספרים. א טייל זענען פון גער, א ירושה נאָך דער פּטירה פון „שפת־אמת” זצ״ל.

אינדערפרי, נאָכן דאַווענען, ווען דער הויף איז פול מיט ווייבער און עופות, מוז אברהמעלע מפסיק זיין אין לערנען. דאָס איז זיין גורל, אָבער אונטער־געבן זיך וועט ער נישט.

★

יאָסעלען ברויך מען האַקן דאָס צינגל, וואָס איז צוגעוואַקסן צום אָדערל אין גומען מיט צוויי מילימעטער צופיל. דאָס רעדן וועט אַרויסקומען שאַר־פער: נישט סוקער נאָר צוקער, נישט סאַבעס נאָר שבת. דער פעלדשער יאַנקאָווסקי וואָס האָט דריי בלעכלעך איז שוין געקומען דריי מאָל, נאָר יאָסעלע, דאָס קליינע שדל, אַנטרינט ווי פעפער וואַקסט. נאָך לאַנגע שעהן קומט ער צוריק פון באַהעלטעניש.

איז ער אַ טרוס? צי סתם אַ ווילדער?

דער טאַטע איז זיכער, אַז יאָסעלע האָט שוין זיין אייגענעם כאַראַקטער, נישט געקוקט וואָס ער איז נאָך אַזוי יונג.

דאָס לעצטע מאָל איז דער פעלדשער אַריין אין אַמביציע: „כיבאַ וואַרטן ביז מע וועט אים פאַקן".

אָבער דערוואַרט האָט ער זיך קיינמאָל נישט.

מיט פערצן יאָר שפעטער, ווען די מוטער האָט געוויילט עטלעכע טעג אין וואַרשע, האָט זי זיך געבעטן ביי יאָסעלען:

— קום מיט מיר צום דאָקטער האַקן די צונג, דו וועסט ריידן בעסער און שאַרפער.

— מיט מיין צונג, מאַמע, קען איך האַקן אַנדערע. דאָס וואָס איך וועל נישט קענען דעררעדן, וועל איך אויפשרייבן. זיי זיכער!

צו פיר יאָר לערנט שוין יאָסעלע חומש־רש"י ביי דעם רבין ר' בונם. ר' בונם שטאַרקעט נישט אין ריפּ און קנייפּט נישט אין בעקל, אַזש די אויגן זאָלן איבערגיין.

דער רבי ישראל מאיר האָט אָפּגענאַרט: נישטאָ קיין פּימפּערס און דאַנ־דיקס. גוטס אָדער שלעכטס טוען מיר זיך אַליין.

— דער רבי ר' בונם מיט זיין הייזעריקלעכן, געדעמפטן ניגון לערנט מיט די ייִנגלעך געשיכטע פון וועלט־באַשאַף און דאָס טוט אונדז זייער וויל־געפעלן — דערציילט יאָסעלע אין דער היים מיט גרויס צופרידנקייט. איינס נאָר, גיט ער צו, וואָס דער רבי האָט אַ פאַסעק פון אָקסנלעדער, פאַסעוועט ער, אַז אָך און ווי!...

מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ קנאַק איבערן טיש; דער רבי איז אויסער זיך:

— שטילערט פּלוישערס, שטיל זאָל זיין. ויאכלו — מאַכט רש״י: זיי האָבן זיך געמאַכט עסן.

גראָד אין דעם מאָמענט צעוואָרפט דער שוואַרצער יואל זיינע סטרולקעס אונטערן טיש. וויל ער זיי כאַפּן — אַנטלויפן זיי ווייטער, צעקאָלערן זיך און שוין הויבט זיך אויף דער בייזער רימען. שוין פּלאַטערט ער און סיקעט אַזוי ווי אַ שלאַנג.

אין הויף, אין רבינס פאַרוואָרלאָזטן הויף אויף דער שוסטער־גאַס, וואָיע־ווען אַרום די יינגלעך פראַנק און פריי. יעדער ווייזט אַרויס זיין אייגענעם כאַראַקטער און געמיט.

דודל שווירץ צעגראָבט פאַרעקשנט די פאַרדאַרטע זומערערד, רייסט אירע איינגעווייִדן מיט שוויס אויפן פּנים. ער פאַרזייט דאָרט פולע קעשענעס מיט אַרבעס, ווייסע און קאָלירטע. יעדן טאָג קומט ער מיט אַנדערע ארבעס, פּרובירט אויס אַלע ווינקעלעך, אַלע ערדן צו פאַרוואַנדלען די אַרבעס אין צוקערבאָבעס. וווּנדערט זיך די מאַמע: ווהין אַנטקומען אַלע אַרבעס פון שטוב? וווּנדערט זיך דודל: ווו האָט ער זיי אַלע באַגראָבן?

★

דער לאָמער מאַרקוס געמאַך איז אַ וואַזשנער דאָקטער: ביי אים האָבן אַלע קינדער קראַנקע פיס. ער היילט זיי פאַר אַ צוקערל, אַ פעפערנ־יסל — נישט בחינם.

דאָס יינגל, וואָס מע רופט „נאַניע״, היילט דער דאָקטער מאַרקוס מיט טונקעלע שמירעכצער, היילט אַזוי לאַנג ביז מע מוז אים כאַפּן קוים אַ לעבע־דיקן קיין וואַרשע.

דער שוואַרצער יואל פאַרמאָגט אַ כישוף־פושקעלע, זענען אים אלע מקנא. עס איז פון געווייינלעך ניקל, נאָר טאָמער לייגט מען דערין אַריין אַ מטבע, ווערט זי צומאָרגנס פאַרטאָפּלט. קינדער האָבן איינגעשטעלט גראָשנס און צומאָרגנס אַרויסגענומען צווייערס. אויפן דריטן טאָג האָבן אַלע גע־ברענגט זעקסערס, איינער אַפילו אַ זילבערן. צענערל. איז יואל פלוצלינג

קראַנק געוואָרן און דאָס פּושקעלע איז פֿאַרשוווּנדן. מיט יאָרן שפּעטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער זעלבער יואל אָפּגעקויפט קאָמע־ניצעס אין דייטשלאַנד פֿאַר מיליאַנען מאַרקן, מיט וועלכע מ׳האָט אין אַ קורצער צייט שפּעטער געקענט קויפן קוים אַ ברויט...

ווייזט אויס, געווייסע נייגונגען ביי קינדער פֿאַרשווינדן נישט מיט דער צייט.

צווישן די חדר־ייִנגלעך ביים רבין ר׳ בונם איז אויך געווען אַן אײנזשע־ניער מיטן נאָמען לייזער קראַוויעץ, וועלכער האָט באַשאַפֿן אַ באַן אָן רעדער. ער האָט אויסגעגראָבן אין רבינס הויף אַ גרוב פֿון צוויי איילן די לענג, אַ פֿערטל איל די ברייט און פֿיר צאָל טיף. צוויי פּודעלעך פֿון לאַפּשן־זאַפּל־קעס מיט שלעפּפֿעדים באַוועגן זיך אָן רעדער — הין און צוריק — ווי אמתע באַנען.

יאָסעלע, וועמען מ׳האָט גערופֿן אין חדר דאָס שוחטל, שווערט מיט טרערן אין די אויגן, ער האָט דאָס באַנדל נישט אָנגערירט:

— רבי, אפֿשר זענען עס געווען מזיקים? מע זעט נאָך צייכנס פֿון הינע־רישע פֿיסלעך...

— דאָס שוחטל זאָגט ליגנט, שרייט יואל: נאָר ער האָט געקאָנט צעהאַקן דאָס באַנדל; ער שפּילט זיך אין אברהם אבינו, אַלץ צעהאַקט ער, ווייל עס זענען פֿאַלשע געטער.

פֿון דער לופֿטן איז געפֿאַלן אַ קנאַל איבער יואלס רוקן:

— ביסט אַ ליגנער און אַ מסור! דיין שטיקל אַרבעט איז עס געווען, די הויט דאַרף מען דיר אָפּשינדן!

✶

צוליב יואלס אונטערגעשטעלט פֿיסל איז דאָס שוחטל געפֿלויגן איינמאָל ווי אַ פֿויגל.

קיין ווישעגראַד איז דעמלט געקומען צו געסט אַ רייכע משפּחה פֿון קוטנע. די צוויי פֿרעמדע ייִנגלעך האָבן געטראָגן בלויע רעקלעך אויסגע־שטעפּטע מיט ברייטע, ווייסע פּאַסן איבער די אויסגעלייגטע קעלנער. אַזאַ מין הולך האָבן די ווישעגראַדער קינדער קיינמאָל נישט געזען.

— די קליינע געסט זענען אויפן שולבאַרג — האָט ווער געענטפערט און באַלד לאָזן זיך אַהין אַ כאָפּטע קינדער באַוויזן וואָס זיי קענען. אַ טייל לויפט אויף די הענט, אַנדערע שרייען מיט קולות פון עופות, בהמות, הינט און קעץ — זאָלן די געסט נישט מיינען...

אָפּגעזונדערט פון אַלע שטייט יאָסעלע ביים באַרג־אַראָפּהאַנג מיטן פּנים צו דער ווייסל.

— ווייסט, זאָגט ער צום שוואַרצן יואל, אַ מענטש קען פליען ווי אַ פויגל, וויבאַלד ער שפּרייט אויס די הענט ווי אַ ווירע, האַלט צו די פיס און...

פלוצלינג פאַלט יאָסעלע אַראָפּ פון הויכן באַרג מיטן שטערן אויף צעבראָכן גלאָז. צום גליק האָט דער אויסשפּרייט נישט ווייט פון ברוק, אונ־טערגעכאַפּט יאָסעלען ווי אַ גוטער מלאך און אים אראָפּגעלאָזט פּאַמעלעך אויפן ברוק.

אויפגעכאַפּט האָט זיך דאָס קינד ערשט נאָכן צווייטן אָפּאַטרונעק, ווען דער דאָקטער איז שוין געווען זיכער אַז דער מוח איז נישט גערירט.

— פּאַנאָוויע, אַ נס איז געשען, „יאַק באָגאַ קאָכאַם״: אַ נס פון צוויי מילימעטער און דאָס אויך נישט. ער וועט שוין נישט פליען, נאָר ווערן אַ ראַבין מיט זיין אָפּענעם קאָפּ...

✶

יואל איז דער ריכטיקער יצר־הרע, רעדט צו, דערנאָך מסרט ער.

אין יענעם הייסן טאָג האָבן די צוויי יינגלעך, דער שוואַרצער יואל און יאָסעלע, זיך נישט צוריקגעקערט אין חדר. דער באָרטן איז פול מיט לאָדקעס, באַרקעס, קענס. איבער דעם וואַסער־שפּיגל שווימען טראַטוועס גלייכגילטיק. שווימען, ווי לאָז־מיך־געמאַך, אַהין — און אפשר גאָר צוריק... די אָראַלעס האָבן שוין געגוג דאָס שטופּן די קלעצער, דאָס שוויצן און פּרייכן. ווי באַנו־מענע שרייען זיי: העי־הוך! העי־הוך! די כאָראָבע זאָל עס נעמען!

אַ געפּילדער. פערד און וועגענער ווילן זיך אויסקערעווען און דרייען זיך ווי אין אַ קאַשע־מיל אַרום זיך אין קרייז.

שרייען די פורמאַנעס, שילטן, קנאַלן מיט די בייטשן און — רירן זיך נישט פון אָרט.

— היידאַ, נכפּות אַזוינע! רירט זיך, די נאַכט פאַלט צו!

— באַבוק, מיט שרייען וועסטו דעם דעך אויסשפּייען! שלעפּאַק, ווו זעס־טו אַ וועג?

שטיל פליעסקעט די ווייסל. זי האָט שוין מער קיין כוח נישט און — עס לוינט נישט. אויך מיר דאַנציק! — מורמלט זי מיט געלבלעכן שוים...
די זון טוקט זיך אין דעם לעבלעכן וואַסער מיט באַשיימפּערלעכן תענוג.
דער טאָג לאָזט זיך אויס. די צוויי יינגלעך, אָנגעהאָנגען הינטער אַ דראַנ־געווען שלעפּוואָגן, זינגען אין די שפּעטע שעה מיט הייזעריקע, מידע קלאַנ־גען. דרייט זיך אויס דער פורמאַן מיט דערשראָקענע אויגאַנעס, — זעט ער שעפּסענע קעפּ מיט קודלעס, און זיי בלעקעצן.

— שדים! — קנאַלט ער מיט דער בייטש צום „טיל" פון וואָגן אין דער טונקלקייט אַריין — פאַרגייט אומריינע, ווי יעזוס לעבט!

צומאָרגנס איז יואל געקומען אין חדר אַריין — נעכטן האָט די מאַמע מיך געדאַרפט האָבן.

— הלוואי וואָלט זי דיך נישט געהאַט! נו, דעריבער ביסטו נישט גע־קומען?

כדי זיך צו ראַטעווען מסרט ער: דאָס שוחטל איז נעכטן געווען ביי דער ווייסל.

— קראַנק געווען, רבי — זאָגט יאָסעלע, — געפאַלן אויף דער פלאָצקער גאַס, געהאַט דעם פעלדשער יאַנקאָווסקי.

—נישט געווען ביי דער ווייסל? יואל זאָגט דאָך ביסט געווען?

— רבי, זאָגט יאָסעלע, אַז יואל איז געווען ביי דער ווייסל איז דאָך אַ זיכערע זאַך, א נישט ווי האָט ער געקענט זען אַז אן אנדערער איז געווען?
ר' בונם מלמד איז געוואָרן געפּלעפט:

— האָסט אַ שאַרף צינגל. ביסט דער יינגסטער אין חדר און שוין אַזאַ אַלטן קאָפּ. גיי צוריק אויף דיין אָרט און דו, יואל, אַהער זאָלסטו קומען! קינדער, דערלאַנגט דעם רימען!...

✶

אברהמעלעס עלטסטער זון, גרשון, איז געוואָרן אַ תלמיד פון דער גער׳ער ישיבה. דער מנהל, ר׳ מענדעלע, האָט געשריבן אין בריוו צום פאָטער: „כפי די ווישעגראָדער טוען איבערגעבן זאָל דיין זון גרשון זיין אַן עילוי. ר׳ אשר פעסעלעס, וואָס לערנט מיט דערוואַקסענע בחורים און יונגעלייט שאלות און פוסקים, האַלט פון דיין זון עולם ומלואו. היות ווי מיר האַלטן שוין נישט ווייט פון די ימים־נוראים, האָב איך געשריבן צו דיר וואָס כ׳האָב געשריבן, כדי זאָלסט אים צוגרייטן צום קומענדיקן זמן מיט אַלע נויטיקע הצטרכותן, הן אין קליידונג, הן פאַרן אויסהאַלט״.

דעם פאָטערס פרייד איז געווען נישט אָפּצושאַצן. אָבער נישט שטענדיק ווערט אויסגעפירט, וואָס דער מענטש פאַרטראַכט.

אַכט טעג נאָך סוכות, ווען גרשון האָט שוין באַדאַרפט פאָרן, איז ער פּלוצ־לינג קראַנק געוואָרן.

זאַוואַדסקי, דער איינציקער דאָקטער אין שטאָט, איז געווען פאַררייזט, האָט מען גערופן דעם פעלדשער יאַנקאָווסקי. ער האָט די קרענק אָוועקגע־מאַכט מיט דער האַנט:

— וואָס זענט איר אַזוי דערשראָקן? אין אַכט טעג אַרום וועט ער שוין פעליק געזונט זיין. אַ פאַרקילונג, נישט מער.

עס איז אַדורך די נאַכט און געקומען איז נאָך נישט דער טאָג. ליכט און פינצטערניש אין אייביקן געפעכט. נאָך רייסן זיך די נאַכטישע שוואַרצקייטן און עס שטרעקן זיך כמורע־וואָלקנס צום פענצטער פון קראַנקן יינגל, אַ שמאָרע טון מיט שרעק און טרויער. אויפן טיש פול מיט פּודעלעך און פלעש־לעך קאָפּשעט דאָס קליינע נאַכטלעמפּל, צאַנקט און האָט שוין באַלד קיין אָטעם נישט. פון אונטערן אַבאַזשור, וואָס האַלט אין איין ציטערן, קריכן אַפּער שאָטנס אין גאַנצע מענגעס, שלענגלען זיך ווי לעבעדיקע צום בעטל צו.

די מאַמע דרימלט. אויף איר פּנים אַנגעשפּאַרט אין טישקאַנט שלאָגט זיך אָפּ מידע בלייכקייט. דאָס קראַנקע יינגל איז איבערגעשראָקן, כאָרכלט מיט אַ טאָפּלטן ריטעם: שטיל און העכער, שטיל און העכער, ביז ער שרייט אַרויס

— מאַמע!

די מאַמע אַרויסגעריסן פון תהומיקן שלאָף נעמט אים אַרום מיט ציטער:
וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר וויי?
—דער קושיזש, מאַמע! דער קושיזש!

✶

קאַלט איז דער פרי־האַרבסט. נישט אַלע בלעטער זענען געל, אָבער שוין אַראָפּ פון דיביימער. זיי שפּילן זיך אין „ווירבל" מיטן ווינט. פּאַרטאָגס פליען זיי אונטערן פענצטער און פאַלן צו דער ערד איינס ביי איינס ווי די פייגל אין געצאַפּל, אַ טרויעריקער ווינט שאַרט די טויטע בלעטער צו ווינקעלעך צו, צו לעצטער רו...

די מאַמע איז אומרויִק, האָרכט זיך איין אין יעדן שאָרך. זי טראַכט פון איר קראַנקן זון, דעם קומענדיקן תלמיד פון דער גערער ישיבה. — די גאַנצע שטאָט איז איר מקנא, אַ בייז אויג אים געגעבן. שוין דריי וואָכן ליגט ער אַ פּאַרקילטער און קען זיך נישט רירן. ערשט נעכטן האָט יאַנקאָווסקי גאָר אויסגעפונען אַ נירן־קראַנקייט. מען טאָר אים נישט רירן. וואָס טוט מען? צו וועמען זיך ווענדן?

פלוצלינג דערמאָנט זי זיך צו וועמען מע דאַרף זיך ווענדן... אירע קלאָרע טרערן פאַלן אויפן קינדס פּנים צוזאַמען מיט אַ זילבערנעם שמייכל פון אויפ־גייענדיקער האָפענונג. — דער טאָג האָט אויפגעבראָכן.

— מאַמע, ביסט דאָ?

— יאָ, מיין זון. שטענדיק וועל איך זיין מיט דיר. דיר ווערט שוין בעסער, געלויבט דעם אויבערשטן.

✶

ס'איז מער קיין רייד נישט געווען פון פאָרן אויף דעם זמן קיין גער. דער טאַטע אין הרחבת־הדעת האָט אַנומלט דערציילט אַז גרשון איז דער צענטער דור פון ר' גרשון, דעם בראָדער חזן בימי בעש"ט זצוק"ל.

דער לעצטער מתנגד פון אונדזער משפּחה איז ער געווען. נאָכן זון וואָס איז אַוועק מיטן ברייעם וועג פון חסידות, האָט ער זיך געריסן קריעה און גע־זעסן שבעה. פאַר אים, דעם פאָטער, איז דער זון געווען אַ פאַרלוירענער.

— יידן, פלעגט ער זאָגן, לאָזט איך נישט פירן אויף נייע וועגן, אַלע זענען זיי געפערלעך און קערן אָפּ פון יידישקייט.

ער פלעגט דערציילן וואָס ס׳איז זיך פּאַרלאָפן מיט זיין אייגענעם זיידן, ר׳ יאָסעלע, צוליב דעם נייעם גאַנג צו דער גאולה פון שבתי צבי ימ״ש.

— נאָך גאָר אַ יונגער, הייבט ר׳ גרשון אָן די מעשה־פּלא, האָט ער זיך באַ־האַפטן מיט דער „כת״ און זיך אַוועקגעלאָזט מיט די דאָזיקע נאָך טערקיי. דאָס ווייב און קינדער געלאָזט אויף הפקר. קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו יוספס געביין איז אַהינגעקומען.

ביז איינמאָל ערגעץ אין פּאַרוואָרפענעם האַרבעריק איז זיין באָבע אים געקומען צו חלום:

— למען השם, טו תשובה און קער זיך אום צו דיין שטאָט און הויזגעזינד. דיין וועג איז א גליטשיקער, וועסט פאַלן אין טיפסטן תהום אַריין, יאָסל! כ׳האָב קיין רו נישט אין קבר... — האָט זי געכליפּעט.

דאָס צווייטע מאָל איז זי געקומען מיט האַרבע צאָרנדיקע שטראָפּרייד. איר פּנים איז געווען ווי אַש. נאָר זיבן טעג האָט זי אים געגעבן אויף תשובה טון.ביים דריטן מאָל האָט זי געהאַלטן א פייערדיקע רוט אין האַנט, מיט־געבראַכט פון גיהנום:

— וועסטו תשובה טון איז גוט; אַ נישט וועל איך דיך פּאַרברענען לע־בעדיקערהייט. זי האָט אים געגעבן אַ לייכטן שמיץ איבערן לייב און דער בראַנדצייכן איז שוין פּאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן. דערפאַר טאַקע האָט מען אים גערופן יאָסעלע פייערבראַנד.

נישט לאַנג נאָך זיין תשובה טון איז געקומען אַ פרעמדער פויער און פאַר־קויפט אים אַן ערדענעם טאָפּ מיט אַרבעס פאַר דריי גראָשן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונטער דער שיכט אַרבעס איז דער טאָפּ אָנגעפילט מיט גילדענע רענדלעך. דעם פויער האָט מען לאַנג אַרומגעזוכט און קיינמאָל נישט געפונען...

— היינט — האָט דער בראָדער חזן פּאַרענדיקט זיין געשיכטע — האָב איך מיין אייגענעם זון פון מיין האַרץ ארויסגעריסן. איך האָב מורא און ציטער פאַר יעדן נייעם דרך, וואָס פירט און פאַרפירט. פינצטערע זענען די היינ־טיקע צייטן, יידן קומען אום אויך בטומאה, רחמנא ליצלן!

— איין מאָל — דערציילט דער טאַטע ווייטער — קומט דער בעש״ט קיין בראָד און די גאַנצע שטאָט ווערט צעוויכערט. ווער נאָר עס קען, טוט אַוועק צום בית־המדרש אויף חידושים, זען און הערן. יידן בינדן זיך צו מיט גאַרטלען צו די בעלקעס, הענגען אַרום די פענצטער און ויילן, אבי צו זען. די היץ איז אין לשער: אַ פויגל קען פאַרשרפט ווערן.

שטיל איז אין גרויסן בית־המדרש, מען הערט דאָס קלאַפּן פון די הער־צער. הויבט אויף דער בעל־שם־טוב זיינע ליכטיקע אויגן און קוקט זיך אַרום מיט זיין דורכדרינגלעכן בליק:

— איך זע נישט דעם היגן חזן, דעם שטרענגן מתנגד, ר׳ גרשון.

ווערט אַ רעש און ס׳נעמט נישט לאַנג ווי די חסידים ברענגען אים אויף זייערע אַקסל מיט געוואַלט.

ביים שלום געבן ווערט אַ קאַך: דער חזן שטעלט זיך אַקעגן און וויל זיך נישט זעצן צום טיש:

—אַ חסיד ווערט מען נישט בעל כרחו — זאָגט ער דרייסט.

— רב גרשון, בראָדער חזן — ענטפערט דער בעש״ט מיט אויפגעפלאַמטע אויגן — פאַרוואָר דו ביסט אַ מתנגד, איבערדאַנק. גראָד דיר קומט אויס צו גיין קעגן אייגן האַרץ. דיין זון חיים יהודה איז אַ ירא־שמים און שטענדיק טראכסטו וועגן אים.

— ס׳איז געוועגדט, רב ישראלטשע. מיין האַרץ איז טאַקע פול, נאָר עס קלאַפּט לפני ולפנים. צו וואָס פּויקן איבער שטעט און דערפער זאַכן, וואָס געהערן צו יודעי־חן? איז טרינקען און טאַנצן קיין ביטול־תורה נישט?

— פאַרוואָס ווייסט נישט דער בראָדער חזן, אַז יידישע הערצער נויטיקן זיך אין חיזוק? אונטערשפּאַרן מוז מען יידן, ווו נאָר דער הימל גרייכט! דעם הימל מוז מען צו די הערצער ברענגען! מיט אהבה אנטקעגנקומען יעדן איינעם ייד, דו הערסט? יעדן בעל־חי און דומם אפילו, ביז דאָס האַרץ זאָל איבערגיין. יידן דערשלאָגענע פון פּיין און יאוש דאַרפן פרייד, ר׳ גרשון. פאַר־וואָס איז דיין האַרץ פאַרשלאָסן?

די חסידים אַרום, צונויפגעשטופּט אין ענגשאַפט, ציטערן און שטוינען בלבֿ אחד:

— ווי דערוועגט ער זיך, דער חזן?

— ר׳ ישראלטשע, רבי פון חסידים, מדריך פון נייעם דרך — ענטפערט דער חזן שוין נישט אין גאַנצן זיכער מיט זיך — מיט מיין נגינה פאַרבייט איך עצבות אויף שמחה ביי יידן. כ׳בין אָבער נאָר א פירזאָגער פון תפילות מקדמונים, נייע תפילות קען איך נישט...

ר׳ גרשון רוקט אַרויף דערביי זיין טוכענעם קאַשקעט און דעקט אויף זיין הויכן שטערן:

— זאָגזשע רבי, וואָס דו זעסט אין מיר?

— דיין שטערן איז ליכטיק, רבי גרשון. ער וועט לייכטן אויך אין דיינע קינדער, וואָס וועלן זיין חסידים עד סוף כל הדורות.

— דו, גרשון, ביסט דער צענטער דור פון אים, — פאַרענדיקט ר׳ אברה־מעלע די מעשה־פלא מיטן בראָדער חזן — היט־זשע אָפּ דעם גוטן נאָמען און טראָג אים ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ.

*

צו דער ערשטער יאָרצייט פון פולטוסקער רב, רבי שמחהלע, האָבן די זין זיך געגרייט מיט פרקי־משניות, יחודים און תיקונים על פי קבלת האר״י ז״ל. געוווינט האָבן זיי אין באַזונדערע שטעט, ווייט איינער פון אַנדערן. דער עלטסטער זון ר׳ גרשון — אין ווישקאָוו, ר׳ אברהמעלע — אין ווישעגראָד, ר׳ טוביהלע — אין זדונסקע וואָליע. בלויז ר׳ משה יוסף און ר׳ חיים לייב האָבן געוווינט אין פולטוסק, נאָר ווייט געווען איינער פון אַנדערן, ווי די שטערן, און ווי די שטערן געלויכטן מיטן גרויסן ליכט פון קבלה.

גאָר פּייערלעך איז געפּראַוועט געוואָרן די יאָרצייט ביים זון רב אברה־מעלע אין ווישעגראָד. אין דעם טאָג האָבן אַלע חסידים געדאַוונט אין גרויסן בית־מדרש, וואָס האָט אויסגעזען מיט זיין סימעטרישן פירקאַנט, ווי אַ לאַמטערן מיט דריי פענצטער צו יעדער זייט וועלט.

נאָכן סיום פון מסכת ברכות האָט אברהמעלעס פּנים געלויכטן ווי פייער. זיין בליק איז געווען דערהויבן און קלאָר, ווי אין דער סדר־נאַכט, געהילט אין קיטל, כדי צו דערמאָנען אינעם טויט.

— טאַטע, פאַרוואָס ביסטו פריילעך אַז דער זיידע איז נפטר?

— דאָס נעמט זיך דערפון, יאָסעלע, וואָס איך זאָג קדיש און איך גיי אויף

מיין טאַטנס וועגן. דו, זונעלע מיינס, ווייס איך נישט צי דו וועסט אויך אַזוי טון לאחר מאה ועשרים — האָט דער פּאָטער געענטפערט מיט גרויסהאַלט.

— ווייסט נישט, טאַטע, און פונדעסטוועגן גרייסטו זיך — איז דאָס ייגגל זיך פאַרגאַנגען אין געוויין. ער האָט נישט פאַרשטאַנען די שטעכיקייט פון די רייד און נישט געוווסט דעם טעם, פאַרוואָס...

✶

עס איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. צוגעדעקט מיט אַ ווייסן, שטילן פראָסט חלומט זיך דער נאַכט אַ חלום: אַ ווינט יאָגט נאָך אַ שאָטן מיט אויסגעצוי־גענע שפרייז און קען אים נישט דעריאָגן. שטעלט ער זיך אָפּ, דער ווינט, און פרייכט און וויינט ווי אַ קינד אין אָנמאַכט — ווּהין לויפט ער, דער פאַרשפּעטיקטער גייער אויף דעם פלאָצקער טראַקט אין דער נאַכט?

אַ, האַ! — ענטפערט דער שאָטן און אויסמיידנדיק די דערפער דערנענ־טערט ער זיך צום גרויסן לאַמטערן אין שטעטל.

— יידן, עס ברענט! — שניידט זיין געשריי אין דער נאַכט — אוי, יידע־לעך, עס ברענט!

לויפן שוין מענטשן פון די הייזקעס אַרויס, מיט שטיקער שלאָף איבער די אויגן, לויפן, נישט צו וויסן ווּהין, לויפן באָרוועסע מיט ליידיקע וויאַדרעס אין ציטערנדיקע הענט:

— יידן, ווּ ברענט?

ווייס איז די נאַכט און שטיל איז זי. קיין איינציק רויכל צום הימל אַרויף, די שטערן בלינצלען מיט שטילינקן ווונק. נאָר קיין פייער־פונקען זעט מען נישט.

— ווּ ברענט?

אין בית־מדרש צאַנקען די יאָרצייטליכט מיט איינגעהאַלטענעם ציטער, טוקן זיך אין זייער אייגענעם שמעלץ, לאָזן זיך אַראָפּ און צוקן אויף מיט דערכאַפּטן פלאַם.

— ווּ ברענט?

אין בית־מדרש שטייט אַ פרעמדער אורח ארומגערינגלט מיט נייגיר און שרעק. איינער מיט אַ שפּיציקער גאָמבע אין האַנט לאָזט אים נישט אָפּ:

— ווער ביסטו, פּרעמדער, אויפצורייסן אַ וועלט ? וואָס האָסטו געמיינט מיט דיין געוואַלד ?

— ביסט אַ נאַר, שרייט אַ צווייטער ייד, ס'איז דאָך קראַנטער שרעק איידער געפאַר !

דער עולם אַרום שטייט אין חידוש. געפּלעפּטע שטרעקן זיך הענט, שרויפן זיך אין דער לופטן :

— ווער זענט איר אַזוינער ?

— פונוואַנעט געקומען ?

— איי, יידן, רייסט זיך אויף אַ דריטער, ס'איז גאַרנישט פשוט ! אַ מענטש טומלט, מיינט אַ שריפה און איזן איז עס גאָר דער פּלאַקער פון יאָרצייטליכט פאַרן נפטר, דעם זון פון דעם הייליקן „פּרי חיים״, זכותו יגן עלינו.

✯

צומאָרגנס, נאָך שחרית לויפט אָן פּנחס הדסעס, וואָס איז ווויל באַקאַנט מיט זיין חסידישן בליק אויף מענטשן :

— וואָס מיינסטו, אברהמעלע ? דער אורח קלויבט נדבות און דינגט זיך באשר ער איז דעם „פּרי חיימס״ אייניקל. אויב אַזוי, איז ער דאָך דיין נאָענטסטער קרוב ?

— וואָס רעדסטו, פּנחס ? — אַ רמאי ! ווו איז ער ? אדרבה !

— קאָך זיך נישט ! — כאַפּט ער אברהמעלעןביים אַרבל — ווילסט אים מבייש זיין ? אַ גייער, אַ נצרך ? ווער ווייסט דען ווער ער איז ? ניטע, אברה־מעלע !

ביי די רייד דערפילט אברהמעלע ווי עס עפנט זיך פאַר אים אַ גרויסער נסיון. אויפּווייזן דעם פרעמדנס שקר און אים מבזה זיין, אָדער ער אַליין, אברהמעלע, זאָל פאַרשעמט ווערן און אַלע וועלן זיך וווּנדערן — מבשרך אל תתעלם שטייט אונדזער שו״ב גאַרנישט אָן ?

— דער „פּרי חיים״, ווי האָט ער געהייסן מיטן נאָמען ? — פרעגט ר׳ אברהמעלע דעם אורח. זיין האַרץ שפּרינגט ווי אַ באַלעם אין די אינגעװײדן.

דעם אורחס אויגן גליווערן, גלאָצן שטאַר אויף זיינע שפּיץ פינגער ווי א סגולה איינצוהאלטן כעס און ער שטאַמלט:

— דער נאָמען פון אַ צדיק איז נאָך זיין ספר נאָך. פאַרוואָס פרעגט איר?

כעס צוזאַמען מיט רחמנות ברויזן אין אברהמעלעס געמיט. טרערן שטעלן זיך אין זיינע אויגן, זעענדיק ווי יידן שטעלן זיך אַרום אין אַ ראָד וואָס ווערט אַלץ גרעסער.

— זאָגט מיר, אורח, אין וועלכער שטאָט האָט געוווינט אייער זיידע און ווי האָט געהייסן זיין זון, דער נפטר טאַקע? דאָס קענט איר דאָך זאָגן?

— כ'זע איר ווייסט דאָס אַלץ, טאָ פאַרוואָס פרעגט איר? ווער זענט איר דען מיך צו פרווון? ביי אייך אַ נדבה וועל איך נישט בעטן, ווייל אין אייערע רייד פילט זיך גאווה. איר ווייסט דאָך אַליין נישט ווער איר זענט.

מיט טרייסלענדיקע הענט כאַפּט זיך אברהמעלע פאַר דער קליינער באָרד, אַזוי ווי אויף נישט אומצופאַלן און ער טראַכט ווער דער פרעמדער קאָן זיין. פון וואַנען ווייסט ער וואָס איך האָב נעכטן נאָכן סיום גערעדט צו מיין קינד מיט גרויסהאַלטעריי?

✶

פון דעם חדר ביי ר' אברהמעלען, ווו עס ברענט דאָס יאָרצייטליכט הערט זיך דעם פרעמדנס שלוכצן און גאָרנישט זאָגנדיקע רייד:

— יידן האָבן מיר געזאָגט אַז די יאָרצייט איז פון דעם „פרי חיים'ס" זון. מער ווייס איך גאָרנישט, גאָרנישט. איי, ווער זאָל זיך ריכטן צו טרעפן אין דעם העק אַן אמת אייניקל פון דעם „פרי חיים"? זייט מיך מבייש ברבים, ווישעגראָדער שוחט! אין די זאָקן איבער דער שטאָט וועל איך בעטן תשובה!

ביי די ווערטער ווערט דעם אורחס בליק שטאַר און עזותדיק, אַ דינער בליאַסק פון חוזק בליצט דורך, שיינט אויף און פאַרגייט.

טאַטע זיסער, ווער איז דער דאָזיקער?

— חס ושלום, אייך מבייש צו זיין! מעגלעך בין איך דער שולדיקער און איר זענט נאָר אַ שליח. נעכטן ביים פלאַם פון די יאָרצייט־ליכטער האָב איך זיך גרויס געהאַלטן קעגן מיין אייגן קינד, גערעדט צו אים מיט גאווה וועגן מיינע עלטערן.

עס איז שטיל געוואָרן.

ביידע האָבן זיך פאַרטראַכט אין זיך.

— ווי איז צו מיר! ווי מעג אַ ייד אַרויסברענגען שקר פון זיין מויל?

— ווי מעג אַ ייד זיך גרויס האַלטן?

ווען די טיר האָט זיך געעפנט האָבן אין ביידנס אויגן געפערלט טרערן. דער אורח האָט נישט געוואָלט גאָרנישט טועם זיין און נישט אָננעמען קיין צדקה.

— גאווה און שקר, האָט ער געזאָגט, קומען פון דעם זעלבן מקור, נאָר גאווה איז ערגער פון שקר, ווייל עס פירט צו עצבות. דורך עצבות פאַלט מען אַריין אין „טוען" און „נטען" מיטן יצר־הרע און פון דעם ווערט מען נאָך טרויעריקער.

— פאַרוואָס פרעגסטו ווער איך בין? דו, ווישעגראַדער שוחט, דיין נשמה מתקן צו זיין ווייסטו יאָ? ווייסטו ווער דו אַליין ביסט?

ווען אברהמעלע איז אַרויס פון באַרוישונג איז דער פרעמדער שוין לאַנג געווען פאַרשוווּנדן.

✶

רב אברהמעלעס פינפטער זון, שמחהלע, האָט אָנגעהויבן גיין און רעדן מיטאַמאָל, א סך פריער ווי מ'האָט זיך גערעכט.

דער פאָטער האָט געלייגט אויף דעם קינד די גרעסטע האָפענונגען; געזען אין אים פאַקטיש דעם דיוקן, דאָס אָפּבילד פון זיין גרויסן פאָטער, רבי שמחהלע פולטוסקער. צו זיין פרייד איז נישט געווען קיין גרענעץ.

גאָר אַ דערהויבענע שטימונג האָט ער געהאַט אין דעם פאַרגאַנגענעם שמחת־תורה, ווען חסידים האָבן געטאַנצט ביי אים אין שטוב און געזונגען לכבוד דעם זון שמחה און לכבוד זיין גרויסן זיידן — שמחה.

ביים טרינקען לחיים האָבן אַלע געווונטשן: דער קליינער שמחה זאָל ווערן גרויס אין תורה און אין מעשים טובים ווי זיין זיידע. געזונגען האָבן זיי דעמאָלט דעם איינטאָניקן ניגון, דעם ניגון פון ייד הקדוש זי"ע: „ס'איז דאָך נאָר גוט אַ ייד צו זיין! ס'איז דאָך נאָר גוט אַ ייד צו זיין!"

דער ניגון איז געוואָרן געזונגען מיט גרויס התלהבות צענדליקער מאָל און געלאָזט מן הסתם אַ גרויסן רושם אויף דעם קליינעם קינד.

נישט לאַנג דערנאָך האָט דער קליינער אַרומגעטאַנצט אַרום אַ פוס פון טיש און געזונגען אומדערמידלעך: „שידעך נא גוט שו זייך, שו זייך. שידעך נא גוט שו זייך, שו זייך!‟

אַ דערשראָקענער האָט דער פאָטער געכאַפּט דאָס קינד אויף זיינע הענט און שטיל אין זיך אריינגעוויינט: וואָס וויל ער אבי זיין? הפקר אַ וועלט?

—ביילע, האָט ער געזאָגט שטיל, דאָס האַרץ טוט מיר ווי, מער לייג איך נישט קיין האָפענונג אויף דעם קינד...

אַ טבע האָט אברהמעלע — און דאָס איז דער כח פון זיין בטחון פון שטענדיק — ווען דאָס האַרץ טוט אים ווי און בלוטיקט, נישטערט ער דעמלט אין מוח אַזוי לאַנג ביז ער געפינט די היילונג.

— איך פאַרזיכער דיר, ביילע, נישט גרשון, וואָס איז צו פיל בעל־שכל און נישט חיים, וואָס איז אַ צו גרויסער מתמיד, נאָר יאָסעלע דער ווילדער יונג, וואָס קען מיט איין אײנציקן פאָדעם אַרומוויקלען די גאַנצע וועלט, וואָס האָט אַ ווייך האַרץ און אַ טובה טון אַ מענטשן איז ביי אים דאָס וויכטיקסטע, אויף אים, דעם ווילדן, וואָס רעדט צו אלע אָן אויסנאַם, ווי צו דער מאַמען און מיטן אויבערשטן איז ער אויף דו — אויף אים, ביילע, לייג איך אַלע האָפענונגען פאַר אונדזער שלשלת היוחסין.

גענומען האָט עס זיך צוליב אַ מעשה שהיה.

ביים ראַנד פון פענצטער, ביי די ספרים־שענק, זאַמלט אברהמעלע קופּער־ און זילבער־מטבעות פון שחיטה־געלט. היות ער האָט היינט אַ שותף, ציילט ער די מטבעות און ראָלט זיי אין פּאַפּיר.

איין מאָל פעלט אים אַ גילדן. ווער האָט גענומען? ס׳איז דאָך נישט שייך אַ טעות, איין ראָלקע איז צעוואָרפן, דאָס האָט נאָר געקענט טון אַ קינד אין שטוב...

קומט יאָסעלע פון חדר: — איך האָב גענומען. שלאָג מיך, אויב דו ווילסט, טאַטע.

— וואָס דיר פאַלט איין, צו וואָס ברויכסטו געלט? רעד.

— נישט פאַר מיר, טאַטע, פאַר אַן אָרימאַן. כ׳האָב געמוזט רחמנות האָבן, בין איך דערמיט אַ גנב?

— ווער איז דער אָרימאַן? שטייט צו דער פאָטער.

— צו וואָס דאַרף מען וויסן ווער? אַן אָרימאַן מוז דאָך אויך לעבן! און יאָסעלע צעוויינט זיך. ער דערציילט, אַז דער נייער רבי זיינער ר׳ יוסף האָט מיט אים געלערנט וועגן אַ הונגעריאָר אין ארץ־ישראל. רבי האָט אויפגעמאַכט זיינע שפּיכלערס תבואה און געהייסן געבן יעדן איינציקן אַ מעסטל. האָבן די חכמים אים געפרעגט: אַ מאַן וואָס איז רייך איז געקומען יעדן טאָג נעמען אַ מעסטל, איז ער דאָך אַ רמאי, אַן אָפּנאַרער?

האָט רבי געענטפערט: אדרבה, לאָמיר אים דאַנקען! טאָמער קומט אַ מאַן און מ׳האָט אים נישט געשפּייזט, קען מען זיך באַרעכטיקן טאָמער איז ער אויך אַ רמאי...

טאַטע, אויב מיך הונגערט — וויין איך; צו וועמען זאָל דער פרעמדער וויינען?

★

אין איינעם אַ טאָג גיט דער פאָטער אַ זאָג:

— יאָסל איז אַ חוזה חזיונות.

גרשון שפּרינגט אונטער אַן אָפּגעבריטער:

— אַ טרוימער איז ער און נישט מער!

— איינער וואָס זעט זעונגען — האָב איך געמיינט צו זאָגן — און נישט קיין חולם חלומות. ס׳איז נישט דאָס זעלבע. אָט איז ער געלעגן היינט פרי אויפן בעט און געוויינט. פאַרוואָס גייסטו נישט אין חדר? וואָס איז מיט דיר? ענטפערט ער: דאָס איז עס טאַקע, וואָס מיט מיר איז גאָרנישט... כ׳האָב נאָך גאָרנישט אויפגעטון אויף דער וועלט! נו, גרשון, קענסטו דאָס פאַרשטיין?

— איך פאַרשטיי, ענטפערט גרשון מיט היץ, ער איז אונטער דער השפּעה פון בצלאל מורה הוראהס, וואָס דערציילט אים מעשהלעך פון תנ״ך, די געשיכטעס פון נבוכדנאצרס לעבן, ווי אַ חיה אין וואַלד, צי פון דער פייער־שריפט ביי בלשאַצרן „מנא, מנא, תקל ופרסין״ ווירקן אויף אונדזער קליינעם בעל חלומות און לאָזן אַ טיפן רושם. נאָך גאָרנישט אויפגעטון? זאָל ער אויפטון אין לערנען און נישט זיין אַ חולם חלומות.

נישט לאַנג דערנאָך קומט אַ ייִנגל. דער רבי לאָזט פרעגן, פאַרוואָס יאָסעלע איז נישט געקומען אין חדר.

— ער איז היינט געגאַנגען זייער פרי. וואָס איז געשען? — פרעגט די מאַמע דערשראָקן און לויפט גלייך צום בית־מדרש נישט ווייט פון יאָסעלעס חדר.

אָפטמאָל כאַפּט ער זיך אַריין אין בית־מדרש דערציילן מעשיות נישט גע־שטויגן, נישט געפלויגן, אָדער יאָגן זיך מיט גרעסערע קינדער אַרום באַלע־מער.

דאָס גאַנצע שטעטל איז געוואָרן אויפגערודערט. מ׳האָט אים געזוכט אויף די „סטעגענעס״, אויפן וואַרשעווער טראַקט און באַלד נאָך מיטאָג געלאָפן מעלדן אין מאַגיסטראַט. אַ פרעמדער דאַרפסגייער זאָל האָבן געזען אַ יינגל אויפן באַדזאַנעווער וועג באַהאַלטן אין קאָרן. פאַרנאַכטלעך, רעדלט אַריין אין שטאָט מאַרטשעק דער קיילער און שטעלט זיך אָפּביים ברייטן טויער פון אברהמעלע שוחט.

— געברענגט אים ביי די פייסעס, אייער „סינעק״, זשעזאַק! די כאָליערע ווייסט אים וווהין ער האָט געוואָלט אַוועק.

יאָסעלע איז געלעגן איינגעלייגט ווי אַ ראָגאַלקע אין „טיל״ פון וואָגן און שטיל געהעשעט.

— אַזוי האָט ער געיאָפּעט דעם גאַנצן וועג. נאָר שלאָגן זאָלט איר נישט. שוין גענוג אָנגעקאַטעוועט — איך.

יאָסעלע האָט געמוזט אויסטרינקען אַ גלאָז טיי און לייגן זיך אין בעט אַריין. זיין קעפּל האָט געגליט ווי פייער.

ווען ס׳איז אים בעסער געוואָרן האָט ער אַלץ דערציילט.

— אנומלט, הויבט ער אָן, האָט ער אַריינגעקוקט אין אַ ספרל וואָס הייסט רזיאל המלאך. א ספרל, וואָס איז פול מיט צייכנס און סודות. אין אָנהויב האָט ער גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר צוביסלעך איז ער דערגאַנגען דעם טייטש פון וואָרט רזיאל — רזי־אל — געטלעכע סודות. שוין פיר וואָכן וואָס ער בלעטערט דערין אין פאַרטאָגנס, ווען אַלע שלאָפן נאָך און אין דרויסן ווערט שוין איינציקווייז ליכטיקער.

— יעדער מענטש קען דערגרייכן סודות. אפילו צו נבואה. ערלעכע גויים קענען אויך דערגרייכן צו נבואה. זיבן נביאי־אמת זענען פאַראַן ביי זיי.

— אַ ייד קען אויך דערגרייכן צו מדרגות פון מלאכים, אויב ער פירט

אויס אַ שליחות אויף דער וועלט, ווי למשל חנוך. מכל שכן רעדן מיט מלא־כים און פאַרנעמען סודות, אויב די נשמה און דאָס האַרץ זענען ריין.

— אָבער דערצו מוז ער, דער בן־אדם, זיך צוגרייטן בקדושה וטהרה. ער מוז פאַסטן גאַנצע דריי מעת לעת און נישט אַרויסברענגען פון זיין מויל קיין איינציק וואָרט, סיידן דברי־קדושה. אויפן פערטן טאָג, ביים אויפגאַנג פון מאָרגנשטערן, מוז ער זיך אָפּזונדערן אין אַ ווינקל, פאַרהאַנגען מיט ווייסע ליי־לעכער וואָס האָבן נישט קיין פלעקן אויף זיך. דעמלט מעג ער אַרויסזאָגן דעם נאָמען פון דעם באַגערטן מלאך און האַלטן די אויגן פאַרשלאָסן.

—דערפאַר בין איך אַוועק אַנצוטרעפן אַ וואַלד, ווו כ׳וועל קענען בלייבן דריי טעג אומגעשטערט. פאַרטאָג, ווען די זון האָט נאָך נישט געהאַט אויפ־געשיינט, בין איך שטילערהייט אַוועק אויפן באַדזאַנאָווער וועג. די זון איז דערנאָך אַרויסגעקומען און געסמאַליעט און איך האָב זיך געמוזט פאַרשטעקן אין קאָרן.

— די זון האָט אויסטערליש געפייערט און איך האָב זיך געריכט צו האָבן כמה וכמה שטערונגען.

— פון נישט ווייט האָב איך געהערט שניידן מיט קאָסעס. פון יעדן שניט איז אויפגעגאַנגען געוויין. כ׳האָב מוראדיק געציטערט און נישט געטאָרט וויינען אויפן קול. שפּעטער האָבן די שניטערס זיך דערנענטערט צום אָרט ווו איך בין געלעגן. א פחד האָט מיך אַרומגענומען, נישט געלאָזט מיך אַנט־לויפן, וואָרום די סכנה איז זייער גרויס און איך בין צו יונג צו דעם וואָס איך וויל אויספירן. אַרום שושקעט אַ ווינטל און ס׳קען זיין אַז ס׳איז גאָרנישט קיין ווינטל געווען און כ׳האָב פלוצלינג פאַרגעסן אַלע נעמען פון מלאכים, וואָס כ׳האָב געהאַט אויסגעלערנט פון אויסנווייניק.

— דער הימל איז כסדר ציכטיק און קלאָר מיט אַזאַ בלויקייט וואָס כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען. מיט אַ מאָל רוקן זיך אָן שוואַרצע פלעקן איבערן קאָרן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט, רעכטס און לינקס. רונדע היטן פון שטרוי טאַנצן איבער מיין קאָפּ און פאַרשווינדן; אויף זייער אָרט נישטערן אַרום בייזע בליקן איבערן שטח ווו איך ליג אין קאָרנפעלד.

— דאָס מיינט מען מיך, האָב איך געטראַכט, איך בין איצט איינער אַליין

אויף דער וועלט און קיין איינציקן נאָמען פון אַ מלאך געדענק איך נישט מער.

— אַ הויכער מאַן שאַרט זיך שטיל צו מיר:

— העי, וואָס טוסטו דאָ, קליינער ליידאַק? דיין „אָיטשעץ" וועט דיך אָנקיילן!

— כ'בין געווען זיכער, אַז ס'איז אַ בייזער חלום, מע וויל מיר שטערן און כ'ריר זיך נישט פון אָרט. דערלאַנגט מיר דער מאַן אַ ברי מיט דער בייטש:

— היידאַ, דו הינטישער! מיך געכאַפּט אויף זיין וואָגן אַרויף. אויפן וועג האָט ער מיך געקאַטעוועט אָן רחמנות און מיך צוגעבונדן צום „טיל" פון וואָגן כ'זאָל נישט אַנטלויפן.

— דער זשעזאַק וועט דיך אָנלערנען, אַ קריכן איבער די פעלדער און די גאַנצע שטאָט זאָל דיך זוכן, צו אַלדי רוחות!

פאַר יאָסעלען איז דאָס געווען זיין ערשטע ווידוי אין לעבן. אין שטאָט האָט מען אים גערופן דאָס מלאכל מיט ווייסע ליילעכער. אין גערער שטיבל האָט ר' חיים אהרון פירשט געזאָגט צו די אַנדערע ישישים:

עד, ביי דעם יינגל איז אַ ויתרוצצו, אַ פּרא־אדם מיט אַ גוטן קאָפּ און הלוואי זאָל מנצח זיין דער יצר־טוב. לאָמיר דערויף טרינקען: לחיים, יידן!

קאַפּיטל צוואַנציק

טאַבעלע

ס'איז שוין געווען גוט טונקל, ווען דער לאַנגער משה מעכל האָט אָנגע־באָטן יאָסעלען דעם שוחטס אַ גרויסע מצווה.

דער לאַנגער — ווייל זיינע עלטערן האָבן אויף אים געוואַרט לאַנגע זיבעצן יאָר. ער האָט אַ ביסל געשטאַמלט.

— אַן אָרעמאַן האָט נישט צו עסן, אַ מצווה זאָלסט שאַפן פאַר אים נדבות.

— ווו איז ער, דער אָרעמאַן ?

— ער וואַרט אויף דער פלאַצקער גאַס, אַ רחמנות צוצוזען.

אַ צופרידענער איז יאָסעלע באַלד אַוועק צו צאַלעל דעם מורה הוראהס זון, פאַרלייגן אים די מצווה בשותפות. שנעל האָבן זיי זיך איבערגעטון שבת־דיק; צאַלעל וואָס איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער האָט געדרייט זיינע פאהלעך מיטן וויזפינגער זיי זאָלן אויסקומען ווי קאָרקן־ציערס.

— ווייסטו וואָס ? מיר וועלן גיין צום קאַרגן שמואל שמעלקע.

— וואָס דיר פאַלט איין, ער וועט אונדז אַרויסוואַרפן, דער קאַרגער, און נאָך דערלאַנגען קלעפּ.

— שמואל שמעלקע איז איצט אין שטיבל, וועט עס הייסן אַז ער האָט געשיקט זאָגן מ'זאָל צוגרייטן עסן פאַר אַן אורח אָדער געבן געלט אויף וויע־טשערע. ביסט אַ פּחדן, צאַלעל ?

— אויב דו גייסט, גיי איך אויך.

דאָס געוועלב איז פול מיט קונים, איידער עס ווערט פאַרמאַכט : אַ פרוי זוכט עפּעס אַ קנעפּל, אַ צווייטע, וואָס האָט זיך שוין פאַררעדט, איילט זיך, בעט איין אייל גומע און לויפט אַהיים.

— וואָס ? מיין מאַן האָט ענק געשיקט ? וואָס ווייסט ער ווי איך פראַצעווע, און ער זיצט זיך דאָרט אין שטיבל און הייסט פראַווען וויעטשערע ! עטץ זענט

נישט שולדיק, קינדער. נאָך ענק אַ זעקסער נאָר עטץ זאָלט נישט פאַרלירן.

מיט דער מטבע אין קעשענע ווערן זיי האָפּערדיקער און יאָסעלע לייגט פאַר גיין צו אַלע קאַרגע. אַלע ווילן געבן.

זיי לאָזן זיך ארונטער צו דער בריק צום קאַרגן שניט־סוחר נתן דוד.

נתן דוד איז נישט אַבי ווער. שטענדיק זוכט ער דעם אָפּענעם איין און דרייסיק:

— פאַרוואָס זענט איר אַן אורח? האָט איר שוין געפּרווט צו טון עפּעס אַנדערש? איר קענט דאָך דאָס ווערטל: אויב די הענט ארבעטן נישט, מוזן זיי זיך אויסשטרעקן. דערביי ציט ער זיך אַרויף העכער ווי ער איז: נישט פאַר קיינעם געדאַכט.

אַזוי קען ער איינטענהן שעהן־ווייז, אָבער קיין נדבה גיט ער נישט. זיין פרוי, מיט אויגן גרייט צום וויינען, האַלט שוין נישט אויס:

— נתן דוד, וואָס טענהסטו אַזוי לאַנג, פון דעם ווילן מיר האָבן פּרנסה? פאַרוואָס באַלעמוטשען אַ ייד?

די צוויי יינגלעך, נאָכן אָפּזאָגן דעם צוגעגרייטן פּזמון, וואַרטן לאַנג און די יידענע קוקט זיי אין די אויגן אַריין:

— וואָס עפּעס האָט מיין מאַן צו טון מיט אַן אורח? ווער איז דער אורח? איר ווייסט פון גאָרנישט, אפילו נישט געזען? — זאָל שוין זיין אַזוי. אָבער ווי זאָל איך איצט צוגרייטן עסן? דו ביסט דעם שוחטס יינגל, האַ? און דו, זאָגסטו, דעם מורה הוראהס? וואָס קען איך מיט ענק איינטענהן. נאָך אייך קינדער א פירער און גייטס מיר געזונטערהייט.

ביי דער טיר קרעכצט זי צו: נישט געלייזט היינט אַ פּרוטה...

אַריין גוט אין דער ראַלע, פאַרנעמען זיי זיך נישט ווייט איבער דער בריק צום אַלעווניק — חמיה הויקער.

אַ הויקער האָט ער אַ טאָפּלטן — פון פאָרנט און פון הינטן. דער האַלדז איז ביי אים ענג, מוז ער כסדר אַרויסבלאָזן דעם אָטעם.

— ווער האָט ענק פפוו... געשיקט? — האָט ער געוואָלט מאַכן אַ פאַר־הער און גלייך מיד געוואָרן:

— אַ זעקסער, הום... גייטס, גייטס, פפוו!...

אין דרויסן, מיטן זעקסער, האָט צאַלעל זיך געקרימט:

— זע נאַר, דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַרויסגעלאָזט טפּוי!

— פאַר מצווה וועגן איז אַלץ ליב, ענטפערט יאָסעלע.

צוויי שעה האָט געדויערט די מצווה, אפילו ביי דער רביצן אַרויסבאַקו־מען געלט און געלאָפן מיט דער פולער קעשענע צו דער פלאָצקער גאַס. געקומען אויפן אָרט — נישטאָ קיין אורח און אויך משה מעכלען אין ערגעץ נישט געטראָפן.

— אפשר, פרעגט יאָסעלע, איז דער גאַנצער ענין נאָר א נסיון, וועמען זאָלן מיר געבן דאָס געלט? לאָמיר גיין אין שטיבל, אפשר איז דאָרט פאַראַן אַן אורח.

ס'איז שוין געווען שפּעט. אברהמעלע האָט זיך שטאַרק מצער געווען, ווו קען זיין יאָסעלע, ער ליגט דאָך איצט נישט אין קאָרן? און ער, אברהמעלע, האָט היינט אַזאַ שווערע נאַכט פאַר זיך.

שוין ביים עפענען די טיר דערלאַנגט אים דער פאָטער אַ פייערדיקן פּאַטש — ווו ביסטו געווען?

— טאַטע, כ'האָב געטון א גרויסע מצווה.

— דהיינו? — פאַרשט דער פאָטער — רעד!

מאיר ראַדאַ, א ביסל אַן אויפגעקלערטער, שטעלט זיך איין:

— וואָס טוסטו, אברהמעלע, זע ווי דאָס קינד זעט אויס, מיטן גוטנס גיי זיך אום. און פלוצלינג שרייט ער אויס אויפן הויכן קול:

— האָ, וואָס האָסטו אין קעשענע? — און נעמט אַרויס פאַרשידענע מטבעות. די שטרענגע חקירה ודרישה האָט געדויערט ביז נאָך האַלבער נאַכט. יאָסעלען האָט דער פאָטער געפירט צו מאירל שוחט דאָרט שלאָפן.

—איך וויל נישט, צעוויינט ער זיך, ביי מאיר שוחט איז דאָ א מיידל, רעדט זי געמיינע רייד.

—וואָס בעבעסטו, שוין זאָלסטו אריינגיין!

אין פרימאָרגן איז דער פאָטער געקומען א שיינענדיקער:

מזל טוב, יאָסעלע, דיין ניי שוועסטערל וועט הייסן טאָבעלע.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

ביי ר׳ יוסף מלמד

ביים הורטאָווניק זאַיאָנץ ווערט געפּירט דער גרויסהאַנדל פון עופות און אייער קיין וואַרשע מיט גרויס געפּילדער. דאָס קרייען און קוואָקן הערט נישט אויף און ר׳ יוסף דער גמרא־מלמד, וואָס וווינט בשכנות, מוז שרייען הויך ביים לערנען כדי די קינדער זאָלן הערן; ער מוז אָבער שרייען נאָך העכער כדי די קינדער זאָלן נ י ש ט הערן, וואָס אין הויף טוט זיך אָפּ.

יאָסעלע דעם שוחטס לערנט ביי ר׳ יוספן שוין דעם דריטן זמן דינים און פּוסקים צו שאַרפן דעם מוח, אָבער יאָסעלעס האַרץ איז נישט דערביי. בענטער זענען אים אגדות און מעשיות, פול מיט פאַרהוילעניש און נישט דערזאָגטס, וואָס רעדן מער צום געמיט מיט ווונקן און אָנדייטונגען...

שוין א צייט נישטערט יאָסעלע אין טאַטנס ספרים, נישט כדי צו פאַרשטיין דעם זין זייערן, נאָר צו דערפילן דאָס אייגענע, וואָס קריצט זיך איין אינעם זכרון אויף לאַנגע יאָרן.

איינמאָל פאַרהאַלט דער רבי יאָסעלען ביז די קינדער זענען זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען:

— מיט דיר, יאָסעלע, וויל איך לערנען אַ באַזונדערן שיעור אגדות. ווען ס׳קומט די נאַכט איז רויק דאָס געמיט און שטיל איז אין הויף, וועסטו פאַרנעמען וואָס איך וועל מיט דיר לערנען — אַמאָל וועט עס דיר צונוץ קומען.

צומאָרגנס, ווען די קינדער זענען אוועק האָט ר׳ יוסף געלערנט מיט יאָסע־לען פון דעם הייליקן ספר „עליות משה״. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן משה רבינוס אויפשטייג צו אַלע זיבן הימלען און וועגן די פּחדימדיקע מלאכים וואָס האָבן אים געפּירט. פאַראַן אזעלכע הימלען וואָס זענען ווייט איינער פון אַנדערן פינף הונדערט יאָר א מהלך. פאַראַן מלאכים פון לויטער פייער און אַנדערע פון בלויז אויגן.

יאָסעלע האָט זיך דעמלט דערוווּסט פון דעם אומענדלעכן גאַלאָסק, וועלכן קיין בשר ודם קען נישט משׂיג זיין און פון דעם נהר דינור. יאָסעלע האָט זיך אויך דערוווּסט פון זאַכן וועלכע טאָרן נישט נתגלה ווערן אַבי וועמען.

ר׳ אברהמעלע האָט געשיינט פאַר שׂמחה:

— שלינג תורה וויפל נאָר דו קענסט, עפן דיין מוח און לאָז אַריין וואָס מער — און ליכטיק וועט זיין דיין וועג.

די מאַמע האָט צומאָרגנס געשיקט מיט יאָסעלען אַ סלאָיִק גענדזן־שמאַלץ, און די רביצין קריינדל, א יידענע אין די זיבעציקער, האָט קיין כוח נישט געהאַט אָפּצוזאָגן. שפּעטער זענען געקומען ווייטערע מתנות ווי צוקער, טיי, רייז, היידלעך — אַלץ פאַר די אָרעמע, ערלעכע אַלטע לייט.

דער ווינטער האָט זיך געשטעלט אַ שווערער. פאַרפרוירענע גרודעס שניי זענען געלעגן גאַנצע וואָכן צוגעקאָוועט צום ברוק. די ביימער און בלומען וואָס דער ווינטער האָט געמאָלט אויף די שויבן זענען נישט צעגאַנגען, אַ גרויקייט האָט זיך געלייגט אויפן שטעטל און אויף דער נשמה. דער אַלטער מלמד האָט נישט געקענט זיך דערוואָרעמען, סיידן מיט אַ ביסל געשטעלטן זיסן בראָנפן, באַטעמט מיט קליינע שטיקלעך ציטרין־שאָל. דאָס פלעשל איז געשטאַנען אין דער ברוינער קאָמאָדע מיט צוויי טיר־לעך. אז ר׳ יוספן האָט גענומען שווידערן אין לייב האָט ער זיך אַוועקגע־שטעלט ביי די טירלעך און געטראַכט צי זאָל ער נעמען א קאָפּעטשקע פון דעם מים־חיים, אָדער זאָל ער נאָך וואַרטן, שפּעטער וועט אפשר מער צו נוץ קומען. איינגעקאָרטשעט ביים אָנגעגליטן ציגל אויפן אויוועלע, האָט די רביצן נאָכגעקוקט דעם שאָטן פון איר מאַן מיט גרויס שרעק: ער רירט זיך דאָרט פון אָרט נישט...

— יוסף, נעם א ביסל משקה, ווי לאַנג וועסטו אויסהאַלטן?

ר׳ יוסף האָט אויפגעוואַכט ווי פון אַ טיפן דרימל:

— מיר דאַכט זיך אַז מ׳האָט מיר שוין ווידער אויסגעשניאָקעט אַ ביסל בראָנפן און צוגעגאָסן וואַסער. דאָס זענען דען קינדער? ראָזבאָיניקעס זענען זיי. וועמען דער הימל וויל שטראָפן ווערט אַ מלמד און עסט אַליין זיך אָפּ דאָס האַרץ. יאָסעלע, קום נאָר אַהער, זאָג, ווער האָט עס געטון?

יאָסעלע האָט זיך צעוויינט און נישט געענטפערט.

— פּאַרוואָס וויינסטו און ענטפערסט נישט ?

— רבי, ס׳קען זיין דער רבי איז שוואַך, מיינט ער דער בראַנפן איז פאַר־וואַסערט. דעם רייִנעם אמת ווייסט קיינער נישט.

פון דעמלט אָן האָט אויפגעהערט דער באַזונדערער שיעור מיט יאָסעלען.

✶

דער לעצטער אין חדר אַריין פלעגט קומען יאָסעלע, יעדן טאָג מיט אַן אַנדערן תירוץ. אַ ווילן האָט ער געהאַט אַ גוטן, נאָר יעדעס מאָל אַנדערע שטרויכלונגען.

אַזוי איז עס פאַרגעקומען מיט קאַץ־לייט.

פרייטיק. יאָסעלע גייט אין חדר אַריין מיט א פעסטן ווילן צו זיין פון די ערשטע. אין קלויסטער־גאַס, נישט ווייט פון הערש מענדל שוסטער לויפט אַ קאַץ אויף דער גאַס און הערש מענדל לויפט איר נאָך מיט א בעזעם :

— אויפגעפרעסן מיינע צוויי קאַרעשלעך אויף שבת, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! הערש מענדל איז נישט מיד געוואָרן צו מוסרן די קאַץ און טרייבן זי מיטן בעזעם און מיטן פּזמון : אָדער אַ קאַץ אָדער אַ לייט ! אָדער אַ קאַץ אָדער אַ לייט !

יאָסעלע, וואָס האָט שוין נישט געקענט זיך באַהערשן, איז נאָכגעלאָפן הערש מענדלען מיט דער קאַץ און נאָכגעשריגן בקולי־קולות : „קאַץ־לייט !" „קאַץ־לייט !" פון דעמלט אָן רופט מען טאַקע הערש מענדלען : „קאַץ־לייט".

אָבער ווי קומט מען אין חדר אַריין ווידער פאַרשפּעטיקט ? נישט שטענ־דיק געפינט מען א תירוץ אויף דער גאַס...

— היינט, רבי, האָב איך נישט קיין תירוץ, זאָגט יאָסעלע פאַרשעמט.

לאָזט אַרויס ר׳ יוסף צוויי פינגער פון זיין פאַרביילטער פויסט, דעם וויז־פינגער מיט דעם לאַנגן פינגער און כאַפּט דעם ייִנגלס בעקל ווי אַ צוואַנג :

— יונגאַטש דו, פאַרן אמת ברויך מען נישט מורא האָבן !

אין יאָסעלעס אויגן שטעלן זיך טרערן פון געריגרטקייט. — מער וועט ער נישט פאַרשפּעטיקן, קומען וועט ער אין חדר פון די ערשטע.

זונטיק פאַרטאָג פעדערט ער זיך פון די ערשטע אין שטוב און טרעט נישט אָפּ ביי שמעון דעם בעקער נאָך קייזערקעס... אַלץ אין אים זינגט פאַר פרייד,

דער רבי וועט אים קניפּן דאָס בעקל... קריינדל, וועט ער שרייען צום אַלקער, זע אומישנע ווער ס'איז היינט דער ערשטער...

מחיהדיק שיינט די מאָרגן־זון, זיינע פּיסלעך לויפן לייכט פּאָרויס, פּאָרויס. א זומער־פייגעלע פליט אים אין פּנים אַריין, פלאַטערט, רוישט, רייצט זיך. אַך, ווען ער כאַפּט אַזוי דאָס פליערל אין האַנט!.. אָבער דאָס פלאַטער־פייגעלע לאָזט זיך נישט כאַפּן. און אפשר איז עס גאָר קיין זומער־פייגעלע נישט, נאָר דער יצר־הרע וואָס שטערט אים צו קומען אין חדר אַריין פון די ערשטע? ער ווייסט שוין פון לאַנג צו וואָס דער בעל־דבר איז פעיק: פאַרשטעלן זיך אונטער טויזנטער געשטאַלטן כדי אַראָפּצופירן דעם ערלעכן אין שאול־תחתיה...

געגוג באַלאַמוטשעט, גיט עס אים אַ כאַפּ, ער נעמט לויפן גיכער, האָס־טיקער.

נאָר וואָס איז שוין ווידער?

ביים ראָג פון מאַרק און דעם לאַנגן וועג זעט ער ווי אַלע מענטשן לויפן אַראָפּ צו דער ווייסל. אַלע זענען זיי אָנגעטון שבתדיק און זייערע פּנימער לויכטן...

וווהין לויפן זיי? — קיינער ענטפערט נישט. יאָסעלע לויפט זיי נאָך אויף טשיקאַוועס.

ביים ווייסל־ברעג — אַ געזעמל. מענטשן שפּרינגען אַריין אין די לאָדקעס, טומלען, שרייען, באַשיטן די שיפער מיט קופּערנע־מטבעות.

אַזוי גיך ווי די לאָדקעס ווערן אָפּגעשטופּט פון די ברעגעס, וויאָסלעווען שוין אַנדערע אהער־צו און באַלד שווימען אויך זיי אַוועק. ווען ער דערזעט זיין ברודער חיים אין אַ לאָדקע, שפּרינגט ער ווי אַ צעווילדעטער אין א צווייטער לאָדקע, פאַרשטעקט זיך אין איינעמס קליידער, נישט אָפּצורייסן.

אויף דער אַנדערער זייט ווייסל, פול מיט זאַמדן און שטיינער, ווערט ער געטראָגן איבער אַקסלען וועלכע בייטן זיך כסדר, נאָר קיינער ענטפערט נישט וווהין און פאַרוואָס.

ביי דעם דערפל אילאָוו, דאָרט ווו די בזורע פאַלט אריין אין דער ווייסל מיט איר גרינלעך וואַסער, שטייט שוין די זון געגוג הויך און יאָסעלע ווייסט

שוין, אַז דאָס גאַנצע שטעטל ווישעגראַד גייט אַנטקעגן דעם אַלטן סאָכאַטשע־ווער רבין, דעם זיידן פון נייעם רב אין ווישעגראַד. מיט אומגעדולד נישטערן אַלעמענס בליקן אין די ווייטנס, ביז, ענדלעך, מען דערזעט שוין געדיכטע וואָלקנס שטויב און אין דעם שטויב, גאַנץ ווייט — סילועטן פון פערד און פון קאַטשן.

✶

דער געדראַנג ביים שלום נעמען — אין לשער. יאָסעלע האָט זיך דער־שלאָגן צו דער רבישער קאַטש אַ האַלב אָפּגעפּליקטער. מיט איין פּיסל אויף דער טרעפּ פון דער הויכער קאַטש, לייכטן אויף אים ליכטער פון האַלב פאַר־מאַכטע אויגן. אַ קאַרבירטער שטערן פון מעש־קאַליר איז ארומגענומען מיט אַ געלבלעך שטריימל אַזוי ווי מיט אַ לאַמפּאַס. דער שטערן פאַלדעוועט זיך.

די צווייטע פיגור אין קאַטש האָט אַ דרייקאַנטיק פּנים; די שפּיציקע באָרד לאָזט זיך אויס מיט איינצלנע האָר; די אויגן בלינצלען מיט גריבינקע פייער־לעך; איבערן שטריימל טורעמט זיך אַ סאַמעטענער ספּאָדיק מיט אַ הויכן שפּיץ. דאָס איז דעם רבינס זון, רבי שמואל, וואָס קען פאַרשטעקן די גרעס־טע לומדים אין ארבל אריין — זאָגן די סאָכאַטשעווער חסידים.

אין דעם דריטן האָט ער גלייך דערקענט דעם נייעם רב פון ווישעגראַד, דעם בייכיקן מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן, ר׳ דודל.

אַ חסיד אין דבקות רייסט זיך צו דער קאַטש מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און דאָס פאַרגאַפטע חדר־ייִנגל פאַלט אריין אין קאַטש, צום רבינס פיס.

עס ווערט אַ טרעוואָגע. פון אַלע זייטן שטרעקן זיך אויס הענט אים אַרויס־צושלעפּן. כאַפּט דאָס ייִנגל דעם רבינס ארבל און שרייט אויס אין צעמישע־ניש: לחיים, רבי!

דערשטויגט עפנט דער רבי זיינע אויגן, ווי לאַמטערנס, באַוועגט זיין אויפגעהויבענע האַנט און ענטפערט בנחותא: עליכם שלום. וועמענס ביסטו, חדר־ייִנגל?

דאָס קינד ענטפערט נישט, נאָר גיט אָפּ שלום־עליכם די אַנדערע צוויי אין דער קאַטש.

עס איז שטיל; קיין אחד דערוועגט נישט דאָס קינד ארויסצושלעפּן און

קיינער פאַרשטייט נישט וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר איינעם וואָס שטייט פון דער זייט פאַרלויפן די אויגן פון הנאה וועגן און אויך פון גערירטקייט, מחמת דער אויסטערלישער פאַסירונג.

✶

אַריבערגעקומען די ברייטסטע ווייסל, שווימענדיק אין פּאַראָמען, האָט דער צוג, ווי אַ פּאַראַדע, זיך געשלענגלט פּאַמעלעך איבער דעם לאַנגן וועג אַרויף צום שטעטל און זיך אָפּגעשטעלט ביי נחמיה הויקערס קאָמעניצע, די איינציקע צוויי גאָרנדיקע קאָמעניצע אין שטעטל.

דעם איינגאַנג האָט מען פאַרהאַקט פון אינעווייניק מיט פּרעטנטן, אַריינגעלאָזט האָט מען נאָר חסידים און חשובע בעלי־בתים. יאָסעלען קלאַפּט דאָס האַרץ, ער וויל זען דעם אַלטן רבין מיטן געלן שטריימל, וועמען ער האָט אין צערודערונג געווונטשן: לחיים. קלאַפּט ער אָן מיט שטילע קלעפּלעך און מאַכט נאָך די זייער נידעריקע שטימע פון רב ירמיהלען — א ווישעגראַדער איידעם, שפּעטערדיקער רב אין אָפּאָלע און דערנאָך אַמשינאָווער רבי.

— ווער איז דאָרט ? — פרעגט מען פון יענער זייט טיר.

— ירמיהלע, קאַלישערס איידעם, נו...

אזוי גיך ווי די טיר האָט זיך געעפנט, האָט יאָסעלע זיך פאַרהאַטשעט מיט אַ פּיסל אינעווייניק, געשפּרונגען איבערן טיש, זיך אַריינגעריסן אין צווייטן חדר צו די רביים און מקורבים און נישט געלאָזט זיך כאַפּן.

— ניטע! ציטערט דעם רבינס האַנט אינעם חלל; דאָס יינגל האָט מיר געווונטשן לחיים, לאָזט אים אָפּ!

יאָסעלע איז שוין פאַרבליבן ביים רבינס טיש און ווידער אַמאָל זענען דעם זייטיקן מאַן איבערגעלאָפן די אויגן פון חרפּה און גרויס כבוד.

פאַרנאַכט־צו, דער עולם איז שוין אַוועק. רופט דער רבי צו דעם מאַן פון דער זייט און פרעגט אים אויפן יינגלס נאָמען.

— אַ פּלא מיט זיין נאָמען, רבי — האָט געענטפערט אברהמעלע שוחט מיט צוריקגעהאַלטנקייט — ווען ס׳איז געקומען די צייט איז זיין מוטער קראַנק געווען און גרויס זענען געווען די שרעק. ווען ר׳איז געבוירן געוואָרן, האָבן מיר געהאַט בדעה אים געבן דעם נאָמען יצחק — פּחד יצחק, כידוע.

ביים ברית, ווען דער מוהל האָט זיך מכוון געווען צו דער ברכה, האָט דאָס קינד אַרויסגעשטופּט אַ פּיסל פונעם קישן און דאָס מעסער פון מוהל איז אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד. אין אַ וואָך שפּעטער ביים ויקרא שמו בישראל האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט — יוסף, און באַלד זיך צוריקגעכאַפּט — יצחק. אַזוי טראָגט ער צוויי נעמען: יוסף און יצחק.

— ווי איז ער אין לערנען? — פרעגט דער רבי מיט חידוש.

— זיין רבי האַלט אים פאַר ראוי צו ווערן גרויס אין צדקות; אָדער פאַרקערט חלילה... נישט צו פאַרשטיין זיינע דרכים, אויסברוכן, נישט גע־ווייַנטלעכע. טאָמער צעוויינט ער זיך הערט מען בחוש ווי זיין נשמה וויינט. מיט צוויי חדשים צוריק האָט ער שטאַרק געכליפּעט, מחמת ער האָט נאָך גאָרנישט אויפגעטון אויף דער וועלט.

— הום... צוויי חדשים! צוויי, זע איך, איז זיין סימן: צוויי נעמען, ביי צוויי יאָר האָט זיך גער איינגעשטעלט פאַר אים און אָפּגעקויפט, אַ פּלא...

דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַנען איבערן חדר. דאָס פּנים זיינס האָט געברענט; אין זיינע אויגן האָט מען נישט געקענט אריינ־קוקן.

אין דער שטיל האָבן אנשי־חן אויסגערעכנט, אז לויטן סדר פון אלף־בית איז צוויי: אב־רחמים; אָבער לויטן מספר תשרק—תש; וואָס איז משמע: שוואַכקייט. צוויי — צווייאיקייט...

— יאָ, ס'איז אַ פּלא, האָט דער אַלטער סאַכאַטשעווער רבי אַ זאָג געטון מיט אַ ווייט קול, ווי צו זיך אַליין, דעם יינגלס לחיים האָט געשיינט מיטן ליכט פון אמת. נאָר דעם זין פון צוויי בין איך נישט משיג. עס קען דאָך זיין אז דורך זיין לחיים־ווונטש וועט מיר געמערט ווערן יאָרן צום לעבן און דאָס קען זיין דער זין פון דעם נאָמען, בהיסח הדעת — יוסף, וואָס דער טייטש איז מערן.

אין צוויי יאָר שפּעטער אין דעם זעלבן חודש איז דער מחבר פון „אבני נזר” און „אגלי טל”, דעם קאָצקערס איידעם און דער גרינדער פון סאָכאַ־טשעווער חסידות, רבי אברהמעלע, נסתלק געוואָרן. תהי נשמתו צרורה בצרור החיים.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

אַ קורצע צונג וואָס איז נאָך אַלץ צו לאַנג

נישט לאַנג נאָכן באַזוך פון סאָכאַטשעווער רבין אין ווישעגראַד, איז אברהמעלע שלאָף געוואָרן.

— יאָסעלע, זאָגט ער צום יינגל, הייַנט איז שבת־תשובה, וועסטו גיין אין שול אַריין אויסצוהערן דעם רבס דרשה. זאָלסט נישט דורכלאָזן קיין איינציק וואָרט.

יאָסעלע האָט שפּעטער איבערגעגעבן דעם רבס דרשה וואָרט אין וואָרט און צוגעגעבן: די זעלבע דרשה ווי פאַר א יאָר, נאָר הייַנט פאַרבראַקט מיט א חסידיש מעשהלע.

„איינמאָל האָט דער בעש"ט באַפוילן עטלעכע חסידים זיך צו לאָזן אין וועג אַריין, נישט געזאָגט וווהין און נישט צוליב וואָס. זענען די חסידים גע־פאָרן אַזוי לאַנג ביז ס'האָט גענומען פייניקן דער הונגער און זיי זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרקערעווען אויף אַ דאָרפישן שליאַך אויפצוזוכן אַ יידישן קרעטשמער, צו קענען דאָרט עפּעס טועם זיין.

ענטפערט זיי דער יידישער קרעטשמער אַז מילכיקס האָט ער נישט, נאָר פליישיקס. אַזוי ווי דער הונגער האָט זיי שטאַרק געפּייניקט זענען זיי צוגע־שטאַנען צום קרעטשמער ער זאָל זיי זאָגן ווער ס'איז דער שוחט. צי איז די בהמה א כשרע? צי איז דאָס פלייש כשר־געמאַכט ווי מען דאַרף?

אין דעם רופט זיך אָפּ אַ ייד פון הינטערן אויוון אַפער, אַנגעטון אין צעריסענע מלבושים:

— חסידים! חסידים! דאָס וואָס איר לייגט אין מויל אריין זענט איר בודק מיט אַלע פּיטשעווקעס: צי איז די בהמה כשר, צי כשר צוגעגרייט... נאָר דאָס וואָס איר לאָזט אַרויס פון מויל, איבער דעם טראַכט איר נישט, צי מעג מען דאָס וואָרט אַרויסרעדן, צי נישט...

ווי די חסידים האָבן דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָבן זיי גלייך פאַר־שטאַנען צוליב וואָס דער רבי האָט זיי געשיקט. זיי דאַרפן אַראָפּנעמען זיך אַ מוסר, אַז מען מוז באַרעכנען יעדעס וואָרט איידער מען לאָזט עס פון מויל אַרויס. און דערמיט זענען זיי גלייך צוריקגעפאָרן קיין מעזשיבעזש צום רבין.

דער אורח איז געווען, פאַרשטייט זיך, נישט קיין אַנדערער ווי אליהו הנביא זכור לטוב."

אברהמעלע האָט זיך ממש מחיה געווען, וואָרום דאָס מעשהלע האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

דער רב האָט נאָך דער דרשה זיך נאָכגעפרעגט, פאַרוואָס דער טאַטע איז נישט געקומען. יאָסעלע האָט אים צוריקגעפרעגט: וועלכן טאַטן מיינסטו?

ווערט דער רב רויט אויפן פּנים:

— עזות־פּנים, האָסט אַ צווייטן טאַטן אויך?

— אוודאי האָב איך צוויי טאַטעס! משמעות פון דעם טאַטן אויבן טראַכסטו נישט...

רב אברהמעלען האָט עס אונטערגעהויבן:

— ביסט אַן עזות־פּנים און אַ ווילדער פליט! ווער ווייסט וועלכער יצר וועט אין דיר גובר זיין, דער גוטער, צי דער שלעכטער, חלילה. האָסט אַ קורצע צונג און זי איז נאָך אַלץ צו לאַנג.

געדענק מיינע רייד!

✶

נאָך סוכות איז יאָסעלע אַריבערגעגאַנגען צום גרעסטן מלמד אין שטאָט, ר׳ שמואל לייב. אויפן צווייטן טאָג איז געקומען דער דאָזאָר הירשל שווירץ און מיטגעבראַכט זיין ווייב צו זען דעם שוחטס יינגל פון אכט יאָר, וואָס וויל לערנען צוזאַמען מיט גרויסע בחורים. זייער דודל שטייט דאָך שוין אין שי־דוכים:

— אָדער אונדזער דודל, אָדער דאָס פּיצל יינגל דעם שוחטס!

ר׳ שמואל לייב, אַן אויסגעדינטער זעלנער ביי פּאַניע, פינף יאָר אין וולאַדיוואָסטאָק איז נישט נתפּעל געוואָרן:

— עס גייט נישט אין עלטער, נאָר אין קענטעניש. תורה האָט נישט צו

טון מיט יאָרן... איר קענט, אויב איר קענט, דאָס יינגל פאַרהערן, וועט איר וויסן, אַז ער האָט אַ פּייערדיקן קאָפּ.

אָפּגענומען זייער דודל, וואָס שטייט שוין אין שידוכים, האָבן זיי נישט. דער חתן־בחור האָט שפּעטער באַשיט דאָס פּיצל יינגל מיט פּעפּערניסלעך און נאַשוואַרג, כדי צו קענען ווערן אים א חבר.

ביים רבין שמואל לייבן האָט יאָסעלע געקענט זיך דערלויבן קומען און אַוועקגיין ווען ער האָט נאָר געוואָלט. סיי ווי סיי, ווען שמואל לייב האָט זיך געניייטיקט אין רעקלאַמע פאַר זיין מלומדות, האָט ער געשיקט יאָסעלען פאַרהערן ביים רב און די לויבערייען זענען געגאַנגען אויף שמואל לייבס חשבון.

אין דער אמתן האָט שוין יאָסעלע געקענט לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות אָן עמעצנס מיטהילף.

איין מאָל אין אַ געוויינטלעכן טאָג שפּאַצירט זיך יאָסעלע ביי דער ווייסל, קוקט אויפן וואַסער, אויפן האָריזאָנט און חלומט זיך דאָרט זיינע מאָדנע חלומות.

נישט ווייט פון וואַסער שטייען צוויי יידן און וואַרטן אויפן סטאַטיק, וואָס גייט קיין וואַרשע. אין דעם ייד מיטן סאַמעטענעם היטל האָט יאָסעלע דערקענט אלעזרן, דעם ליסער רבס אוראייניקל, אָבער ווער איז דער צווייטער מיטן רבנישן קאַפּעליוש ?

— ווער איז דאָס בחורל מיט די לאַנגע פּאות ? — פרעגט דער רב.

— רב אברהמעלעס.

—פאַרוואָס גייסטו נישט אין חדר אריין, בחורל ? — פרעגט דער רב.

— ווייל איך בין דאָ, קען איך נישט זיין דאָרט.

— ביסט א גאַנצער חכם, בחורל. איך קען דיין טאַטן, זאָגט דער רב שוין ביידזלעך.

—איך קען מיין טאַטן בעסער פון דיר.

— זאָל זיין. כ׳זע דו ביסט א ווייסל־מענטש, דאַרפסטו דאָך וויסן ווען דער סטאַטיק וועט אָנקומען ?

— דאַרפסט עס וויסן אזוי ווי איך.

— דהיינו ? — דער רב רוקט אַרויף דעם קאַפּעליוש און דעקט אָפּ אַ שטיק נאַקעטן שטערן.

— דהיינו דערפאַר וואָס רב עבדימא דמן חיפה האָט געזאָגט: זינט עס איז חרוב געוואָרן דאָס בית המקדש, איז אוועקגענומען געוואָרן די נבואה פון די נביאים און געגעבן געוואָרן צו די יונגע קינדער און צו שוטים. אויב איך דאַרף וויסן, ווייל איך בין א קינד, דאַרפסטו עס וויסן אזוי ווי איך...

אין אָוונט, ביי דער וועטשערע, האָט אברהמעלע נישט ארויסגערעדט קיין איינציק וואָרט ביים טיש. אויף זיין פּנים האָט מען באַמערקט רויטלעכע פלעקן. ערשט נאָכן בענטשן האָט ער דערלאַנגט יאָסעלען א פּייערדיקן פּאַטש.

— פּרא־אדם, וואָס נוצט דיין לערנען? אזוי רעדט מען צו אַ רב, א תלמיד חכם? אויף דיר האָב איך געשטעלט אלע מיינע האָפענונגען צו דערהאַלטן אונדזער הויז, וואָס האָט שוין עקזיסטירט אין דער צייט פון רמב״ם ז״ל מיט רב ששת בנבנשתי אין שפּאַניע, ביז צום של״ה הקדוש נאָך וועלכן דו ביסט דער דרייצנטער דור, און מיט דיר ווילסטו אונדזער הויז זאָל איינפאַלן? דעם פּאַטש, וואָס כ׳האָב דיר היינט געגעבן, זאָלסטו קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

קומט אַ מגיד אין שטעטל אַריין

פּאַרט אַרום איבער דער גרויסער וועלט אַ מגיד פון ארץ־ישראל האַלטן דרשות און זאַמלען געלט פאר דער ישיבה עץ־חיים אין צפת. א הדרת פּנים האָט דער ייד, פינקלענדיקע אויגן, אַ בכבודיקע שוואַרץ־ווייסע באָרד און רעדן רעדט ער מיט א „סין״. באַלד דערוויסט ער זיך, אז א יינגל פון אכט יאָר, דאָ אין ווישעגראַד, מאכט א תל פון אלע מגידים. דאָס יינגל האָט א פענאָמענאַלן זכרון. נאָך יעדער דרשה ווארט דער עולם אויף צוגאָב: דאָס יינגל זאָל אַרויף אויפן באַלעמער האלטן א קורצע דרשה — א שענערע.

א סך מגידים זענען שוין אוועק פון שטעטל מיט חולשת־לב.

— נו, וועלן מיר זען וואָס דאָס יינגל קען — האָט דער ארץ־ישראל ייד באוויזן א שמייכל מיט בלאנקנדיקע ציין.

דאָס בית־מדרש, וואָס נעמט אריין בערך דריי הונדערט מענטשן איז היינט פול־איבערפולט. די דרשה פאַרציט זיך שפּעט אין דער נאָכט אַריין מיט תורה און משלים. צווישן די געטאָקטע שניצערייען פון באַלעמער האָט דער מגיד געזען א יינגל מיט גליאיקע אויגן און לאַנגע פאות ביזן האַלדז אַראָפּ, וואָס פארשלינגט אין זיך יעדעס וואָרט.

ער מוז, טראַכט זיך דער מגיד, רעדן היינט לענגער, אויפהאַלטן דעם עולם, נישט לאָזן קיין צייט פאַרן יינגל. ער רעדט נאָך פון די הייליקע ערטער אין ירושלים, פון דער מערת־המכפלה, פון דער שטאָט צפת און האָט זיין דרשה נישט פארענדיקט.

צומאָרגנס הויבט ער אָן זיין דרשה מיט א „משל״:

— אין אייער „סטאָט״ איז פאראַן א יינגל. ווען מען גיט אים ברויט מיט פּוטער, לעקט ער אָפּ די פּוטער און די ברויט ווארפט ער אוועקעט. פרעגט מיך דער יינגל: וואָס טוט איר אויף מיט אייערע „דרסות״, איר זייט דאָך

א גנב, גנבעט פון דעם ספר, פון יענעם ספר, אָבער איר אַליין, וואָס זייט איר „מחדש״? וויל איך דאָס יינגל אָנלערנען בפני עם ועדה מיט א „משל״.

— לאָמיר זען די „ספין״ — זי בויט בגינימלעך ניט ערגער פון א גוטן בוימייסטער, איך מיין אַן אַרכיטעקט. די „ספין״ האָט זיך איר פּלאַן ווי אזוי אריינגעגנאַרן די פליגן און אויסקוועצן די בלוט, וואָס איז ביי דער „ספין״ א גוטער מאכל. קומט אָבער צו גיין א קליינער יינגל, כאַצקל אָדער יאַנקל, רירט אָן מיטן קליינעם פינגערל, ווערט דער גאַנצער בנין אויס.

אַנדערס איז, ליבע יידן, מיט דער בין: זי פליט ארומעט און זסומעט איבער דער רחבותדיקער גרויסער וועלט, גנבעט פון דער פלוים א לעק, פון עפל א סמעק און זי גיט אונדז האָניק צוקער־זיס...

דער נמסל: פון דעם צדיק און פון יענעם גאון — און עס קומט אַרויס אַ „דרסה״ — דברי אלקים חיים!

דאָס יינגל מיט די גליאיקע אויגן איז אויפגעשפּרונגען אויפן טיש מיט א געשריי:

— אָט דער משל איז אויך געגנבעט! דער משל איז פון רב מאירל טיק־טינער!...

דער מגיד האָט מער קיין דרשה אין ווישעגראַד נישט געהאַלטן, ער איז פאַרשוווּנדן מיטן ווינט.

✶

—וואָס וועט זיין פון דיר, פרעגט דער פאָטער מיט ווייטיק, דיינע דרשות זענען דאָך נישט דיינע; נאָכמאַכן איז קיין עובדה נישט. דיין אייגן ליכט וועט נישט לייכטן, אייגענע חידושים נישט מחדש זיין. וואָס וועט פון דיר ווערן, זאָג!

נישט לאַנג נאָכן ארץ־ישראל ייד איז געקומען אין שטאָט אַריין א מגיד, אַ פוילישער ייד, אַ באַרעדעוודיקער, מיט אַ קיילעכדיקן גרויסן קאָפּ, וואָס נייגט זיך צו אלע זייטן, ווי א פענכער אויפן ווינט. דאָס בית מדרש איז געווען פול.

אַ פאַרגעניגן, — נאָך לײדיקע טעג אויסקוקן א מסחרל, פאַרטרייבט מען

די זאָרג מיט אַ וואָרט תורה, חכמה און מוסר. מען פילט זיך געהויבענער, נאַשנדיק א פריילעכן משל, צי א שאַרפן מוסר וואָס פאַרכאַפּט דעם האַלדז ביז טרערן — און ס'ווערט טאַקע גרינגער אויפן האַרץ. דער מגיד, אַ נידעריק מענטשל, וואָס האָט אַרומגענומען דעם עולם מיט זיין בלויען בליק, איז נישט אַרויף אויפן באַלעמער אין מיטן בית־מדרש, ווי דער שטייגער ביי אלע מגי־דים, נאָר ארויף איז ער צום ארון קודש, צו דער לעצטער טרעפּ, א קוש געטון דאָס פּרוכת און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום עולם:

— זייט וויסן, רבותי, כ'בין נישט געקומען גרינגער מאַכן אייער שווער געמיט; עס איז נסתלק געוואָרן דער גאון הרב הכולל רבי אלעזר טרייסטמאַן פון דער שטאָט לאָדזש און קיין טרייסט איז נישטאָ. קלאָגט־זשע עדה יידן, באַוויינט מיט מיר צוזאַמען די גרויסע אבידה, דעם טיפן צער און אבילות.

— הערט איר די טראָפּנס רעגן וואָס פאַלן? — דאָס זענען טרערן פון אונדזער צער און ווייטיק. זעט איר די שוואַרצקייט פון הימל? — דאָס איז דאָך אונדזער קלאָג.

— קלאָגט־זשע מיט מיר אלע אין איינעם אויף דער גרויסער בראָך! אַוועק איז אונדזער קרוין, אָפּגעטון איז פון אונדז דאָס גרויסע ליכט.

— וויינט יידן, לאָמיר וויינען צוזאַמען דאָס גרויסע געוויין, געווען א צדיק — איז ער צוגענומען געוואָרן, געווען — און ער איז נישטאָ מער. צוריקגעקערט האָט ער צו חיי עולמים, און מיר אַלע זענען פאַריתומט.

דאָס בית מדרש איז פול געוואָרן מיט האַרצרייסנדיק געוויין.

— אַ קליין קעפּעלע האָט געהאַט דער גאון, נישט גרעסער פון א תפילין־זעקעלע און דאָס קליינע קעפּעלע האָט אַנטהאַלטן אין זיך די גאַנצע תורה — טיפער פון אַלע ימים, העכער פון אַלע הימלען. קלאָגט און יאָמערט נאָך אונדזער רבין, דעם גרויסן צדיק יסוד עולם!

שוין לאַנג ווי די ווישעגראַדער עדה האָט נישט געוויינט אַזאַ ביטער גע־וויין, אויסגיסנדיק איר ביטער, צעבראָכן האַרץ. צום ערשטן מאָל נאָך לאַנ־גע חדשים האָט פּאַסירט, וואָס קיינער האָט נישט געוואַרט אויפן יינגלס נאָך־דרשה; אַוועק איז דאָס יינגל דער ערשטער מיט פולע, הייסע טרערן.

קאפיטל פיר און צוואנציק

צוויי רבנישע אייניקלעך

מאַכעלע סיבירניק, וועמענס פאָטער ד'אָדע פעלדשער איז פאַרשיקט גע־וואָרן קיין סיביר צוליב גניבה, איז אויסגעוואַקסן ווילד און שטעכיק — אַ דאָרן אין מדבר.

די שטאָט האָט פאַר אים געציטערט; זיין באַנדע „ווייסע חברה" האָט גע־שאַלטעוועט פראַנק און פריי. נאָר איינער האָט זיך געפונען, וואָס האָט קיין מורא נישט געהאַט — יאָסעלע דעם שוחטס.

ווידער אמאָל האָט ר' אברהמעלע זיך געפרעגט ווען זיין צען־יעריק ייִנגל וועט ענדלעך גובר זיין דעם שלעכטן יצר און זיך סטאַטקעווען.

ווי אַמאָל, ווען יאָסעלע האָט געלערנט ביים מלמד ר' יוסף אגדות, וואָס ציען ביים האַרץ, ציט אים היינט צו רויער, פיזישער קראַפט, זיינע הענט —שטאָלענע פרענטן, און עסן עסט ער ווי אין אַ זאַק אַריין: עס וועט אַמאָל צונוץ קומען.

זיין עלטערזיידע, רבי חיים לייב קאַלושינער, האָט ביי זיינע אכצן יאָר געגעסן נאָר אויף צו דערהאַלטן דאָס חיות. אבי נישט צו האָבן הנאה פון עסן, פלעגט ער צעשניידן דאָס ברויט אויף קליינע שטיקלעך, אַראָפּצושלינגען און נישט אָנצורירן עס מיטן גומען. א הויכער איז ער געווען און כסדר געוואָרן דאַרער. ווען מ'האָט אים פאַרקלאָגט פאַרן פשיסכער האָט דער רבי אים גע־רופן צו זיך און געזאָגט:

— וחי בהם, מיינט טאַקע מיט אַלע טעמים און גוטסקייטן אויף פאַרן גומען. דער הייליקער בעש"ט האָט נישט געהאַלטן פון סיגוף. מיט דיין פי־רעכץ, יונגערמאַן, ביסטו עובר אויפן ושמרתם את נפשותיכם.

זיין אוראייניקל, וואָס קיינער ווייסט נישט וואָס פון אים וועט ווערן, האָט מען נישט געדאַרפט שלעפן צו א גוטן ייִד... דאָס גאַנצע לעבן זיינס —

טראַכט אברהמעלע — האַלט דער מענטש אין ווערן, ער גייט פאָרויס אָדער... צוריק. ער שטייט נישט אויף קיין אָרט, דערגייט אָבער קיינמאָל נישט צו שלימות.

★

ביי מאַכעלע סיבירניק איז פיזישע גבורה די העכסטע שלימות. אויפן לאַנגן וועג צו דער ווייסל האָט זיך אויפגעהויבן א ווילד געשריי, לויפן אַהין מענטשן און שטעלן זיך אויס אין אַ ראָד. דער לאַנגער סטאַשעק ליגט א צעקאַליעטשעטער אויפן ברוק און יאָסעלע דעם שוחטס שטייט איבער אים:

— דאָ כאָליערי יאָסנעי!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שגץ האָט אָנגעהויבן דאָס געשלעג מיטן זידלוואָרט: ב י י ל י ס.

א געשלעג פון גלית און דוד. גלית, טאָפּלט העכער און טאָפּלט עלטער שיקט זיינע לאַנגע ידים אין דער לופטן, דרייט מיט זיי ווי פליגל פון א וויאַטראַק. יאָסעלען איז געלונגען פלינק אונטערצושפּרינגען, געבן א זבענק אין בויך אריין און אַ טראַסק געטון דעם כאַמויל צו דער ערד.

דער סטראַזשניק האָט זיך אָפּגעשטעלט א צופרידענער. זיין גרינער „אוביאָר” האָט געגלאַנצט אין דער זון. באַלד האָט ער אַ דריי געטון זיינע וואָנסעס און באַפוילן מיט זיין אַרויסשטאַרצנדיקן צאָן:

— זאָלן זיי זיך ממיתן, די סוואָלאַטשעס, זאָל קיינער זיך נישט אריינמישן!

יאָסעלע, אויסנוצנדיק די איינציקע רגע, האָט געטון א צווייטן שפּרונג אין דער לופטן און דאָס מאָל אומגעוואָרפן דעם באַלוואַן אויף די שטיינער:

— שריי, מאַצאָך, וועל איך דיינע שטינקנדיקע געדערעם נישט אויס־טרייבערן!

געהאַלטן האָט ער זיין פעסטן פוס אויף גליתעס ברוסט ביז יענער האָט נאָכגעגעבן.

— וואָט טשטאָ! — האָט דער סטראַזשניק זיך פאָסמאַקעוועט און פאַר־טריבן דעם אָנגעלויף.

פון דעמלט אָן האָט מען געהאַלטן יאָסעלען פאַר אַ גיבור און מאַכעלע

סיבירניק איז געווען דער ערשטער אָנצוביטן אים זיין דינסט און געטריי־שאַפט.

פון דער צווייטער זייט, האָט יאָסעלע ארויסגעוויזן די גרויסע מעלה פון רחמנות. האָט ער געטראָפן א פרעמדן מאַן אין שטאָט האָט ער גלייך ביים שלום געבן געפרעגט:

— געגעסן האָט איר, רב ייד?

דער כוללות־גבאי, ר׳ יאָסקעלע, דוד וויטעלזאָנס איידעם האָט איינגע־שפּאַנט יאָסעלען צו דער אַרבעט. יעדן פרייטיק פלעגט ער קלייבן געלט פאַר חשובע אָרעמע לייט וואָס קענען נישט גיין איבער די טירן. יאָסעלע האָט עס געטון מיט שמחה.

✶

קיינער האָט נישט באַמערקט אין דעם לאַנגן, הייסן פרייטיק, ווי די ראָזע פלעקן איבערן שלאָסבאַרג טונקלען שוין, העגנען הילפלאָז אונטערן בלייע־נעם הימל, ווי פאַרביקע שפּעטזומער־פליגן אין שפּינוועבס.

יאָסעלע דעם שוחטס גייט אַרום איבערן שטעטל צונויפנעמען כוללות־געלט, ווי יעדן פרייטיק; ער שאַנעוועט קיינעם נישט, איז מיט אַלע אויף דו, ווי מיט זיין מאַמען און מיטן רבונו של עולם.

ביים קאַרגן שמעלקע אין צעלניק־געוועלבל, טראָגט מען יאָסעלען אנט־קעגן דעם זעקסער ביי דער טיר, ער זאָל אַוועק וואָס שנעלער. אנומלט האָט יאָסעלע געלאָזט אַוועקרייסן די טרעפ פונעם געוועלבל און דער קאַרגער שמעלקע האָט געמוזט באַצאָלן אַ גילדן קנס.

דער פרומער משה יעקב וואָלפס האָט יאָסעלען געלאָזט וואַרטן אין זיין שניטקראָם. זעט יאָסעלע ווי אַ יונגע גויע רייסט איר הענטל פון דעם חסידס באַהאָרטער האַנט: וויל נישט איינקלאַפּן אויפן מקח. דער חסיד קווענקלט זיך אַ פאַרווירטער, קראַצט זיין צעפלאַשעטע באָרד מיט דער צווייטער האַנט, גלעט נאָך אַמאָל דאָס קליינע הענטל. זיינע אויגן בלישטשען ווי ביי אַ וואָלף:

— דאַיטשע יעשטשע גראָש אי יוזש!

אין יאָסעלען פאַרגייט דאָס האַרץ:

— יעקב, געוואַלד! די האַנט פון אַן ערלטע איז ביי דיר אַ שפּילעכל?

— דרך־ארץ, שייגאַץ איינער! — טופּעט יעקב משה וואָלפּס, צוואַרפּנדיק אים אַ זעקסער. דער זעקסער קאָלערט זיך אַרונטער דעם טומבאַנק און יאָסע־לע רירט זיך נישט פון אָרט:

— פאַר אַזאַ עבירה איז כדאַי אַ גילדן, משה יעקב וואָלפּס; זאָלן אָרעמע לייט אויך געניסן...

— און אַז נישט — צעקרומט זיך דער בעל־בית מיט אויפגעהויבענע הענט — אַרויס פון דאַנען!

— און אַז נישט — קרימט אים יאָסעלע נאָך — פאַרשווינדן דיינע הויכע טרעפּ ביזן שבת אַריין...

דער גילדן האָט ענדלעך אויסגעלייזט אים פון היזק און בזיון. נאָר יאָסעלע איז אהיימגעקומען א פאַרשפּעטיקטער.

✶

די זון זעצט זיך, דאָס גייעס איז געוואָרן שיטערער. שוין גרייט זיך איציק שמש מיט זיין כריפּ אויסצורופן: — ציינץ לעכט!

יידישע שטיבער ווערן כאַפּ־לאַפּ אויפגערוימט: זאַמד איבער די פּאָדלאָ־געס, טעפּ איבער פּייערקעס. אין דעם עפּנט זיך ברייט דעם שוחטס טיר און ס׳קוליעוועט אַריין א פרעמדער מיט אַ וואָלענעם שאַליק אַרום דעם האַלדז; אַ שווערן קלומיק ריטשט ער נאָך זיך:

— כ׳ברויך צו יאָסלען, דעם גבאי, איז ער דאָ?

— רב יאָסקעלע איז דער גבאי, דוד וויטלזאָנס איידעם — ענטפערט פאַרוווּנדערט דער שוחט.

— כ׳ברויך צו יאָסעלען, האָב איך געזאָגט, יאָסעלע דעם שוחטס! איבער אַלע שטעקעס רעדט זיך פון אַזאַ איינעם, א מזג טוב! — היקעט דער פרעמ־דער מיט חוצפּה אין טאָן.

דערזעענדיק יאָסעלען, פאַרקוועטשט ער פרום די אויגן אין שטילן מורמל:

— א נצרך, לא עליכם, און קראַנק בין איך אויכעט! קנופּן ביי מיר אין די אָדערן, קען איך נישט גיין אויף די פיס. דאָס קאַטשקע־פּיסל איינגעבונדן אין דער אַניצע העלפט נישט. עמי־הארצים! סגולות פאַרקויפן זיי וואָס העלפן

נישט... גענאַרן אויס געלט ביי אָרעמע לייט, אָן שום מורא פאַרן הימל...
שווינדלערס מיט צעפּאַטלטע בערד און פאַרגלאָצטע אויגן!

יאָסעלען ווערט אַנגסטיק:

— וואָס ווילט איר פון מיר?

— וואָס איך וויל, פרעגסטו? דערוועגן בין איך דאָך געקומען! קויף
אָפּ מיינע נדבות פון היגן שטעטל, וועל איך נישט ברויכן גיין אין די הייזער.

— וועגן דעם מוזט איר גיין צום גבאי. איילט זיך, באַלד איז שבת.

— הערסט אַ מעשה, אז איך קאָן נישט גיין, וויאַזוי זאָל איך איילן? ביי
מיר ביסט דו דער גבאי!

— העלפט אַ בנן של קדושים, בעט ער שטילער מיט פארגלייזטע אויגן
אונטערן דאַשיק, אויב מיין זיידע וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט איך נישט באַ־
דאַרפט אָפּריכטן אַזאַ ביטערן גלות.

דער ייד צעהעשעט זיך, רייבט די אויגן מיטן וואָלענעם שאַליק און זעצט
זיך אַנידער מיט אַ שטייפן פוס ווייט אויסגעשטרעקט. פּלוצלינג כאַפּט ער
זיך אויף, די פויסטן אָנגעלענט אויפן טיש און ציטערט פון קעלט:

— פאַרוואָס האָלטסטו מיך אויף, בחורל? כ׳בין אַ קפדן — אַ בייזער בין
איך. דאָס גאַנצע אומגליק איז מיר געקומען דערפון. אַ בחור פרעגט אין
לערנען, פאַרטייטש איך. פאַרשטייט ער נישט און ער שפּעט נאָך. דעם פּאַטש
וואָס כ׳האָב דערלאַנגט איז געפאַלן אויפן אויער און נישט אויף דער באַק.
טויב געוואָרן אויפן אָרט. איך האָב געמוזט אַוועק אין דער וועלט אַריין. אַך,
וואָלט מיין הייליקער זיידע געלעבט...

— אייער זיידע, אַ הייליקער? פון ווו?

— שייך פון ווו? ווו ס׳איז פאַראַן אַ יש, איז ווו. וויפל צאָלסטו פאַר
מיינע נדבות?

— מחוץ לחשבון האָב איך היינט אַ גילדן קנס — ווילט איר?

— לאַנג לעבן קערסטו, אין זכות פון מיין זיידן, דעם מאָהילעווער, —
האָט דער אורח אַ פּרעפל געטון און פאַרשווונדן אַזוי שנעל ווי דער בליאַסק
פונעם זילבערשטיק.

שבת־צו־נאַכט, ביים גבאי, האָט יאָסעלע געמוזט זיך רעכט־פאַרטיקן:

— אַן אייניקל פון מאַהילעווער צדיק, פאַרקויפט זיינע נדבות פאַר אַ שיבוש.

— וועַר צדיק? וואָס נדבות? — איז דער גבאי געוואָרן אויסער זיך.

— א שלעפער, געקומען אַ פערטל שעה פאַר ליכט־בענטשן און אויסגענאַרט אויך ביי מיר אַ גילדן. באשר — אַן אייניקל פון עפּעס אַ נפטר... פעלן נפטרים אויף דער וועלט?

✶

אין גערער שטיבל ביי בלומע חיהן האָבן געברענט ליכט דעם גאַנצן שבת־צו־נאַכט, געזוכט האָט דער אורח זיין שווערן קלומיק, געוויינט אויפן קול ביז איינדערפרי. ביים ערשטן מנין קלאַפּט ער מיטן קאָפּ אינעם שולחן:

— יידן, בני רחמנים, גאָלד און בריליאַנטן אין מיין זאַק: כתבים וואָס מוזן נתגלה ווערן האָט מען מיר צוגעגנבעט; כ׳וועל נישט אויסהאַלטן, כ׳וועל זיך, חלילה, אַ מעשה אָנטון!

— נאָר דיין יאָסעלע איז פּעיִק צו אַזעלכע שטיק — האָט מאירל ראדא איינגעטענהט מיט אברהמעלע שוחט. — נאָר ער האָט די טאָרבע באַהאַלטן. א צער צוצוקוקן.

יאָסעלע האָט זיך איינגעשפּאַרט:

— ווערדליק ר׳ יאָסקעלען איז ער אַ רמאי. זאָל ער אָפּגעבן דעם אויסגע־נאַרטן גילדן!

— האָסטו שוין פאַרגעסן וואָס רבי הקדוש האָט געזאָגט: לאָמיר דאַנקען די גענאַרער, אַן זיי וואָלטן מיר נישט יוצא געוועזן מיט צדקה?

— גיי, גיב אים צוריק זיינע זאַכן, כ׳בין גוזר!

לאָמיר דאַנקען די אָפּנאַרער... דערמאָנט זיך יאָסעלע פון דעם שלעפער, דאָס פאַלשע אייניקל, היינט ווען ס׳איז שוין דאָ אַן אַנדער אייניקל אין שטאָט — דעם טריסקערס.

✶

דעם טריסקער מגידס אייניקל איז אַליין אַ רבי, טראַכט יאָסעלע ביים פאַרהערט ווערן. פאַר אים שטייט אַן אַלטער מאַן, אַ הויכער, מיט אַ זילבער־

נער באָרד און רויט־אַרומגעליאַמעוועטע אויגן. זיין קול קומט פון דער הייך אַראָפּ:

— אַז צוויי יידן געפינען אַ קלייד — יחלוקו, מוזן זיי זיך טיילן. דאָס איז אונדזער יידישער וועג פון יושר. טאָרסט נישט מיינען אז דיין בלוט איז רויטער... אויך דעם אָרעמאַן וואָס שלעפט זיך איבער די הייזער טאָרסטו נישט מבייש זיין. פאַר אַ זילבער־מינץ פאַרגיסן זיין בלוט און טרערן.

יאָסעלע איז געשטאַנען אַ צעפלאָמטער פון בושה און חרטה:

—פונוואַנעט ווייסט ער פון יענעם שלעפער, דאָס פאַלשע אייניקל ? ווער האָט אים איבערגעגעבן וועגן אויסגענאַרטן גילדן ?...

שבת,ביים טישפירן אין גערער שטיבל, האָט מען קינדער נישט צוגעלאָזט. צו שלוש־סעודות, ווען אין פאָדערהויז פון שטיבל איז געווען שטאַרק פינצטער, זענען חסידים דאָרט געפאַלן, געניזוקט געוואָרן און געהערט האָבן זיי דערביי אַ פייפעריי און כיכיקעניש ווי פון נישט־גוטע.

ביי די טישן האָבן חסידים זיך געשושקעט פון מוראדיקע נפילות.

— מ׳דאַרף איבערקוקן די מזוזות! האָט אַ זאָג געטון בערל בנימינס.

— פאַראיינוועגס אויך די ספרי־תורה — האָט צוגעגעבן דער אַלטער מיכאל שמעון מיט אַ קרעכץ.

אָבער פייוויש יאָסקע האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע:

— אַלץ איז געווענדט אָן דעם נייעם מולד... שטרויכלונגען אין די קניען, טונקלקייט אין די אויגן...

דערווייל האָט קליינוואַרג זיך אַרונטערגעכאַפּט אונטערן גרויסן טיש, יאָסעלען איז אויסגעפאַלן פּראַווען תורה מיט זיינע חברים אונטן ביים רבינס צופוסנס, ווי דער רבי מיטן עולם אויבן.

הויך האָט דער רבי געזאָגט תורה און די טישזיצער האָבן געקאָפּעט מיט די שטיוול דער קליינער חברה אונטערן טיש; ביי יעדן וואָרט האָט דער רבי איבערגעריסן מיט אַ בלחשדיקן קרעכץ: נו, אַך... און ווייטער ממשיך געווען.

— במתנת חלקו — אויך דער אָרעמסטער חלק איז אַ מתנה פון הימל. דעריבער שיקט זיך נישט מתרעם צו זיין.

פון אונטערן טיש האָבן אָפּגעקלונגען דעם רבינס הייליקע רייד ווי אין ווידערקול: שיקט זיך נישט מתרעם צו זיין...

— חלקו — זיין חלק, וואָס איינעם איז צוגעטיילט אין פרנסה און געזונט, אָבער נישט אין תורה. דער חלק אלוקי — די נשמה וואָס דעם מענטשן איז געגעבן, קומט ממעל — אלץ העכער און העכער...

אַ דין שטימעלע צעציטערט זיך אינעם עכא:

— ווי, ווי, אַלץ העכער און העכער...

— די קינדער שטערן! — קלאָגט זיך אין דער שטיל משה יעקב וואָלפּס.

— ששש...

און דער רבי זאָגט תורה, דערגייט צו די טיפע סודות פון יעדעס וואָרט, פון איטלעכן אות. זיין קול ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנגאָניק קרעכצן, אַ מאָל, ווי אַ פליט פון ערגעץ ווייט. די פינצטערניש שטייט פאַר די אויגן ווי אַ וואַנט, ווער עס קען קוקט נאָר אין זיך אַריין, דער וואָס קען...

★

נאָך דער הבדלה האָט דער רבי צוגערופן דעם קליינעם נאָכמאָכער:

— פאַרוואָס מאַכסטו נאָך? אַליין וואָס קענסטו?

יאָסעלע האָט זיך נישט פאַרלוירן:

— רבי, די גמרא זאָגט: דער מענטש וואָס מאַכט נאָך אַ בלינדן, אַ שטומען צי אַ הינקעוודיקן, גייט נישט פריער אַוועק פון דער וועלט, ביז ער ווערט אַליין אַזוי.

— אַזוי? חידושט זיך דער רבי — פאַרוואָס דווקא אַ רבין און נישט אַ קאַליקע?

— איך וויל האָבן די זכיה צו זיין אַ רבי אַזוי ווי דו — ענטפערט דאָס יינגל דרייסט.

דער רבי האָט אויפגעציטערט, זיך אַ שטעל געטון אויף די פיס:

— נישט מיט זכות ווערט מען רבי, נאָר מיט ארבעט און עבודת־הבורא. ווער קאָן פאַר דיר ממליץ זיין? צו פרי האָסטו אַריינגעקוקט אין דיין טאַטנס קבלה־ספרים, אין דיין מוח וואָגלען אַרום אותיות אָן אַ צירוף, אָן אַ זין. האָסט מבייש געווען אַ פרעמדן בעטלער — ווייסטו דען ווער ער איז געווען? אפשר איז ער געקומען דיך פּרוּוון און דו האָסט דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן? דעם זין פון זיינע רייד און מעשים נישט פאַרשטאַנען?

— האָסט אַ ניצוץ פון אַ חסיד מיט אַן אָפּן האַרץ, וואָס וועט דיך שטענ־דיק וואַרעמען, אָבער נישט לייכטן פאַר אַנדערע. אָנציען גאַרטלען פון איין וואַנט צו דער אַנדערער, אין דעם פינצטערן פעדערהייזל פון שטיבל און מיט יעדן שטראַמיקן צי, מאַכן עמעצן פאַלן — איז קיין דרך נישט. דו אַליין ביסט געפאַלן דער ערשטער...

מיט קאָכיקע טרערן אין די אויגן, האָט יאָסעלע זיך צעוויינט, דאָס געוויין — שטיל, אַזוי שטיל, ווי דאָס וואָרקן פון אַ פאַרווונדעטער טויב, ווי דאָס וויייטיקלעכע זשומען פון אַ ביִן, וואָס האָט געשטאָכן און דערמיט זיך אַליין פאַרלוירן...

קאפיטל פינף און צוואַנציק

אַ נאַכט אין שול

האַרבסט־שקיעה. דער באַרג פּאַזע ווייסל און דאָס שטעטל אויפן באַרג לייכטן ווי בורשטין. די אַלטע פעסטונג־שול, צווישן די שענסטע אין פּוילן, שימערירט מיט אירע צעפינקלטע שויבן אין גרעלן דעמער, ווי באַוועגלעכע ציטער־בילדער.

די זון וויל נישט פאַרגיין. אַ צעבלוטיקטע ראַנגלט זי זיך מיט די ביימער־שפּיצן, פאַלט צו די נידעריקע קזשאַקעס אַרונטער, צאַנקט, צעפלאַקערט זיך ווידער אַמאָל און טיקט זיך אונטער אין רויטן שלאַם — איבערדאַנק.

אין שיינקייט און אין טרויער גייט אָפּ דער טאָג. שוין ווייזט זיך אַ שטער־נדל, ווינקט אַרונטער בלייך און שאַטנדיק...

דער אַלטער לייב פּיפּקע פאַרענדיקט זיין מעשה נורא, ווי אַזוי מתים האָבן אים אויפגערופן צו עליה אין שול אום האַלבער נאַכט. ער פּיפּקעט:

— געלאַסן גיי איך מיר אַהיים דורכן שולפּלאַץ, נישט געוווּסט אַז ס׳איז שוין חצות. מיט אַ מאָל דערהער איך אַ קול ווי אַ ווינט וואָלט געוויינט: ר׳ אריה לייב, ביסט מכובד עולה לתורה זיין! דאָס האַרץ נעמט קלאַפּן, כ׳זע רעדער פאַר די אויגן, כ׳וויל אַנטלויפן און קען נישט. דאָס כריפּיקע קול יאָגט מיך נאָך, אַ ווייסקייט פלאַטערט אַרום מיר:

— ביסט אויפגערופן צו אַן עליה, אריה לייב; קום אין שול אַריין!

איך פיל ווי קאַלטע פינגער נעמען מיך אָן פאַר די אַקסלען, פאַרבינדן מיר די אויגן, פירן מיך אין שול אַריין צום באַלעמער אַרויף. אַרויסגעפירט בין איך געוואָרן הינטער זיך; כ׳געדענק נישט ווי אַזוי כ׳בין אַהיימגעקומען. די גאַנצע נאַכט זיך געראַנגלט אין שרעק, נישט צוגעטון קיין אויג. געהערט האָב איך אָן אויפהער דאָס שאָרשן פון די מתים אַרום מיר.

— אַ ליגן, פּיפּקע — פּלאַצט אַרויס יודאַ לאָזער דער אַפּיקורס — מתים

שאַרשן נישט, גייען נישט און פירן נישט.

ס׳ווערט אומהיימלעך, מען נעמט זיך קריגן, ביז דער עולם גייט צוריק אין שול אַריין צו מעריב.

✶

צוויי יונגע בחורימלעך, איינער פון צען, דער אַנדערער פון צוועלף יאָר פאַרהאַלטן זיך אין פאָליש: שיעלע משה הדסעס מיטן פירוש משניות להרמב״ם אונטער דער פאָלע און יאָסעלע דעם שוחטס, דער ייִנגערער, מיט פולע קעשענעס סטעאַרין־ליכט.

ביידע — געצייגט צו חקירה. אין שטעטל האַלט מען זיי פאַר קאָליע געוואָרענע, מען לאָזט פון זיי קיין אויג נישט אַראָפּ.

אין פאָליש איז פינצטער. אַ ווינט קלאַפּט אין דער אָפענער לונעטע צו דער ווייבערשול, יעדע רגע אַ פאַרזשאַווערט־הייזעריקן קלאַפּ.

— איז עס טאַקע אַ ווינט? — פרעגט זיך יאָסעלע אַ דערשראָקענער; ער פאַרשטעקט זיך אונטערן טהרה־ברעט אָנגעלענט צו דער וואַנט. יאָסעלען האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז ס׳קען זיין ער, יאָסעלע, איז טויט, נאָר דער געדאַנק לעבט נאָך אין אים. שרייען קען ער נישט, ריִרן זיך פון אָרט אויך נישט; ער הערט אָבער יעדן קלענסטן שאָרך. די מעשה נורא פון לייב פיפקע גייט אים נישט אַרויס פון רעיון, ער געדענקט די פולע קעשענעס מיט ליכט און מיט אַ מאָל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט...

— נישטאָ מער קיינער? — הערט ער פּלוצלינג דאָס הייזעריקע כריפּען פון איציק שמש. „נישטאָ מער קיינער?״ טוט דריי מאָל אויסשרייען דער שמש איידער ער פאַרמאַכט אויף איבערנאַכט די שול. דריי מאָל שלאָגט אָפּ זיין אַסטמאַטיש כאָרכלען אינעם עכאָ און ווערט צעבראַזגעט אויף פּיץ־פּיץ־לעך. דער לעצטער אָפּהילך פאַרהאַלט זיך לענגער, פליט אַרויס פון ערגעץ אַ הייל — ווי אַ בייזער שריי פון אַ קראַנקן פויגל:

— נישטאָ מער קיינער?

מיט זיבן טרעפּ אַראָפּצונידערן לאָזן זיך אונדזערע באַהאַלטענע אין שול אַריין. מיט אָנגעצונדענע ליכט פאַרקלייבן זיי זיך אונטערן רעכטן גאַניק פון איינגאַנג, וווּ עס שטייען די פיינגעשניצטע דעמבענע בענק, פול מיט חופּה־

טיכער, שטאַנגען, טראָלדן און זילבערגלעקלעך. פאַר היימלעכקייט וועגן פאַרציִען זיי די חופה איבער די קעפּ, צינדן אָן אַלע ליכטער אַרום דעם גרויסן דריישטענדער. זייער באַגער צו קענען געניסן פון רמב״מ׳ס ליכטקוואַל ווערט ענדלעך דערגרייכט.

★

„ודע, און וויסן זאָלסטו זיין, אַזוי ווי עס באַגרייפט נישט דער בלינדער קיין פאַרבן און דער טויבער קיין קלאַנגען, אַזוי אויך קען קיין עונג רוחני נישט דערגיין צום חומר״.

„אַזוי ווי די פיש וויסן נישט פון פייער, וועדליק זייער וועזן איז אין וואַסער — אַזוי וויסן מיר נישט פונעם גייסטיקן תענוג־נפש; מחמת אויפן עולם השפל איז יעדער תענוג אַ זינלעכער. העכערע תענוגים באַגרייפן מיר ערשט נאָך אַ טיפן נאָכדענקען. אַזוי שיקט זיך עס צו זיין״.

★

אַוועק זענען שעהן. פאַרגעסן האָבן אונדזערע מתמידים אַז זיי געפינען זיך אַרום האַלבער נאַכט פאַרשלאָסענע אין דער שול, איבער זייערע קעפּ איז אַ חופה פאַרשפּרייט און עס ברענען ליכט אַזוי פיל...

שיִעלע איז מיד. — שכל הפועל, רייבט ער דעם שטערן און פילט אַ ליידיקייט אין מוח... שכלים נבדלים... גלגולים... עילת העילות — ווערטער, וואָס ער באַגרייפט נישט מער זייער זין, הילכן אָפּ אין דער הויכער שול טרויעריקע, פאַרלוירענע. ווי פאַרבלאָנדזשעטע קלאַפּן זיי זיך אָן אין די קופּאָלן און געוועלבן, נישעס און היילן, אין שטיקער אַלטע מצבות אונטערן באַלעמער, אין די אָפענע שלונגען פון די צוויי געגילדעטע לייבן ביים ארון־קודש וואָס פלעגן אין וויטן אַמאָל ברומען אימהדיק, ווי לעבעדיקע, — אומעטום זוכן זיי תיקון.

עס שמעלצן זיך די ליכט און צעגייען. איז אַ ווינט געקומען? פאָכען פליגל דאָ אַרום?

דאַכט זיך: ביי די כרובים, אויבן, ראַיען שאָטנס... אַ פייגעלע פליט פון

איין וואַנט צו דער צווייטער און דער שאַרף פונעם פלי פאַרהאַלט זיך איבער די ביימער פונעם „על נהרות״־געמעל...

הויך, העכער פון פליושענעם פרוכת מיט פראַנזן, ביי דער גאָלדענער קרוין, שטייט דער נר־תמיד, צוויי איילן די הייך. אויפן אָרט פון פלאַם — אַן עפענונג אין דער דיקער מויער צום דרויסן: ביי טאָג ברענט דאָרט די זון, ביינאַכט שיינט אַריין די לבנה — און בלאָס איז איר ליכט...

אויף דער מערב־וואַנט, איבער דעם אַריינגאַנג — דער מלאך המות, אַ לייב אין געשטאַלט פון א מענטשן. אין דער פאַדערשטער לאַפּע, דער רעכטער, האַלט ער אַ סערפּ און די אויגן זיינע — פחדים: וועסט פון זיי נישט אַנטרינען...

דעם צוועלפיאַריקן שיעלע, מיטן קאַלטן שכל פאַרטיפט אין פירוש המשניות, באַפאַלט אַ גרויסע שרעק. מיט פאַרמאַכטע אויגן זעט ער אָקאָרשט ווי די שול איז אָנגעפּראָפט מיט מתים. אַלע זענען זיי איינגעהילט אין טלי־תים, זיי שאָקלען זיך צום מזרח און זייער רויש איז ווי פון ווערבעס אין ווינט... ערשט איצט דערזעט שיעלע די חופה איבער זיין קאָפּ — און פינצ־טער איז אַרום.

וואָס טוט ער אין שול אום האַלבער נאַכט?

פון דער דרום־וואַנט — נישט ווייט פון דער מויער־עפענונג צו דער ווײַ־בער שול — בלאַנקט אַ מעסער אין אברהם אבינוס האַנט, דאָס מעסער פון דער עקידה... אַן אויג קוקט אויף אים, שיעלען, אַן אויג וואָס נישטערט און פאָרשט, אַן אויג וואָס בליקט פון תהום אַרויס און שרעקט...

★

שוין לאַנג איז דאָס ליכט פאַרשוווּנדן.

וואָך איז יאָסעלע דעם שוחטס. זיין געמיט איז איינגעשטילט ווי אַ סטרונע־ציטער נאָכן לעצטן אַקאָרד. שיעלעס קאָשמאַרן אין דער פינצטער־ניש שרעקן אים נישט מער.

איבער זיינע וויעס הענגט אַ טרער, אַ לויטערע טרער פון זיין געוויין. דורך דער טרער וועט ער זען שפּעטער דעם אויפברוך פון טאָג און די ליכ־טיקע זון אין ווייס פייער. אויפשלאָגן וועט אַ קוואַל אין האַרץ, ווי אַ פויסט

די גרייס, און גרעסער וועט ער זיין פון דער וועלט דער גאַנצער. זיין אור־זיידע דער מקובל רבי ששת בנבנשתי, צייט־חבר פון רמב״ם, וועט אים עפענען דעם קוואַל פון הארץ, ווו עס פליסט התעוררות און תשובה.

דעמלט קען אַ טרער, איין איינציקע טרער, מאַכן אויפציטערן און אויפלעבן דאָס לעבן פון מענטש צו לויטער גוטסקייט און זעלישער פרייד.

דין שלענגלט זיך זיין ציטעריק קול, ווען ער דערמאָנט דעם זוהר און ער שטאַרקט זיך דערמיט:

„קום און זע וויפל ביטערנישן און אַנגסטיקע פלאָגן קומען אָן אויף דעם מענטשן, ביז ער דערגרייכט שוין וואָס ער דערגרייכט" — עגבערט יאָסעלעס ווייגענדיק שטילינק קול די דיקע ווענט פון דער שול — שפּאַרט צו דער ווייסל — דעם פאַרטאָג אַנטקעגן. „און נון, אַז ווויל צום בר־נש וואָס איז זוכה צו פרייד און דערזעט מיט פרייד דאָס ליכט פון די וועלטן. זיין נשמה ווערט דערהויבן פון עליה צו עליה, צו חיי עילאין און אייביקן פאַרגעניגן"...

און יאָסעלע וויגט זיך איין ווי אין אַ זיסן שלאָף — פון עליה צו עליה, צו חיי עילאין...

*

אויפן הימל איבער דער ווייסל וויזט זיך א גרינלעכער שטרייף, פאַרשטעלט פון אַ טונקעלער כמארע — אַ שעפּס די גרייס.

יאָסקעלע וואַסערטרעגער פירט די ערשטע קובלעס וואַסער, אַנגעהאַנגען אויף סאַנדעס איבער זיינע געהאַרטעוועטע אַקסלען אין שטאָט אַריין.

אַזוי שלעפּט ער זיך מיט זיינע קובלעס באַרג־אַרויף אין שטעטל אַריין, טראָט אין טראָט. פון די עמערס שפּרינגען פּערעלעך איבערן ברוק.

פּלוצלינג פאַרנעמט ער פון דער ווייטנס אַ געוויין; ער האָרכט זיך איין, דאָס געוויין קומט פון שולפּלאַץ. ער שטעלט אָפּ זיין שלאַבעריקן טראָט, נייגט זיין אויער נאָך שאַרפער: ס'איז אַ שטיל געוויין, שטיל ווי דער שאָרך פון גרעזל אונטער אַ טראָפּנדל טוי...

*

אין יענעם באַגין האָט מען אויף דעם לאַנגן וועג נישט ווייט פון שול געפונען יאָסקעלען דעם וואַסערטרעגער אַ פאַרחלשטן. אַרום זיינע ליידיקע

עמערס האָבן נאָך טראָפּנדלעך זון געשימערט און דאָס גאַנצע שטעטל האָט שוין געוווּסט, אַז מתים האָבן יאָסקעלען צו עליה אויפגערופן...

די שול האָט מען געעפנט מיט פאַרשפּעטיקונג. איציק שמש האָט געוויינט אַ הויך, האַרצרייסנדיק געוויין. דריי מאָל האָט ער אָנגעקלאַפּט מיטן שליסל אָן דער טיר און געשריגן מיט זיין אַסטמאַטיש און געהאַריש קול:

— מתים, גייט אין אייער רו אַריין!

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

וואָס קען אַ מענטש וויסן?

הום... נאָך אַ שוועלבל, דאָס ניינטע אין אונדזער אָרעמער נעסט — ברומט דער פאָטער נאָכן אַריינשרייבן די דאַטע און נאָמען פון ניי געבוי־רענעם קינד, הענעלע תחי׳.

אָבער באַלד קוקט ער זיך אַרום דערשראָקן, עס פאַלדעוועט זיך זיין שטערן:

— אוי, טאַטע פאָטער! כ׳האָב מהרהר געווען אין דער מחשבה, נישט געבענטשט דעם נייעם טאָג וואָס איז געקומען און נישט געטראַכט אַז דו גיסט לעבן און צום לעבן.

דעם גאַנצן טאָג איז ער שוין אַרומגעגאַנגען מיט עגמת־נפש, פון פענצ־טער צו דער טיר און צוריק — די שמחה איז נישט געווען פול.

דאָס איז געשען צומאָרגנס, נאָך יאָסעלעס וואַכן אין שול, בעת מ׳האָט פאַרטאָגס געפונען יאָסקעלע וואַסערטרעגער אויסגעצויגן אויפן ברוק אַ פאַרחלשטן.

— כ׳ווייס וויל, רעדט ער צום ייִנגל, הגם דער שולדיקער איז לייב פיפקע מיט זיינע מעשיות פון מתים, וועלכע ער דערציילט אויפן שולבאַרג צווישן מנחה און מעריב, פונדעסטוועגן ביסטו נישט פּטור פון תשובה. כ׳פאַרלאַנג פון דיר זאָלסט תיכף נאָך יום־טוב מיטפאָרן מיט מיר קיין גער מקבל תשובה זיין.

— קיין גער וועל איך נישט פאָרן, — כ׳האָב קיין שום שלעכטס נישט געטון.

— אזוי זעט אויס ביי דיר כיבוד־אב? זאָלסט דיר נישט איינרעדן, אַז קיינער ווייסט נישט ווער ס׳האָט גורם געווען צער און שרעק אין שטאָט. היינט איז הושענא־רבה, באַלד נאָך יום־טוב פאָרן מיר צום רבין.

יאָסעלע שטעלט זיך האַרט אַנטקעגן:

— נישט פאַרן, נישט תשובה טון; מיין לערנען פירוש המשניות אין שול איז נישט קיין זינד!

— פייניק אים נישט, אברהמעלע — בעט די מוטער מיט אַ שוואַך קול — וואָס קען אַ מענטש וויסן? עס קען דאָך זיין ערגער?...

דאָס אַריינמישן זיך פון דער מאַמען איז דעם טאַטן נישט ניחא געווען:

— אַט האָסטו די היינטיקע וועלט! ביי זיי איז שוין דער רבי קיין רבי נישט און תשובה קיין תשובה נישט. אונדזערע קינדער — נעמט ער זיפצן — וועלן אונדז אין גן־עדן אַריין פירן, האַ?

דערמיט האָט ער זיך ביסלעכווייז באַרויִקט, אָבער נישט איינגעשטילט.

— סוף כל סוף ביסטו גערעכט,ביילע. מאָרגן קען חלילה זיין ערגער. וואָס ווייסט דען אַ מענטש?

✶

צומאָרגנס, שמיני־עצרת, איז טאַקע דאָס אומגליק געקומען.

שפעט נאָכן דאַווענען פאַרבעט אַברהמעלע אין סוכה אַריין די הייליקע אושפיזן, מאַכט קידוש מיט אַ צעפלאַמט פנים און וואַשט זיך די הענט צום עסן.

אין הויף קלאַפט זיך אַ שטומפיק געשריי:

— די גאַנדז פגרט, שוין שאַכטן!

— ני, אָ, — ברומט דער שוחט, שאָקלט מיטן קאָפּ רעכטס און לינקס; ער קען דאָך נישט מפסיק זיין.

— וועט זי אויסציִען דעם שנאָבל, וועלעך אַ מעשה אָנטון! די זשעברעס אונטערהאַקן! — שרייט דער קצב הערש לייב מלא רציחה.

פלוצלינג שטייט ער שוין מיט די שטיוואַלעס אויפן טיש, כאַפּט דעם ווייס געוואָרענעם שוחט ביי די ריפּן און צעמאַרשטשעט אים... נישט באַוויזן אַ געשריי צו טון, איז דער שוחט אין חלשות געפאַלן. דער קצב איז גלייך נעלם געוואָרן איבערלאָזנדיק די געפּגרטע גאַנדז אין סוכה.

די געוואַלדן זענען געווען מוראדיקע, בעת מ׳האָט געשלעפּט דעם פאַר־חלשטן אין שטוב אַריין, ביז מ׳האָט אים דערמינטערט. די שטוב איז פול

געוועזן מיט מענטשן און געוויין. ענדלעך, ווען ר׳ אברהמעלע איז צוריקגעקומען צו זיך, האָט ער געבעטן מ׳זאָל אים דערלאַנגען אַ ספר. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער גלייך אַ כאַפּ געטון דאָס ספר אין האַנט און געטון אַ נדר נישט מער צו זיין שוחט, קיינמאָל נישט!

אָבער אָן עכאָ, ווי אַ בת קול, האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ פרעגנדיקן טאָן: קיינמאָל נישט?...

דעם אַנטלאָפענעם הערש לייב קצב האָט מען געזוכט אין אַלע דערפער וווּ ער קויפט בהמות, ביי אַלע קצבים אין שטאָט און בעיקר — ביי זיינע פריינד און קרובים. ער איז פאַרשוווּנדן און די שטאָט האָט נישט גערוט: אַזוינס איז נישט געהערט געוואָרן אפילו ביי גוים!

✶

רבי דודל, דער מרא דאתרא, איז זיך געזעסן אין זיין בית־דין שטוב און זיך נישט געמישט. ערשט אויפן פערטן טאָג, נאָכדעם וואָס זיין פאָטער, דער סאָכאַטשעווער רבי, רב שמואל שליט״א, האָט געשריבן צו אים און באַפוילן וואָס ער האָט באַפוילן, האָט רב דודל ערשט גענומען רעאַגירן: גערופן אַלע יידן אין שול אַריין, געוויינט מיט טרוקענע טרערן אויף דעם אומגליק וואָס אין שטאָט האָט פּאַסירט. ער האָט געאסרט צו קויפן פליישׁ ביי הערש לייבן אַ חודש צייט און ליותר תוקף, געקנסט דעם שלעגער מיט הונדערט רובל פאַר דער שול.

פיר וואָכן איז אברהמעלע געלעגן אין וואַרשעווער טשיסטע־שפּיטאָל און זוכה געוועזן צו גרויס פרייד ווען דער גערער רבי איז געקומען קיין וואַרשע אים מבקר חולה זיין.

— אַז דו וועסט געזונט ווערן בעזרת השם, קום תיכף קיין גער.

✶

ערשט אויפן צווייטן טאָג פון זיין קומען קיין גער האָט דער רבי אים גערופן אין זיין חדר מיוחד אויספרעגן פרטים און בעיקר — וואָס טראַכט ער צו טון?

אברהמעלע איז קוים געשטאַנען אויף די פיס:

—דער רבי ווייסט דאָך, כ׳האָב נישט אָנגענומען רבנות ווייל ס׳איז א קרדום לחפור בו, אָבער היינט איז מיר פיל ערגער — א פאַרגרעבטע שטאָט, קינדער דערציען זיך אַנדערש און איך אליין בין אַ משועבד צו יעדן איינעם.

—צוליב דעם האָסטו דעם נדר געטון ?

— זאָל דער אייבערשטער אָפּהיטן ! — צוליב דעם פּאַל מיטן קצב.

— וויבאַלד אַזוי, האָסטו דאָך געטון דעם נדר אָן ישוב־הדעת ?

אברהמעלע האָט אויפגעציטערט. אַלע זיינע פּלענער — זעט ער — פאַרפליען איצט מיטן ווינט.

— מוז איך פאַרבלייבן שוחט מיין גאַנץ לעבן, און נאָך אין דעם העק ?

— דאָס האָב איך דיר נישט געזאָגט, אברהמעלע. פאַראַן פיל אַנדערע שטעט וואָס וואָלטן דיך אויפגענומען בכבוד.

אברהמעלע שטייט אין פלאָנטערניש, האַלט זיך קוים אויף די פיס :

— און דער נדר ?

— ער איז בטל ומבוטל ! געוועזן איז ער דאָך בהיסח הדעת.

✶

אין חדשים אַרום האָט דער גביר משה חיים ווינער אין לאָדזש באַקומען אַ שרייבן פון גערער אדמו״ר שליט״א :

„צו אונדז איז דערגאַנגען, אַז איר גייט אויפנעמען אַ נייעם שו״ב בק״ק הנ״ל, דערמאָנען מיר ר׳ אברהמעלען פון ווישעגראַד, איינער פון אונדזערע נאָענטע, ער איז ראוי דערצו — וינעם לכם״.

דער ענין לאָדזש האָט זיך געצויגן לאַנג.

רב אברהמעלע האָט געציילט ממש יעדן טאָג, יעדער האָט געדאַרפט צו זיין שוין דער לעצטער... ער האָט זיך שואל עצה געווען מיטן עלטסטן זון גרשון און צוזאַמען זיך אַריינגעלאָזט אין פּרטי פּרטים.

ווען ס׳איז געקומען דער טאָג און מ׳האָט אים פאַרבעטן קיין לאָדזש, איז אים ליכטיק געוואָרן די גאַנצע וועלט — מילא, משועבד ; אָבער נישט צו אַ ליאַדע ווּעמען ; אַנדערש וועט ער לעבן, בעסער וועט אים זיין ; וואָס איז דען די האָפענונג פון אַ מענטשן אויפן שפּיץ באַרג בעת ער מוז שוין אַראָפּגידערן

— אויב נישט די קינדער? וועלכער מענטש האָפּט דאָס נישט, אַז זיינע קינ־דער זאָלן דערגרייכן מער און איבערשטייגן אים אַליין?...

אין לאָדזש איז אברהמעלע איינגעשטאַנען ביים גביר, ר׳ משה חיים ווי־נער. דערוווּסט זיך, ס׳זענען פאַראַן מערערע בעלנים פאַר דער שטעלע, בעי־קר פון אַלעקסאַנדערער און ראַדזימינער חסידים.

אין טאָג פון אברהמעלעס ריי אין שעכטהויז, האָט מען פאַר אים אוועק־געשטעלט אַ גרויסן, שוואַרצן ביק פון גאָר אַ שווערער וואָג. מיט מאַטערניש און סאַפּעניש האָבן די קצבים־יונגען אַוועקגעלייגט דעם זיך ראַנגלענדיקן ביק, צוגעהאַלטן אים ביי די הערנער, כדי אָפּגאָלן זיין האַלדז. פּלוצלינג האָט ווער פון די יונגען אָפּגעלאָזט די שטריק, און דער ביק האָט זיך אַרויסגע־ריסן פון די פּענטעס. אַ האָר האָט געפעלט אברהמעלע זאָל שיער־נישט געניזוקט ווערן. ראַפּטעם איז ער דעם ביק נאָכגעלאָפן און אין לויף אַ פיר געטון מיטן חלף הין און צוריק, דערפילט אויף זיך אַ הייסן שטראָם בלוט און אוועקגעפאַלן אין חלשות.

צוליב דער דאָזיקער פּאַסירונג, כאָטש די שחיטה איז געווען כדת וכדין איז אברהמעלע נישט געוואָרן אָנגענומען. פאַרשטייט זיך, אַז מער האָבן די אַלעקסאַנדערער נישט באַדאַרפט...

פאַר רב אברהמעלען איז דער פּרווו געווען אַ גרויסער קלאַפּ. דער גורל זיינער... ווידער האָט דער גורל געזיגט.

ביים גערער טיש האָט מען נישט געוואַגט רעדן דערפון מחמת כמה טע־מים, ודו״ק...

דער פאַל לאָדזש האָט אברהמעלען שיער נישט איינגעבראָכן. געדענקט ער דאָך דעם נדר: נישט זיין שוחט — קיינמאָל נישט! און דער עכאָ האָט דעמלט אָפּגעהילכט מיטן פרעגצייכן: קיינמאָל נישט?...

דער גורל האַלט אים ס׳גאַנצע לעבן אין קלעשטשעס, עפנט פון צייט צו צייט אַ שפּאַרע, כדי אים נאָך פעסטער צו פאַרקלעמען. ער שפּילט זיך מיט אים:

—גיב זיך אונטער, ווישעגראַדער שוחט! דעם גורל קען אַ מענטש נישט בייקומען. מוזסט פאַרבלייבן שוחט און מתקן זיין וואָס דיר איז אָנגעצייכנט. דו וועסט תמיד צוריקקומען און דיינע קינדער וועסטו נישט פאַרזאָרגן; יע־

דער מענטש מוז אויסטראָגן קודם כל זיין אייגן לעבן. גיב זיך אונטער, אַברהמעלע!

אַברהמעלע וואַרפט זיך אויפן געלעגער — כ׳וועל משנה מקום זיין, וואָס איז משנה דאָס מזל. כ׳וועל זיך ראַנגלען ביזן סוף!

חדשים לאַנג האָט אָנגעהאַלטן דער אויסטערלישער וויכוח אַברהמעלעס מיט זיך אַליין און מיטן אינו נראה וואָס הייסט: גורל. און ער וועט זיך מער נישט איינשטילן.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

דער טויט פון צוויי חברים

דער טויט פון יאָסעלעס צוויי בעסטע חברים האָט איינגעבראָכן זיין מאָסט; טראָגט ער זיך אַרום ווי אַ שפּענדל איבער אויפגעטרייסלטע כוואַליעס — צו קיין שום ברעג נישט.

בצלאל, דעם מורה הוראה׳ס זון, זיין בעסטער חבר און לערער, איז געווען און מער נישטאָ. דאָס צווייטע אומגליק איז געשען מיט דעם יתום אשר. אשר איז געווען אין יאָסעלעס עלטער, נאָר מיט אַ קאָפּ העכער.

ביידע זענען זיי אַוועק פון דער וועלט אין דעם זעלבן חודש — איינער פון נישט עסן, דער צווייטער — מחמת צופיל עסן.

— יעדער טויט מוז האָבן אַן אויסרייד — דער אויסרייד פון בצלאלס טויט איז געווען אומזין: ער האָט נישט געוואָלט עסן און שפּעטער — שוין נישט געקענט. „דעם חומר — פלעגט ער זאָגן — מוז מען ווי ס׳איז דערהאַלטן; דאָס אמתע לעבן איז פאַר העכערע צוועקן״...

מיט דער צייט איז ער געוואָרן דאַר און דאַרער ביז ער איז קראַנק געוואָרן.

לויטן דאָקטער איז עס געווען אַ מאָגן־קאַטאַר, אַ פאַרשלעפּטע קרענק. געטוישט רעצעפּטן און פון דעם אַליין חרוב־קראַנק געוואָרן. ביז אין די לעצטע טעג זיינע האָט ער איבערגעשמעלצט אין זיין פלאַמיק־רייכער פאַנטאַזיע די וויכטיקסטע תנ׳כישע פּאַסירונגען, אַריינגעגאָסן זיי אין יאָסעלעס געמיט אין נייע פאָרמען.

נישט מער ווי צוויי יאָר עלטער פון יאָסעלען, האָט ער שוין באַזעסן די זעלטענע קונסט פון אַריינדרינגען אין יעדן תנ״כישן אות און געפינען אין דעם — דעם טיפערן זין, דאָס בילדלעך־פּלאַסטישע און גלייכצייטיק — פאַנ־

טאַסטישע. יאָסעלע האָט זיך געשטויבט, אַזוי צו זאָגן, אין בצלאלס פּאָעטישע דערהויבונגען.

וואָס וואָלט ער געוואָרן, בצלאל, ווען ער וואָלט נישט יונג געשטאָרבן?

נאָך עטלעכע חדשים פּייניקונג, האָט בצלאל גענומען ציילן די רייז אין טעלער — מער ווי פערציק רייזלעך האָט ער נישט געקענט פאַרדייען. נישט לאַנג דערנאָך געמינערט אויף דרייסיק, ביז ס'איז אים פאַרבליבן דאָס איינציקע היילמיטל — דער תהלים. חסידים אין שטאָט האָבן צוגערעדט דעם פאָטער פאָרן צום רבין, הגם קיין גערער חסיד איז ער נישט געווען.

וואָס האָט איר אָנצוווערן? אפשר פאָרט וועט דער צדיק זיך איינשטעלן און אויספועלן?...

דאָס קראַנקע ייִנגל איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן דאַרער, מען האָט שוין אַרויסגעזען יעדעס ביינדל. זיינע אויגן זענען געוואָרן גרעסער און פלאַמיקער — ביז דער טויט האָט זיי פאַרגלייזט.

★

אשר איז געווען אַ בן־יחיד און אַ יתום. זיין פאָטער איז געשטאָרבן באַלד נאָכן קינדס געבורט, און זיין מוטער — רייצען דער אלמנה — האָבן גוטע מענטשן פאַרשאַפט אַ סטראַגאַן אין מיטן מאַרק, נישט ווייט פון דער פּלומפּ. רייצע האָט באַוויזן אויפצוהאָדעווען איר קינד אין אַלעם גוטן. ביי זיינע צען יאָר האָט ער אויסגעזען ווי אַ בר־מצווה־בחור און — אין גייסטיקן זין — מיט אַ קאָפּ העכער. די צרה נאָר וואָס ער האָט צופיל געגעסן.

דער דאָקטער האָט פאַרגעזאָגט אַ העלפאַנטישע קרענק, אויב ער וועט זיך נישט צערן, פאַרשריבן אים אַ שטרענגע דיעטע; באָדן זיך אָפט אין דער ווייסל, גיין אַ סך און טרייבן גימנאַסטיקע. דער עיקר — נישט עסן קיין פעטס! ער האָט אים אויך פאַרשריבן ביטערע פּאַסטילקעס צו שלינגען פיר מאָל אַ טאָג.

איינמאָל, אין אַ פרייטיק, איז ער מיט זיין אויפגעלאָפענעם בויך, ווי אַ באַלאָן, אַוועקגעשווומען איבער דער ווייסל ווייטער ווי געוויינלעך. מיט אַ מאָל איז ער פאַרשווונדן; מער האָט מען אים נישט געזען. ווען מ'האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פונעם קעסלגרוב איז ער שוין געווען טאָפּלט שווערער

און דיקער. פון מויל, נאָז און אויערן האָט געשטראָמט וואַסער ווי פון פאָנ־טאַנען. וואַרפנדיק אים אין ליילעכער האָט זיך פלוצלינג אויפגעהויבן אַ מוראדיקער געשריי — דאָס ליילעך האָט געפּלאַצט און ער איז געפאַלן אויף די שפּיציקע שטיינער ביים ברעג.

— ניין, כ׳וועל דאָס נישט איבערלעבן, האָט ספּאַזמירט די אומגליקלעכע מוטער. אשרל, פאַרוואָס האָסטו זיך געבאָדן? פאַרוואָס האָסטו היינט אַזויפיל געגעסן? ווײַ צו מיינע יאָרן!

זונטיק, אויפן בית־עולם, ווען יאָסעלע האָט געוויינט מיט אַ צעבראָכן האַרץ, האָט דער פאָטער אים געזאָגט: זע, דאָס איז דער גורל פון יעדן מענטש, זה כל האדם... יאָסעלע האָט זיך נאָך העכער צעוויינט — טאַטע, פאַרוואָס ווילסט דו זיך נישט אונטערגעבן דעם גורל?...

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

אַ מאָלער איז ער נישט געוואָרן

דער פאַרנעכטיקער טאָג איז אַוועק מיט שרײַיִקע, טורקואַזע פלעקן צום מערב. מיט אַ פאַרריסענעם בליק צו דער אַנדערער זייט ווייסל אָבסערווירט דאָס יינגל דעם געראַנגל פון דער זון אין לעצטע פלאַמען.

— וואָס גלאָצט ער דאָרט? — וווּנדערט זיך יאָסעלע דעם שוחטס: שוין לאַנג פאַרגאַנגען די זון און ער — ער רירט זיך פון אָרט נישט. העי, — שרייט ער אויס מיט נייגיר — וואָס זעסטו דאָרט אין דער פינצטערניש? דאָס יינגל כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ חלום:

— ביי מיר איז די זון נאָך נישט פאַרגאַנגען...

— ווער ביסטו? — פרעגט יאָסעלע אַ געפּלעפּטער.

— דודל, משה דעם שוסטערס, ווענען האָסט אַנומלט געשלאָגן, ווייל כ'האָב דיך גערופן שוחטל. ווייסט? דעמלט בין איך גוט קראַנק געוואָרן.

✶

די טיר ביי ר' אברהמעלע שוחט רייסט זיך אויף מיט אַ קראַך, ס'פּאַלט אַריין אַ יידענע, העשנדיק; אַ יינגל פון אַ יאָר זיבן שלעפּט זיך איר נאָך.

— ווי און ווינד, שוחטקע, אייערער האָט מיין יינגל שיער נישט טויט־געשלאָגן!

די שוחטקע, רוקנדיק זיך הינטערווייַלעכץ מיט אויפגעריסענע אויגן:

— וואָס איז געשען, נעכע קרוין? מיינער איז נישט קיין שלעגער, זיכער האָט ער נישט אָנגעהויבן.

נעכע האַקט איר איבער און ווישט די אויגן מיטן פאַרטוך:

— איך אַ נפקא־מינה ווער ס'האָט אָנגעהויבן? פון זעקס קינדער איז ער היינט דער איינציקער, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, גערופן אייערן שוחטל,

איז וואָס? פאַר מיין דודל האָט זיך קיינער אויף דעם שולבאַרג נישט אָנגע־נומען, מענטשן האַלטן מיטן שטאַרקן, ווי צו מיר! נאָט, זעט דיביילן און די בלאָע שיניאַקעס, זאָל ער מיר חלילה נישט קראַנק ווערן, לאַכטיקער אין הימל!

ביילען האָט עס ביים האַרץ אָנגענומען:

— טוט א קוק אויף מיינעם ווי ער וואַרפט זיך אין בעטל, כליפעט, — צו וועמען קענען מיר האָבן טענות?

✶

משה שוסטער קען נישט באַגרייפן דעם סוד פון לעבן וואָס איז אַן אָפּקו־מעניש אויף דער ערדישער וועלט. פון זעקס קינדער האָט זיך ביי אים דער־האַלטן דער איינציקער קדיש, דוד יהודה, צו לאַנגע יאָר. לאַנג האָט צער און וויטיק נישט אָפּגעטראָטן פון זיין אָרעמער שוועל. געוואָרן אַ שוויגער — קיין איבעריק וואָרט גייט פון זיין מויל נישט אַרויס. אין זיין שטוב, דלת על דלת, זיצט ער איינגעבראָכן אין צווייען איבער זיין שוסטער־בענקל אַ פאַר־טראַכטער. שעהן לאַנג קען ער אַזוי טראַכטן איבער מענטש, וועלט און העכער נאָך, ביז ער כאַפּט ציען די דראַטווע אָדער טשוועקעווען אַ זויל, נאָר דער געדאַנק הערט נישט אויף צו האַמערן, זעצן אין די שלייפן: אָ, ווי לאַנג מוז ער זיך מאָרדעווען אויף דער שפּלער וועלט?... זיין ייִנגל, פאַר וועמען ער צאָלט שכר לימוד באַגלייך מיט די שענסטע בעלי־בתים, איז אַן אויסנאַם אין חדר: תמיד פאַרטראַכט אין זיך, קוקט אויף דער וועלט מיט פאַרבן, מאַזשגעט בלומען און פייגל אויף די ווענט; כאַפּט זיי אויף אין מיטן פליען — און זיי פאַרבלייבן שוין אין פלי...

ווי האָט ער דאָס געלערנט, חידושט ער זיך, פונוואַנעט האָט זיך דערנומען צו אים דער חוש פון נאָכמאַכן — און ס'קומט אַרויס ווי לעבעדיק? נאָך גוט, טראַכט ער זיך, וואָס דעם ייִנגלס טאַלאַנט קומט אויף דער גאַס נישט אַרויס.

— זאָלסט נישט מאַליעווען קיין מענטשלעך פּנים, דודל! אַ מענטשלעכע צורה איז באַשאַפן בצלם אלקים. דאָס טאָר מען נישט, מיין זון.

יענעם פאַרנאַכט, נאָך דער שקיעה אויפן שולבאַרג, איז יאָסעלע דעם שוחטס געוואָרן זיין חבר און פאַרערער.

★

יאָסעלע האָט געקויפט פאַרן נייעם חבר קאַיעטן, קאָלירטע בלייערס, אַ ווירע, אַ צירקל. ער האָט אים פאַרבעטן יעדן אָוונט צו זיך — ביים אָרעמען שוסטער איז שטענדיק געווען שאַטנדיק. יאָסעלע איז געווען זיכער אַז דודל וועט מיט דער צייט ווערן אַ גוטער מאָלער.

לאַנג האָט עס נישט געדויערט. די ערשטע באַשטעלונג צו מאָלן אַ שויתי פאַרן בית־מדרש האָט באַשטעלט שמואל לייב קרוק; שוין אַ צייט וואָס מע דאַוונט פאַרן עמוד ביי אַן אָפּגעברענטן שויתי. דאָס איז געשען, ווען דער אויסגעצויגענער געלער מענדל האָט געהאַט יאָרצייט אין זעלבן טאָג וואָס שמואל לייב קרוק. דער סכסוך האָט זיך פאַרשלעפּט; ס׳איז שוין נישט געווען מעגלעך צו שאַפן אַ צווייטן מנין. מיט רוגזה האָט דער געלער מענדל אַ כאַפּ געטון דאָס יאָרצייטליכט, רייסנדיק זיך צום עמוד. אין אַמפּערניש איז דאָס ליכט אומגעפאַלן און אָפּגעבּרענט דעם גרעסטן טייל פון שויתי. דער שויתי איז געווען זייער אַלט און פון אַ גרויסן מייסטער געמאָלן.

אַ שטאַרקן רושם האָט געמאַכט דער פּלוצלינגדיקער טויט פון געלן מענ־דל, מחמת אַ האַרצשלאַג; דאָס יאָר נישט אויסגעלעבט. אין פלאַטערניש האָט שמואל לייב קרוק דעמלט אַ נדר געטון צו שענקן אַ נייעם שויתי אַזאַ ווי דער פריערדיקער, אַ האָר נישט אַנדערש.

דעם יונגן מאָלער האָט מען פאַרגעלייגט דריי זילבער רובלס.

דודלס מוטער, דערהערנדיק די בשורה: אי כבוד, אי געלט, האָט גע־וויינט און געלאַכט. דער שוחטקע האָט זי געבּרענגט אַ מתנה א תהלימל פון איר עלטערזיידן, א סופר, וואָס האָט עס געשריבן מיט פירקאַנטיקע אותיות, געבונדן אין געשפּריצט לעדער און מ׳האָט עס געהאַלטן אין דער משפחה פאַר א סגולה צו קינדער האָבן.

צוויי חדשים האָט געדויערט דאָס מאָלן דעם שויתי, אויף דיקטע, עט־וואָס רייביק און ערטערווייז — ווי געפּרעגט. די פאַרבן, פיגורן, געדרוקטע אותיות און דער גאַנצער טראַכט — ווי אַ געטרייע קאָפּיע פונעם אַלטן שויתי, נאָך שענער און בלענדיקער.

עס איז געווען אַ פּרעכטיק צירונגשטיק פאַרן עמוד. די צוויי קאַנגאַ־ליבן מיט ברוינע אויגן־אַפּלען, צעעפנטע פּיסקעס און ארויסגעשטעקטע

צינגער, האָבן אָנגעוואָרפן פּחד. דאָס געוועב פון דינינקע ווייסע און ראָזלעכע אָדערלעך ביז אין טיפן שלונג, האָט קיינער נישט דערוועגט אָנרירן... די הינטערשטע לאַפּעס, וואָס וויגן זיך מיט די געלענקן קוים־קוים, זענען גרייט יעדע רגע אַ שפּרונג צו טון... די גוידערס דעכען ווי בלאָז־זעק איבער פלאַמען.

אויך די שול האָט באַשטעלט אַ מייסטערשטיק און דודל איז געוואָרן באַ־קאַנט אין אַלע שטעטלעך אַרום.

דודלס פאָטער, משה דער שוסטער, הגם דודלס נאָמען האָט שוין געקלונ־גען אין דער גאַנצער סביבה, איז נישט צופרידן געווען:

— ווער ווייסט — האָט ער כסדר געטענהט אַ באַזאָרגטער — וואָס פון דיר וועט ווערן, זון מיינער, געדענק, גראָזשעט ער מיטן פינגער ווידער און אָבער, מאָל נישט קיין מענטשלעך פּנים, מאָל נישט! טאָמער יאָ, וועט דיין פעיִקייט פון דיר צוגענומען ווערן, וועסט פאַרבלייבן אַ פּראָסטער בעל־מלאכה, אַ שוסטער צי אַ שניידער. געדענק, דוד יהודה, מיינע רייד!

✶

דעם רבס דריי טעכטער, געפלעגטע, באַשיינטע, הייסן חנה, חיה און חמה. זייערע נעמען הייבן זיך אָן מיטן חת"ן, ווי די פאָרם פון טישן אויף דריי פיס: וואַקלדיקע, פאַליקע. חנה, די עלטסטע, שטייט ביי אירע פופצן יאָר אין שידו־כים, יִחוסדיקע און רייכע. זי האַלט זיך אָבער אין וואַקלען: ווייסט נישט צי דאַרף זי מסכּים זיין, אָדער נישט.

דער רייכער שידוך פון לאָדזש, האָבן אַלע געמיינט, וועט זיך איינגעבן. נאָכדעם ווי דעם חתנס מומע איז געקומען קיין ווישעגראַד מיט אַ כלומרשטן אויסרייד כאַפּן אַ „שוי", האָט דער רביצנס שוועגערין מיטגענומען איר פלימעניצע קיין לאָדזש איינקויפן שניט־סחורה און אויך כאַפּן אַ בליק. עס האָט זיך אַזוי געשיקעוועט, אַז דער חתן־בחור איז גראָד געווען אין געשעפט. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן קלוג און איידל, ווי איינער וואָס קען רעדן אויך צו אַ מיידלס געמיט. די פלימעניצע האָט אים געגעסן מיט די אויגן, געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס.

אין דער היים האָט חנהלע, ווי איר שטייגער, גענומען זיך וואַקלען צווישן

„יאָ” און „ניין” און דער שידוך איז געהאַנגען אין דער לופטן.

זיצט דער פאָטער, דער ווישעגראָדער רב, רב דודל איבערן „חושן משפט” און דער קאָפּ דינט אים נישט. צופן האָר פון דער באָרד העלפט נישט. דער רעיון, דאַכט זיך אים, שווימט איבער וואַסערן און שלאַקסן, אָן אָנהאַלט.

— ווו איז דען געהערט געוואָרן קינדער זאָלן זיך מישן אין שידוכים, ווען ס׳קומט די צייט זיי אויסצוגעבן? — ער אַליין, רבי דודל, האָט נישט געזען זיין באַשערטן זיווג פאַרן חופה־טאָג. „א כלה־מיידל פון פופצן יאָר — וואָס וויל זי אויסטריצן, ווערן א בוגרת? האַלט אין איין שטודירן אין די גראַמאַ־טיקעס וואָס פאַרשלעפּן אויף הפקר־וועגן — ווי מעג איך דאָס צולאָזן?”

ער רופט אַריין די רביצן. זי איז א הויכע, א שיינע, נאָר איר שטים איז א ביסל פאַנפּעוואַטע. דער רב שטייט אָנגעלענט ביי דער גרויסער ספרים־שאַנק.

— פון ווען אָן האָט א קינד א דעה צו זאָגן אין שידוכים? דער לאָדזשער בחור איז חלילה נישט קיין קריפּל און נישט קיין פּראָסטאַק, וואָס אַנדערש וויל זי, אפשר ווייסטו?

די רביצן נעמט פאָכען מיט איר ווייס באַטיסטן טיכעלע, א היץ איז איר באַפאַלן:

—מיט בייזנס וועסטו גאָרנישט אויפטון, היינט איז אַן אַנדערע צייט. מיט וואָס וועסטו איר צווינגען?

דער רב לאָזט נישט אויסרעדן:

— האָ, ס׳איז פאַרפאַלן? הפקר א וועלט? מיט וואָס איז די היינטיקע צייט אַנדערש? איז דער הימל אויף דער ערד אַראָפּ? די ימים איבער די וואָלקנס? כ׳פרעג נאָר רביצן, וועמענס פון אונדז ביידן איז די שולד? מיט איר אַליין וויל איך זיך אויסטענהען.

✶

ויהי היום, קומט צופאָרן א פרעמדער יונגערמאַנטשיק, אויסגעסטראָיעט פון קאָפּ ביז פיס, דאָס פעדערל איבערן קאַפּעליושל האַלט אין איין ציטערן, אַ גילדענע דעוויזקע איבער דער וועסט און אַ מאַנאָקל באַמבלט זיך ביים רעכטן לאַץ. ער פרעגט אויף איינעם בלאַשטיין און דער טויבער משה מאיר־

מיכלס פירט אים צו ליכטנשטיינען, וועמענס קאַמעניצע איז די שענסטע אין שטאָט.

כעסט זיך דער פרעמדער: נישט בחינם רופט מען די ווישעגראָדער קאַ־זעס: איך פרעג אויף שטאָק, ענטפערט מען מיר בוידעם. געפרעגט אויף בלאָשטיין, פירט מען מיך צו ליכטנשטיין... שטייט שוין אַרום א קרענצל און לאַכט אין די פויסטן: איר האָט געפרעגט אַ טויבן... קומט, מירן אייך פירן צו בלאָשטיין.

באַלד האָט מען שוין געוווסט אין שטאָט, אז דער יאָלד איז נישט בילע־ווער, זיין פיסקל גייט אויף שרויפן, און שיין איז ער ווי אַ בילד. זיין לאַקירט קעסטל איז פול מיט פענזלעס און פאַרבן — אַ מאָלער איז ער.

✶

נאָכן דיספּוט מיטן פּאָטער איז דעם רבס טאָכטער, ערנסט קראַנק גע־וואָרן. גאַנצע טעג גאָרנישט געגומען אין מויל אַריין, נאָר געשלאָפן ווי אין הינערפּלעט. אויך אין שלאָף געהאַלטן אין איין שרייען: דער קאָפּ! אוי, דער קאָפּ!

דאָקטאָר זאַוואַדסקי האָט נישט געקענט געבוי אויפקלערן וואָסער קראַנ־קייט דאָס איז: א נייע קרענק וועלכע מען רופט נעוראַלגיע... דאָס בעסטע היילמיטל איז רו און פרישע לופט צווישן ביימער און הויכע בערג.

האָט די רביצן געהאַלטן אין איין ביטערן:

—דודל, ביסט דאָך אַ טאַטע, פאַרוואָס לאָזטו איר נישט פאָרן, ס׳גייט דאָך אין לעבן ?...

דעם רבס ענטפער איז געווען א וויינענדיקער און גלייכצייטיק אַ האַר־טער: — מיר האָבן אין דער היים אויף איר קיין השפעה נישט, וואָס קען נאָך זיין אין דער פרעמד ?

פון דעמלט אָן האָט די יינגסטע טאָכטער חמהלע געפירט איר שוועסטער יעדן טאָג נאָכמיטאָג צו די סטעגענעס אויסער דער שטאָט, וועלכע פירן אַוועק צו דער ווייטער וועלט. גאָר אונטן, ביים וויסל־שטרייך, שטייען אומגליקלעכע ווערבעס, איינגעבויגן ס׳גאַנצע לעבן איבערן וואָסער און וויינען. די מאַיעס־טעטישע וויסל שווימט אין איר אייביקן קרייז; שטילינקע כוואַליעס דערציילן

לעגענדעס וועגן דער בילד שיינער וואַנדאַ און צענדליקער אַנדערע פּוילישע מיטאָסן. העכער אַרויף ציען זיך לאַנג שורות פּרוכט־ביימער, וועלכע ווערן פאַרפאַלן פון אויג און שפּיגלען זיך אין שויס פון דער ווייסל.

נאָך העכער, שטייען שטאָלצע טאָפּאָליעס וואָס שושקען זיך, רוישן; נאָר געבענטשטע קענען פאַרנעמען דעם בלעטער־גערשאָרש, דערזען די פולע שיינקייט מיטן נאַקעטן אויג. חנהלע רוט דאָרט אָפּ, טראַכט דאָרט אירע געהיימע מחשבות און פאַרלאַנגען...

מיט אַ מאָל דערשפּירט חנהלע אַ פּאָר אויגן שפּיזלען זי פון צווישן די טאָפּאָליעס, דערוויטערן זיך און דערנענטערן.

— איר זענט דער מייסטער פון „שטוק פּיענקניד״ וואָס די שטאָט רעדט פון אייך? — פרעגט דעם רבס טאָכטער צוריקגעהאַלטן.

—און איר, פריילין, זענט די שענסטע פון מיינע לאַנדשאַפטן — לאַכט דער פרעמדער מיט פּערעלעך אין מויל — מיין נאָמען איז ווילנאַר. געקומען אין שטעטל באַקענען אייער יונגן מאָלער דעם פאַוויסט.

דאָס מיידל לאָזט אַראָפּ די שוואַרצע וויעס:

— וואָס מיינט פאַוויסט?

— די וואָס מאָלן פייגל און חיות, גנעדיקע.

שוין די ערשטע באַקאַנטשאַפט האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין פריינדשאַפט.

די מאַמע האָט ענדלעך מסכים געווען אויפצונעמען חנהלעס גאַסט ביי זיך אין הויז, נאָר דער פאָטער טאָר דערפון נישט וויסן.

לויט דער רביצנס אָנווייזונג, האָט ווילנאַר שוין געוווּסט ווען דער רב איז פאַרנומען מיט לערנען, דין־תורות און שאלות. אויך דודל, דאָס וווּנדערקינד איז געוואָרן אָפט פאַרבעטן. ווען ער האָט געברענגט דעם אַלבום מיט צייכענונגען און בילדער א מתנה פאַר דער שיינער שוואַרץ־חנעוודיקער חנהלע — האָט ער זיך אראָפּגערעדט פריי פון הארצן:

— ווילנאַרן קען איך נישט פארטראָגן מיט זיינע פוסטע פלאַפּלערייען. ער האָט קיין אַנונג נישט אין מאָלעריי. זיינע צעשמירטע לייוונטן האַלטן נישט אויס די מינדסטע קריטיק. דיין סימפּאַטיע איז א שיינרעדער מיט א גאָלדן ציינדל וואָס בלישטשעט. זיינע לאַנדשאַפטן האָבן נישט קיין ווערט, די

שיינע פּאַליטערע ברענגט גאַרנישט אַרויס. אַ מאָלער מוז באַשאַפן זיין אייגענע וועלט. ער גייט צו איר דורך טויזנטער נסיונות, דורכפאַלן — ביז אים ווערט אַנטפּלעקט דער פונק פון אמתער יצירה און דער אייגענער קינסט־לערישער איך.

חנהלע, מיט אַ דריטל יאָרן עלטער פון דודלען, איז געוואָרן געפּלעפט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען אַלץ וואָס דאָס ייִנגל האָט געזאָגט. זי האָט אָבער גע־פילט אין זיינע רייד אייפערזוכט און ריוואַליטעט צווישן עכטן מאָלער און דעם פרעמדן דענדי. און דאָס האָט זי טאַקע געוואָלט: אַ פּרווו טון איר אַלטע טאַקטיק פון לאָזן הענגען אין דער לופטן — נישט זיך צובינדן און נישט אָפּלאָזן.

דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט.

✶

דער רב איז אַוועק צום טאַטן, דעם סאָכאַטשעווער רבין מיט טענות קעגן זיין לייבלעכן ברודער אין וואַרשע.

— טאַטע, קינדער, ווייסן מיר, געראָטן אין די פעטערס. פאַרוואָס האָבן מיר צוגעלאָזט י. ב. זאָל אָפּנייגן פון דרך הישר. ער שטייט שוין נישט ווייט פונעם גבול: כל בואה... מיין חנהלע האָט געמוזט אַוועק פון שטאָט אויף אַ לענגערער צייט, וואָס איז דעם טאַטן שוין באַוווסט פון מיין שרייבן, אָבער ביי אים וועט זי חס ושלום איינגאַנצן אַוועק...

דער רבי, ר׳ שמואל שליט״א וואָס זיין פאָטער, רבי אברהמעלע זצוק״ל האָט געהאַלטן אז ער קען אויסשאָקלען די גרעסטע לומדים פון ארבל, איז געזעסן מיט אויסגעלאָשענע אויגן און אפילו אַ קרעכץ נישט געטון:

— ס׳האַלט נישט ביי מצדיק דין זיין נאָך דיין קינד. דו הערסט? — ביז לעצט שבלעצט קען אַ מענטש זיך אויסקויפן. און וויסן זאָלסטו, אז דיין ברודער שרייבט אַ ספר וועגן קאָצקער, זכותו יגן עלינו, מיט פיל התפעלות און קדושה. אַלע געגנג זענען וויכטיק וויבאַלד די כוונה איז ערלעך. לאָז דיין קינד ביי דיין ברודער. נאָר מיט ווייכקייט וועסטו דיין קינד צוריק געווינען.

—רבי דודל האָט געוואָלט עפּעס פרעגן און זיך צעוויינט.

—נו, נו, וויינען איז נישט גבורה — האָט דער רבי געענטפערט.

אהיימגעפאָרן איז ר׳ דודל מיט גרויס חולשת־לב, געפילט — זיינע טרערן וועלן שוין קיינמאָל נישט אויסטריקענען.

✶

אויך דודל דער מאָלער איז אַוועקגעפאָרן צום דערפל אילאָוו. ער האָט דאָרט געלערנט מיט צוויי ייִנגלעך. די רעשט צייט — געאַרבעט אין פעלד.

נאָכן זמן האָט זיין מאַמע געקוקט אויף אים מיט אויסגעוויינטע אויגן; דער פאָטער, היפש פאַרעלטערט, האָט אויסגעשטרעקט די טויבע אויערן:

— הא, וואָס דערציילסטו פון דער גרויסער וועלט? דו וואַקסט, מיין זון, די גאַנצע וועלט שטייט פאַר דיר אָפן.

אַ וויל פאַרקלערט ער זיך און זיפצט אונטער:

— נישט געמאָלעוועט אַ מענטשלעך פנים, הא? געדענק, דודל, דאָס טאָר מען נישט!

✶

חנה איז צוריקגעקומען פיל שפּעטער. ס׳האָט שוין געברענט דער באַלקאַנישער קריג, די לופט איז געווען פול מיט טויבער שרעק. הייסע זענען געווען די טעג, גליאיקע.

איינע אַליין זיצט חנה ביי די צוויי טאָפּאָליעס, טראַכט פון אירע צוויי אַדאָראַטאָרן, קען זיך נישט באַשליסן מיט וועמען זיך צו פאַרבינדן, וועמען אָפּלאָזן: איינער א פיזיש־שיינער, דער אַנדערער — אַ גייסטיק־דערהויבענער; איינער מיט אַכט יאָר עלטער, דער צווייטער — מיט פינף יאָר ייִנגער; דער עלטערער רייך אין געלט, דער ייִנגערער — אין טאַלאַנט.

דודל טאָר קיינמאָל נישט וויסן פאַרוואָס זי, חנהלע, האָט געמוזט אַוועק. זי שיקט אים א בריוול —ער זאָל קומען צו איר אויף די סטעגענעס.

זי האָט אים שיער־נישט נישט דערקענט, ער איז איר איבערגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ.

— מאָל מיין פּאָרטרעט, וועל איך דיך שטענדיק געדענקען — האָט זי פּלוצלינג אויסגערופן מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער.

דודל האָט אויפגעציטערט:

— כ׳וועל מאָלן דיינע איידעלע הענט, דיין גוט האַרץ, דיין פּנים וועל איך נישט מאָלן.

איר בליק האָט זיך פאַרכמאַרעט. זי האָט זיך געשטעלט אין פּראָפיל, די הענט אַרום די היפטן:

— איז מיין פּנים מיאוס?

— דיין פּנים איז זייער שיין, נאָר מיין פאָטער האָט מיר פאַרבאָטן צו מאָלן אַ מענטשלעך פּנים, שיין צי מיאוס — האָט ער געענטפערט מיט אָנשטרענג.

דאָס מיידל האָט לאַנג געשוויגן, פאַרטראָגן מיטן געדאַנק ערגעץ וויית — צו איר ווילנאַר. פּלוצלינג כאַפּט זי זיך אויף ווי פון אַ חלום:

— מאָל מיין פּאָרטרעט! זיי גאַלאַנט, מיין פאַרערער.

דודל האָט דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן. שוין דעם דריטן חודש מאָלט ער, טוישט די לייוונטן און עס געלינגט אים נישט. ווי עמיצער וואָלט מיט גראָבע הענט דעם גלאַנץ פון די שענסטע פאַרבן אראָפּגעצויגן. דודל אַנט, אַז ער ווערט געשטערט פון אומגעזעענע כוחות. שווער דער קאַמף אָבער זיין אַמביציע וועט ער נישט אויפגעבן.

אין טאָג ווען ער האָט פאַרענדיקט דעם פּאָרטרעט, האָט דודל דערהערט אויף דער קלויסטערגאַס דאָס געוויין פון זיין מוטער: דודל, דיין טאַטע איז נישטאָ מער!

קאַפּיטל נײַן און צוואַנציק

הויף־פּאָליטיק אין שטעטל

מענדל, דער נאמן און קאָלעקטאָר, וועמען בײַדע מלאכות קלעקן נישט אויף פּרנסה, איז פּלוצלינג פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַרײַן. נישט זײַן ווײַב, צוועטל, באַקאַנט פון איר טבע צו זיצן אויפן פּייערטאָפּ ביזן שפּעטן זומער אַרײַן, נישט די איינציקע טאָכטער זייערע, שרה די שעמעוודיקע, ווייסן נישט ווו מענדל איז אהינגעקומען.

דאָס איז געשען אָנהויב פרילינג, ווען דער מענטש פילט זיך נײַ געבוירן, אַ בענקשאַפט נאָגט דאָס האַרץ, ציט אין דער וועלט אַרײַן — פּרוווט ער זײַן גורל און גייט נסים אַנטקעגן.

— בדיל־הדל וועלן מיר ווערן — ליאַרעמען די קצבים אין שטאָט — ווער וועט אַרויסטרײַבערן די טריפהנע אָדערן און די פלאַנק־טיילן? זאָל קהל באַשטימען אַ נײַעם נאמן!

— ער וועט צוריקקומען, מענדל — ענטפערט קהל מיט זיכערקייט — אַ נישט וואָלטן ווײַב און טאָכטער וועלטן אײַנגעריסן. ער איז אוועק פאַר־שאַפן נדן פאַר זײַן בת־יחידה — ער וועט צוריקקומען, זאָגט מען אייך!

און מענדל איז טאַקע צוריקגעקומען נאָך עטלעכע חדשים. פון אשכנז איז ער צוריקגעקומען. ס'איז געווען שווער צו דערקענען אים: נײַע פלודערן, אַ ברוינע בעקעשע, אַ הוט מיט אַ לאַנגן דאַשעק און ווײַכער דענקע — אַן איבערגעדרייטער, אַזוי ווי מען נעמט און מען קערט איבער אַ טאָפּ. אַ באַרעדעוודיקער, מיט אַ באַוועגלעך שמייכעלע אונטערן נאָז, דערציילט ער פון יעקעלאַנד, השם ישמרנו!

די ייִדן זענען דאָרט אויסגעמישט מיט די דײַטשן הן אין הולך, הן אין מעשים. פרעג זיי בחרם וואָס עס איז אַזוינס הכנסת־כלה; די פרומע, מי־שטיינס־געזאָגט, די וועלכע מע רופט דאָרט ראַבינערס, טראָגן נישט קיין

בערד, פירן זיך אויף בקלות, זענען רייך ווי קורח און גרויסע עמי־הארצים. אַלע רעדן זיי דאָרט אַ פאַרגרייזטן יידיש וואָס איז שווער צו פאַרשטיין און האָבן נאָך די העזה אָפּצולאַכן פון אונדז „פּאָלנישע", וואָס קריכן איבער די הייזער בעטן צדקה.

כדי נישט צו האָבן מיט זיי קיין איבעריקע מחזקות, האָט מענדל נאָמן מוחל געווען דאָס זיצן ביי זייערע טישן, אָנגעפּראָפּטע מיט כל טוב, ווו מע פלעגט אים אויספרעגן, אַ נאַקעטן ביז צום ביין:

— וויזאָ האַבן זי קיינען פּאַס, אונד מאַן האַט זי היניינגעלאַסן? וואַצו זינד זי הערגעקאָמען?

מענדל האָט געמוזט ענטפערן אויף דייטש:

— געקומען היער צו בני־רחמנים העלפן יעמאַנדען.

— יאַ, יאַ. אַבער זאָגען זי, וואָרום מוסן זי שנאָרען? געגוצטע קליידער וואָן זי וואָלען, דאָס געט שאָן.

בקיצור, דערציילט מענדל, אַזעלכע יידן האָט ער אויסגעמיטן ווי אַ פּעסט.

בעת מענדל איז געווען אין דייטשלאַנד, האָט זיך די קליינע באַלקאַנישע לענדלעך פאַרגלוסט אַ מלחמה. אין אשכנז האָבן אויך קינד און קייט געגומען פּלאַפּלען פּאָליטיק, זויפן קופלעס ביר ווי די גרויסע און שעלטן מיט טויטע קללות דעם צאַר. ווייס איך וואָס, זיי האָבן גערעדט פון ימים און לענדערייען וואָס ביי אונדז אין ווישעגראַד האָט מען זעלטן געהערט: מאָנטענעגראָ, הער־צעגאָווינע, סערביע, און בראש פון אַלע — דער טערק. ביים טערק האָבן צווי געגעראַלן זיך גענומען שלאָגן איינער מיטן אַנדערן, איינער מיטן נאָמען ענווער־ביי, דער אַנדערער — ענווער־פּאַשאַ. בערג נייעס וואָלט איך געקענט דערציילן, ווען ס׳וואָלט מיר נישט צוהאַבן געקומען דאָס אומגליק און מ׳האָט מיך איינגעזעצט אין תפיסה. טאָמער ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל כ׳האָב מיר פאַרשאַפן געלט אויף אייגענער האַנט; דאָרט, אין אמתן אדום, טאָר מען דאָס נישט.

— צום אַזיל דירפטן זי זיך ווענדן, שנאָרן גיבטס היר ניכט! דערפאַר אָבער — פאַרענדיקט מענדל — האָבן זיי מיך צוריקגעשיקט צו דער גרענעץ אויף זייערע הוצאות.

✶

אין שטיבל איז מענדל נאמן געוואָרן דער בעסטער פּאָליטיקאַנער, געװוסט פאָרויס אַלץ וואָס מאָרגן וועט פּאַרקומען, וואָרום די גאַנצע חכמה פון סטראַטעגיע ליגט ביי אים אויסגעלייגט אויף דער פלאַך פון זיין לינקער האַנט:

— זעט און קוקט, שטעלט ער זיך אַוועק אין מיטן רעדל, אָט אויף דער זייט שטייט דער שונא; פונקט קעגנאיבער שטייט ענגלענדער־ביי מיט זיין חייל. מיט איין קוועטש, פּאַרקוועטשט מענדל דערביי די פויסט, וועט פּאַלן דער שונא אין טייך אַריין און אויס מלחמה.

— פּאַרשפּילט ענגלענדער־ביי? — פרעגט א בחורל אומצופרידן.

— וואָ־דען? לויט מיין פּלאַן, איז ענגלענדער־ביי שוין לאַנג פּאַרשפּילט — ענטפערט מענדל, נישט אַן גדלות. אלא וואָס דען? דאָ הי אין ווישעגראַד איז די מפּלה נאָך נישט באַקאַנט.

דאָס בחורל שטייט נישט אָפּ:

— ווי הייסט דער טייך, ר׳ מענדל?

— אַז כ׳וועל דיר זאָגן, וועסטו וויסן? פעלן טייכן אין טערקיי?

— ווייסעך וואָס, אויך מיר אַ פּאָליטיק־טרייבער! — מאַכט דער אַלטער רב חיים אהרון מיט ביטול — זענען די צוויי ענגלענדערס נישט היינו הך? עס איז בכלל קיין מלחמה ניט און ס׳וועט נישט זיין. די סאָצעליסטן וועלן דערצו נישט צולאָזן, נישט אין ווייטן טערקיי און אין ערגעץ נישט. להד״ם, רבותי! פּאָליטיקע איז אַן אויסגעטראַכטער עניך, כדי מענטשן זאָלן זיך שרעקן און נישט בונטעווען קעגן מלכות.

פון דעמלט אָן האָבן די צוויי אַבאָנירטע הצפירה׳ס אין שטעטל קורסירט פון האַנט צו האַנט, מ׳האָט זיי געלייענט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם און פרייד, וואָס סאָקאָלאָוו, דער ווישעגראַדער ילידיעיר, איז דער גרעסטער פּאָליטיקער ביי יידן, און מיט תרעומות — פּאַרוואָס ער צעלייגט איטלעך געשעעניש אויף קליינע טעלערלעך און שרעקט איבער די גאַנצע וועלט. גיי וויים פּאַרוואָס?

קאַפּיטל דרייסיק

ר׳ לייבעלע דעם חפץ־חיים׳ס

אַן אורח איז געקומען אין שטאָט אַרייַן, ער זעט אָבער נישט אויס ווי אַן אורח.

געקומען איז ער מיטן וואַרשעווער וועג און געטראָגן אַ קליין וואַליזקעלע ציטריק־אָפּגעהיט, ווי אינעווייניק וואָלטן געלעגן אוצרות. א ברייטפּלייציקער איז דער מאַן, אַ נידעריקער, מיט אַ שטרענג פּנים און קלוגע אויגן, וואָס קוקן גלייכצייטיק אויף רעכטס און אויף לינקס:

— וווּ וווינט דאָ דער גבאי, ר׳ יאָסעלע דעם שוחטס? — פרעגט ער.

— וואָס פאַלט אייַך איין? יאָסעלע דעם שוחטס איז נישט גבאי און נישט רעב.

— ס׳טייטש, מ׳הערט דאָך פון אַזאַ איינעם מיט דעם נאָמען?

— וואָס פרעגט איר שאלות, רב ייד? איר זענט נישט דער ערשטער וואָס פאַרטוישט דעם נאָמען. דער גבאי איז ר׳ יאָסקעלע, זאָגט מען אייַך!

— טשעקאַווע, מאַכט דער אורח מיט עטוואָס ביטול. ווייַזט מיר פון דעסט־וועגן, וווּ וווינט ער דער בחור. זייט אַזוי גוט...

— עליכם שלום — שטרעקט אויס אברהמעלע אַ וואַרעמע האַנט. מייַן יינגל לערנט אין בית־מדרש. זעצט אייַך, מאַכט זיך באקוועמער. פון וועל־כער שטאָט זענט איר?

— פון ראַדין.

— אַזוי, פון ראַדין? דאָרט וווינט דער חפץ חיים, וועמענס ספרים זענען באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט. ער איז פון די גרעסטע גאונים אין אונדזער צייט. איר קענט אים?

דער אורח שמייכלט:

— מיין נאָמען איז לייבעלע. מיין פאָטער האָט מחבר געווען אַ נײַ ספר מיטן נאָמען משנה ברורה. איך פאָר אַרום קלייבן פרענומעראַנטן.

— אַזוי. איר אַליין זעט אויס אויך צו זיין אַ בר אורין. זייט היימיש אין אונדזער שטוב. יאָסעלע וועט זיך פרייען מיט אייך. אָבער וואָס פאַלט אייך איין אַז ער איז גבאי? אַ קינד נאָך, קיין צוועלף יאָר נישט...

— זייט מוחל, איז מען אַ מענטש לויט די יאָרן אָדער לויט מעשים? אומעטום רעדט מען פון זיינע גוטע מידות.

— איבערטרייבן דאַרף מען נישט, חשובער גאַסט. נישט אַלע טועכצן זיינע זענען גוטע. שוין עטלעכע יאָר וואָס ער מאַטערט זיך בייצוקומען דעם יצר הרע פון כעס. דאָס טוט ער ממש ביז הכנעה און נישט תמיד געלינגט אים.

— אלא וואָס דען ווילט איר? אָן גערעאַנגל געווינט דער מענטש גאָרנישט. פאַרשפּילן איז שוין גאָר אַן אַנדערער ענין. וועמען עס זענען פרעמד עבירות, האָבן זיינע מצוות אַ קנאַפּערן ווערט...

יאָסעלע האָט זיך אונטערגענומען ערנסט צו פאַרשאַפן פרענומעראַנטן. אי ער וועט העלפן מיט הגשמה דאָס ספר זאָל וואָס גיכער דערשיינען, אי די ווישעגראָדער יידן וועלן זיך קוויקן מיט די נייעסטע חידושים.

ר׳האָט זיך דערמאָנט ווי מיט דריי יאָר צוריק האָט אים משה מיכל געבעטן זאַמלען נדבות פאַר איינעם אַן אורח אַ הגון. דעמלט האָט ער מיטגענומען בצלאלן ע״ה און געגאַנגען זענען זיי צו די קאַרגסטע אין שטאָט. ווען ער איז צוריקגעקומען זענען זיינע קעשענעס פול געווען מיט קלימפּערס — ער ווייסט אַליין נישט וויפל. איי, ס׳איז גאָר קיין אורח נישט געווען און ער, יאָסעלע, איז אויסגעשטאַנען בזיונות, אָבער זיין טאַט איז געווען לשם מצווה. פאַרוואָס זאָל ער ווידער נישט באַווייזן אַזוינס מיט מער חשק און דערפאַרונג? ווידער אַמאָל גיין צו איינגערעדטע למדנים — קמצנים: אַ שמואל שמעלקע, אַ נתן דוד וכהנה?

דאָס אַלץ איז גערעדט געוואָרן אויב ר׳ לייבעלע וועט מיר אָנגעטרויען דעם העפט פון פרענומעראַנטן און דעם טייל פון כתב־יד. געוויס וועל איך זאַמלען ווייניקער, ווי איך קען.

ר׳ לייבעלע האָט געשמייכלט צו זיך אין באָרד אַריין:

— פאַרוואָס ווייניקער ?

— יעדער מענטש קען שטענדיק טון מער, ממילא טוט ער ווייניקער...

✶

ביי ר׳ שמואל שמעלקע אין געוועלב זענען נישט געווען קיין קונים. יאָסעלען איז ער מכבד מיטן פזמון: סטייטש, גלאַט אין דער וועלט אַריין זיך פאַרשרייבן אויף אַ ספר ? „חפץ חיים״, זאָגסטו ? אַ גאון ? כ׳האָב קיינמאָל נישט געהערט. ווו איז דער מחבר אַליין ? בין איך אַליין אויך אַ חפץ חיים — און ווער איז עס נישט ? יעדער מענטש באַגערט לעבן... נאָך גוט וואָס ביסט נישט געקומען נעכטן אויפן טאָרג, כ׳וואָלט נישט איינגעטענהט וועגן דעם מחבר און חיבור.

— פאַרשרייב דיך אויף דעם ספר און גיב צוויי גילדן אַן אַדערויף. מאָרגן וועלן אפשר דיינע טרעפן פאַרשווינדן און מלכות וועט נישט קומען צו דיין הילף.

אין דעם קומט אַריין אַן אויסגעוואַקסענע מויד מיט רויטע באַקן ווי צוויק, דרייט זיך אַרום ווי אַ ווינט:

— אַ פוסטקייט אין שטאָט, ווען ס׳איז נישט טאָרג, שמעלקעלע. אויף פיר פלאַטקעס בלויע וואָל, וועט גענוג זיין פאַר מיר צוויי פאַסמעס רויטע ? האַ, קענסט דאָך מיין טאַליע...

מיט אַ מאָל דערזעט זי יאָסעלען ביי דער אַנדערער זייט טומבאַנק — כ׳וועל שפעטער פאַרבייגיין, רב שמעלקע, און וויל אַרויס.

שמעלקע ווינקט צו דער מויד זי זאָל נישט אַוועק:

— דאָס יינגל, צפורהלע, וועט באַלד אַוועק, געלט וויל ער, דאָס איז אַ קע־שענע־רייסער, אים מוז מען באַצאָלן איידער ער ליוועריט. אַ סוף יאָסעלע, וויפל ?

— מיט צוויי גילדן ווערסטו איינגעשריבן, צייל ר׳ שמעלקע.

✶

— דער זון פונעם „חפץ חיים״ זאַמלט הי פרענומעראַנטן פאַר זיין בייעם ביים קאַרגן נתן דוד האָט יאָסעלע געשפּילט אַ קלענערע ראָל:

ספר „משנה ברורה״. פאַרשרייב זיך מיט אַ האַלבן רובל, ווען דאָס ספר וועט דערשיינען וועסטו באַצאָלן דעם אַנדערן האַלבן.

— כ׳ווייס דאָך ווער דו ביסט. טאָמער וועט דאָס ספר נישט אַרויס וועל איך דיך איינקלאָגן? באַזונדערס, ווו האָב איך צייט און אָרט אויף נאָך ספרים.

יאָסעלע האָט זיך שיער נישט אָנגעצונדן פאַר כעס:

— וועסט מאָרגן נישט האָבן קיין איינציקן קונה. דיינע טרעפּ זענען הויכע, מאכעלע סיבירניק וועט דאָ זיין.

— אַ גילדן און גיי צו אַלדי גוטע! מיינע וועט קומען וועט זיך טון ריסעס.

סוף כל סוף איז יאָסעלע אַרויס מיט אַ האַלבן רובל.

בערך דרייסיק בעלי בתים האָבן זיך פאַרשריבן אין דער איינציקער וואָך.

רב לייבעלע איז אַוועקגעפאָרן אומצופרידן. ר׳ אברהמעלע — זאָגט ער — פאַרוואָס שיקט איר אים נישט קיין ראַדין, פון אים קען דאָך ווערן א כלי מפואר?...

✶

בין השמשות. די זון נאָר וואָס פאַרגאַנגען, קומען צוויי אורחים אין בית מדרש און ווענדן זיך צום עולם אין ציטערניש: געזען אַ פייערדיקן בעזים אויפן הימל, גרעסער פון דער זון, רויטער פון פייער.

— יידן, דאָס זאָגט נישט אָן קיין גוטס! לאָמיר בעטן דעם כל־יכול באַשירעמט זיין פון מלחמה!

אַ פאַרסאפּעטער, פאַלט אַריין משה בלאָשטיין מיטן זעלבן פּזמון:

— אַ רויטער צייכן אויפן הימל ווי אַ בעזים...

איבערגעשראָקן, לאָזט זיך איציקל פינטלער צו די צוויי אורחים:

— אפשר הונגער? פאַרוואָס דווקא איז ביי אייך געדרונגען אַז דער צייכן ווייזט אויף מלחמה, הא?

מישט זיך אַריין פנחסל לעווין, וואָס האָט געלייענט פיליפּ קראַנצס „וויסנשאַפטלעכע ווערקע״:

—און אפשר קען דאָס אָנדייטן אויף כאָלערע, וואָס טראָגט זיך איבער פון ווייטן אַזיע, פיל שרעקלעכער פון מלחמה?

— פכע... אַלע זענען היינט ווייסערס! פאַרוואָס ווייסט עץ נישט וואָס די גאַזעטן שרייבן? ביים טערעק שעכטן זיך די גענעראַלן איינער דעם אַנדערן, קירה און פאַניע רייסן זיך ביי די נעזער. אַ מלחמה וועט קומען, ווייל אויף דער גאַנצער וועלט יערן אויף קאָנפליקטן. דער ציכן, זאָג איך איך, ווייזט אויף מלחמה איבער דער גאַנצער וועלט — זאָגט געלאָסן חיים יוספל דער הויפטגריבלער אין נייעסן, וועלכע ער צעקייעט אויף פאַפּקע.

אינצווישן ווערט אַ צערודערונג, די צוויי אורחים זענען אַוועק און קיינער ווייסט נישט ווער זיי זענען. הינטערן אויוון האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ דורכ־געוויקט אָפּן תהלימל. פון די אָפּענע בלעטער ווייעט אַן אומענדלעכער צער.

ווען אין עטלעכע טעג שפּעטער האָבן זיך די אורחים ווידער באַוויזן, האָט מען זיי שטרענג באַכגעקוקט: נדבות קלייבן זיי נישט, פאַרשווינדן פולע טעג, נאָר זעלטן, אין פאַרנאַכטן, טרעפט מען זיי אויפן וואַרשעווער וועג מיט אָנגעשטרענגטע בליקן צום הימל, אויסקוקן נייע צייכנס...

די צוויי אורחים, מיט אַ גרויסן אונטערשייד אין עלטער, וועלכע די ווישעגראַדער האָבן געקרופן „אותו ואת בנו״ — האָבן זיך מער נישט גע־וויזן; ווער זיי זענען געווען ווייסט מען נישט עד היום.

מיט שרײַיקע רויטע קעפ ליאַרמען אַלע גאַזעטן וועגן פּייערדיקן קאָ־מעט, וואָס זאָגט נישט אָן קיין גוטס: עס וועט זיין אַ וועלט־מלחמה און ברענ־גען מיט זיך הונגער און קראַנקייטן — אומפּארמיידלעך.

אויך ווישעגראַד האָט געאַנט: מיט יעדן טאָג זינקט די וועלט אַלץ טיפער אין תהום.

קאַפּיטל איין און דרייסיק

עילוי און קונדס

עס טרעפט אַ מאָל, דער מענטש רייסט זיך אַרויס פון הו־האַ, שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע און רופט אַרויס זכרונות, וואָס די צײַט האָט פון לאַנג שוין אָפּ־געמעקט.

מענדל הערש זשיכלין שטייט בײַם שפּיגל אַ פּאַרטראַכטער. אין רעיון פּלאָנטערן זיך נחום סאָקאָלאָווס קינדער־יאָרן אין ווישעגראָד, אַן עילוי און קונדס וואָס האָט זײַן גלײַכן נישט. דעמאָלט איז מענדל הערש געווען דער ייִנגסטער פון סאָקאָלאָווס חברים. הײַנט ווײַזט אים דער שפּיגל אַלט און גרוי.

נאָר דרײַ זענען פאַרבליבן צו פאַרהיטן סאָקאָלאָווס ייִנגסטע אויפטוען פון שיכחה.

★

מענדל הערשס בן־יחיד, משה מיכל, געבוירן זיבעצן יאָר נאָך דער על־טערנס חתונה, לערנט אין בית־מדרש צוזאַמען מיט יאָסעלע דעם שוחטס. איינמאָל ברענגט ער יאָסעלען אַ ספר מיטן נאָמען „תם ומועד" וועגן ישו, בעיקר וועגן דער ראָל פון דעם תנא רבי יהושע בן פּרחיה, צוזאַמענגע־שטעלט פון מיטצײַטלער אין יענער עפּאָכע.

דער אײַנדרוק אויף יאָסעלען איז געווען אַ טיפער שוין דערמיט וואָס דאָס ספר האָט נישט צו טון מיט אביי ורבא, דינים און פּוסקים.

יאָסעלע האָט געבעטן אויך אַנדערע ספרים און יעדעס ספר איז געווען פאַר אים אַ נײַע אַנטפּלעקונג. מיט קליינע דאָזעס, וואָס פאַרשאַטן נישט אויף אַמאָל, האָט ער אַ דאָרשטיקער געטרונקען פון די נײַע קוואַלן. ביז מענדל הערש האָט אים פאַרבעטן צו זיך אין שטוב, פאַרברענגען די ווינטער־אָוונטן צוזאַמען מיטן בן־יחיד זײַנעם.

★

אין אברהמעלעס שטוב האָט דעמאָלט שוין געברענט אַ פייער. נאָכן צוריקקומען פון גערער ישיבה, האָט דער עלטסטער זון, גרשון, געשיקט פון צייט צו צייט קאָרעספּאָנדענצן קיין פּאַלטאַווע צום דאָרטיקן רב, עקיבא צבי ראַבינאָוויטש, פאַרן העברעיִשן זשורנאַל „הפּלס".

קיינער האָט דערפון נישט געוווּסט.

אויך די עלטסטע טאָכטער, פערל, שטייענדיק אין שידוכים, האָט גענו־מען לייענען יידישע מעשה־ביכלעך וואָס פירן אַראָפּ פון וועג. ווען דער פאָטער, אויף טשיקאַווע, האָט אין איר ביכל אַריינגעקוקט, איז ער אויפ־געשפּרונגען ווי פון אַ שלאַנגען־ביס:

— זע, ביילע, וואָס מיר האָבן דערלעבט, פערל לייענט אַפּיקורסישע ביכלעך.

די מאַמע, מיט איר טבע צו פאַרגלעטן האָט געפּרוּווט דעם ענין צו נישט מאַכן:

— קען זיין ס'איז נישט פאַראַן קיין לעסטערונג אין יידישע מעשה־ביכ־לעך. געלייענט אַנומלט אין פערלס אַ ביכל „דער שוואַרצער יינגערמאַנ־טשיק", האָט עס געגומען ביים האַרץ. פון אַ צווייטן שרייבער, פּרץ, האָב איך מיטגעוויינט מיט די דריי נייטאָרנס אויף זייער אומגליק. די מעשה־ביכלעך זענען דאָך פון וואָרן לעבן, עס מאַכט נישט אויס, לאָזן פאַלן אַ טרער...

— לאָזסט נישט אויסרעדן, זאָגט דער טאַטע מיט קענטיקן ווייטיק, אין פערלס ביכל זאָגט דאָרט איינער צום צווייטן: „וואָס רעדסטו מיר פון „אים" אויבן, אפשר איז ער גאָר נישט פאַראַן?" ווי, ווי! וואָס וועט ווערן פון אונדזער שטוב?...

יענע נאַכט האָט אברהמל שוחט געוואַכט ביז אינדערפרי.

★

און דאָס מעסטל איז אַלץ נישט פול געוואָרן.

די פּאָטשט ברענגט אַ בריוו פון פּאַלטאַווע מיטן אַדרעס צום ווישעגראַ־דער שוחט. פון פּאַלטאַווע? — וווּנדערט זיך אברהמעלע — ווען האָט ער

דען אין פּאָלטאָווע? מינוטן לאַנג פּעכלט ער דעם פאַרמאַכטן קאָנווערט אין דער לופטן: עפענען אָדער נישט עפענען? דער נייגיר איז געווען שטאַרקער, האָט ער דעם בריוו געעפנט: „לכבוד המשכיל ומופלג, סיני ועוקר הרים המכונה גבּרא, בק״ק ווישעגראַד״ אאז״וו.

— ווער איז דאָס דער גבּרא, חידושט זיך אברהמעלע, עס מוז זיין א טעות, אַ פאַלשער אַדרעס. שוין טינקט ער זיין פּענע אין טינטאַרן, שרייבט וואָס ער שרייבט, איז זיך מתנצל וואָס ער האָט דעם בריוו געעפנט, אָבער אַזאַ איינעם מיטן נאָמען גבּרא קען ער נישט אין ווישעגראַד. ער שיקט דעם בריוו צוריק. מיט הרחבת הדעת שפּרייזט ער היין און צוריק אין נאַכטראַכטענישן, אַז דער חרם רבינו גרשון איז אין היינטיקן פאַל נישט חל און פאַרויכערט אַ טייערן גאָטשינאַ־פּאַפּיראָס, וואָס ער טוט אין זעלטענע פאַלן.

פאַרנאַכט לאָזט ער זיך צו מאירל שוחט — ווער ווייסט, אפשר איז דער בריוו געווען צו מאירלען, דעם צוויטן שוחט?

שמייכלט מאירל און ענטפערט נישט קיין וואָרט. דערנאָך כאַפּט ער זיך ביים שטערן:

— גבּרא קען דאָך זיין די ראשי־תיבות פון גרשון בן רבי אברהם, וואָס זאָגסטו דערצו? און בכלל, ווי נעמט מען עס מינה וביה צוריקשיקן אַ בריוו וואָס האָט אַ בפירושן אַדרעס?

— ביסט גערעכט, ענטפערט שטיל אברהמעלע, זיינע אויגן ווערן פאַרנעפּלט; כ׳האָב זיך געאײַלט כדי צו דערגיין אַז מיין גרשון איז אַ משכיל געוואָרן, אין די אויסגעטראָטענע וועגן פון דורי־דורות וועט ער שוין נישט גיין. ווער ווייסט וואָס וועט ווערן פון מיינע אַנדערע קינדער, חוץ חיימען, וואָס איז אַ ירא־שמים.

— מיין טאַטע עליו השלום האָט געבעטן די קינדער זאָלן בלייבן אָרעם וועלן זיי זיין יידן, און איך בעט ביים אויבערשטן מיינע קינדער זאָלן זיין פּראָסטע לייט, אַבי נישט אָפּרייסן זיך פון שטאָם.

ביי זיך אין דער היים האָט אברהמל גענומען נאָכקוקן די קינדער אויף טריט און שריט. יאָסעלען וועט ער נאָך קענען בייגן, אויך אויף גרשונען קען משפּיע זיין דער מאור שבתורה, אים מחזיר למוטב צו זיין. דערווייל אָבער גייען זיי אויף שטריק איבער תהומות...

✶

— יאָסעלע, וואָס ווייסטו פון נחום סאָקאָלאָוו? — פרעגט אים מענדל הערש ביי זיך אין שטוב.

ווונדערט זיך דאָס יינגל:

— דאָס ווייסט די גאַנצע וועלט: אַ גרויסער שרייבער, אַ דיפּלאָמאַט און אַ מנהיג פון ציוניזם.

— פון וועלכע מקורות? — פרעגט מענדל הערש, מיט נישט באַהאַלטע־נער פרייד.

— נישט פון אייערע השכלה־ביכער וואָס געבן איבער נאָר דעם אויפ־קום: מענדעלסאָן, מיימון, הערץ, ווייזל, בלאָך... אַ לאַנגע ליסטע. ביכער פון היינטצייטיקע שרייבער געפינען זיך נישט אין אייער ספרים־שאַנק. די מקו־רות וואָס איר פרעגט זענען פון סאָקאָלאָוון אַליין. מיין ברודער זאַמלט אַלע ליטעראַרישע ביילאַגעס פון דער „הצפירה”, וואָס דערשיינען יעדע וואָך אונ־טער סאָקאָלאָווס רעדאַקציע. לייענען לייען איך אָן קיינעמס וויסן.

— דאָך, וואָס האָסטו געלייענט פון סאָקאָלאָוון?

— זיין סעריע מאמרים „למרנן ורבנן” האָב איך געלייענט. כ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז נישט גוט פאַרשטאַנען, בלויז גענאַשט...

מענדל הערש בלייבט זיצן ווי צוגעשמידט:

— דו ביסט דער איינציקער וועמען כ׳וועל דערציילן נחום סאָקאָלאָווס איינפאַלן אין זיין פריסטער יוגנט. האָסט אַ גוטן זכרון. כ׳ווייס, וועסט גע־דענקען און קענען נאָכדערציילן אין יאָרן־יאָרן שפּעטער.

✶

די מעשה פון באַשאַפן בראָנפן.

אין וורקער שטיבל האָט מען געדאַוונט שפּעט. נאָכן דאַוונען קוקט מען זיך אַרום צי ס׳איז פאַראַנען אַ שמחה, אַ יומא דפגרא, צי אַ יאָרצייט צו קע־נען טרינקען לחיים בציבור.

גראָד איז אין יענעם טאָג קיין שמחה נישט אויסגעפאַלן. שטעלט זיך אַוועק אַן אַלטער חסיד און רופט אויס: יידן, כ׳האָב אַ פּיפּיק, אַ גענדזענעם פּיפּיק — שאַפט בראָנפן!

דערביי האָט ער געוויזן אַ פּיפּיק ווי אַ פּויסט די גרייס. ווערט אַ רעש:
ווו נעמט מען אויף בראָנפן?

אין דעם מאָמענט קומט דער אַכט־יעריקער נחומל אויפזוכן עמעצן.

— איי, נחומל, באַזאָרג אַ פלאַש בראָנפן, זעקס און פּיפּציקער וואָס קאָסט ביליגער, מאַך עס גיך!

— גוט, גיט געלט, שטעלט אויס דאָס בחורל סאַמעטענע ברוינע אויגן, ריבי—פּיש, געלט אויפן טיש!

— געלט? — קנייטשן יידן די שטערן — מיט געלט קען דאָך יעדער... דו ביסט דאָך אָבער אַן עילוי און קונדס, באַוויז אַ קונצשטיק אָן געלט!

דער עולם איז געוואָרן אויפגעהייטערט און נחומל איז אַוועק. ס'האָט לאַנג געדויערט און — וווּנדער איבער וווּנדער — נחום קומט צוריק מיט אַ פלאַש בראָנפן, נישט אינגאַנצן פול. די שמחה איז אין לשער, אָבער דער קונדס מוז דערציילן וויערנאַך ער האָט אים באַשאַפן.

— דעם בראָנפן האָב איך טאַקע באַשאַפן פון וואַסער.

— נו, נו, שגץ איינער, דערצייל שוין, דערצייל!

נחומל האָט עס געמאַכט בקיצור:

— אַט מיט דער פלאַש און אַ קוואַרטירל וואַסער האָב איך מיך געלאָזט צום ערשטן פון די זעקס שענקערס אין שטאָט, אַז דער זיידע האָט געבעטן צוגיסן אין דער פלאַש אַריין אַ קוואַרטירל זעקס און ניינציקער. דער יונגער באַדינער האָט עס גלייך געטון און פאַרלאַנגט מיט אַ צעעפנטער האַנט זעכצן גראָשנס. כ'האָב געזוכט אין אַלע מיינע קעשענעס און, פאַרשטייט זיך, גאָר־נישט נישט געפונען און געמוזט צוריקגיסן דאָס קוואַרטירל. ביים צווייטן שענקער אָפּגעשפּילט דאָס אייגענע לידל... אָבער דער שענקער, אַן אַלטער פוקס, האָט פריער אַ שנופּ געטון צו דער פלאַש צו דערפילן דעם ריח פון בראָנפן. ווידער דאָס אייגענע — פאַרגעסן דאָס געלט און געמוזט צוריקגיסן.

אַזוי איז עס פאַרגעקומען אין אַלע שענקען. ואלה תולדות הבראָנפן.

גרויס איז געווען די שמחה, אָבער נישט פול — נישט געווען קיין פאַר־ביסעכץ. דעם אַלטנס גענדזענער פּיפּיק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז גאָר קיין פּיפּיק נישט געווען, נאָר אַ קאָפּ פון אַ קילע־גאַרטל... די וווּרקער חסי־דים האָבן זיך געמוזט צוזאַמענלייגן און די שמחה איז טאַקע געווען אין לשער:

— מנע, קונדס איינער, אַז ער קען באַשאַפן בראָנפן פון וואַסער, זאָל טאַקע זיין צו לחיים!

אַ סך פון יענע יידן זענען שוין אויף יענער וועלט — האָט מענדל הערש פאַרענדיקט דאָס ערשטע מעשהלע מיט אַ נישט פריילעכער נאָטע — דריי זענען מיר פאַרבליבן: ר׳ חיים אהרון, לוזער יורש און איך, דער ייִנגסטער... אויך שוין אַ זקן.

★

נאָפט איז געווען דער צווייטער איינפאַל, האָט דערציילט מענדל הערש אין וואָכן שפּעטער.

דער נייער גבאי אין בית־מדרש איז געווען אַ קאַרגער, במילא א שלעכ־טער. די אַכטער נאָפט־לעמפּלעך האָבן געקאָפּטשעט, נישט וויל די קנויטן האָבן אויסגעברענט, נישט צוגעקומען צום נאָפט, נאָר נאָפט אַליין האָט אויך אויסגעפעלט. פינקטלעך צען אוונט האָט דער גבאי אראָפּגעדרייט די לעמפּ־לעך און געיאָגט אַלע אַהיים: דאָ איז נישט קיין הויז צו שפּילן קוויטלעך און דאַמקעס, יאָגן דאַרף מען אייך עד חרמה! עץ מיינט קיינער זעט נישט; אָבער ס׳איז דאָ אַן אויג וואָס זעט. זע איך דען נישט ווי עץ שפּילט אונטער די גמרות? נעמט בעסער אַרויס די אויגן און שפּילט אין דער פינצטער — דערביי לאָזט ער אַרויס אַ לאַנגגאָניקן קרעכץ — נישט דאָ אין בית־מדרש!

צווישן די לערנערס זענען אויך געווען קעסט־איידעמס מיט געפּוצטע און געציפּטע בערדלעך, וואָס האָבן געוואַרט אויפן טערמין צו בויען אַן איי־גענע נעסט. בעטן זיי די שווערס ווייכער צו מאַכן דעם שטרענגן, האַרטן גבאי. דער ווינטער איז אַ פראָסטיקער, וואָכנלאַנג האַלטן אַן די פרעסט ביז דריי־סיק גראַד קעלט, פונדעסטוועגן מוז ווערן דער אויוון אויסגעלאָשן באַלד נאָך מעריב. אורחים אין שטאָט קענען דאָרט נישט שלאָפן. טענות העלפן נישט.

דעמאָלט האָט מען אויפגעזוכט סאָקאָלאָוון און געבעטן ער זאָל געבן אַן עצה:

— נחומל, האָסט אַן אָפּענעם קאָפּ, וואָס זאָלן מיר טון?

טראַכט נחומל נישט לאַנג און ענטפערט:

— דער וואָס האָט באַשאַפן פון וואַסער בראָנפן, וועט אויך באַשאַפן פון וואַסער נאָפט.

צומאָרגנס אָוונטצייט האָט ער מיטגענומען דריי שטאַרקע בחורים צו לוזער יורשן, וועמענס מומע האָט אים איבערגעלאָזט אַ ירושה דאָס נאַפט־געוועלבל. מיט דריי געשוואָלענע נאַפט־ביטלעס זענען זיי געקומען:

— דער גבאי האָט געשיקט נאָך נאַפט. מאָרגן וועט ער פאַרבייגיין און זיך אָפּרעכענען.

לוזער יורש, נישט פיל עלטער פון די בחורים, קוקט זיך איין אַ צעשמייכלטער אין נחומלען:

— לערנסט שוין צוזאַמען מיט די גרויסע?

— לערנען קען מען אומעטום און פון אַלע — ענטפערט נחומל דרייסט — לוזער יורש מיר איילן זיך. וווּ איז דער נאַפט?

לוזער יורש מיט זיין שוואַכקייט צו בית מדרש־בחורים, האָט אַרויסגעגעבן דעם נאַפט אָן אַ קוויטל.

צומאָרגנס אינדערפרי קומען זיי צוריק מיט די פולע ביטלעס אויסצורטוישן זיי, ווייל עפּעס דער נאַפט ברענט נישט העל, נישט ווי שטענדיק... מורמלט לוזער יורש אין זיך אַריין: ס'ערשטע מאָל וואָס נאַפט ברענט נישט. נו, מילא — ציט ער די אַקסלען — גיסט צוריק און נעמט פון יענעם פאַס.

דאָס איז זיי געלונגען, ווייל נאַפט שווימט אַרויס פון אויבן...

✶

דער גבאי האָט געהאַלטן אין איין רודפן, בפרט נאָך דער מעשה־נאַפט. ווידער האָט מען אויפגעזוכט דעם יונגן עצה־געבער פרעגן ווי אַזוי מען ווערט פטור פון דעם גבאי איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

— גוט, זאָגט נחומל, אָבער איר וועט מוזן וואַרטן ביז פורים. פורים וועט ער שוין קיין גבאי נישט זיין.

די בחורים זענען אַוועק פון אים מיט צווייפל: פאַרוואָס וואַרטן צוויי חדשים ביז פורים? און עפּעס רעדט ער היינט מיט סודות!

עטלעכע טעג פאַר פורים איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג ביי יעקב וואָלפס; קיינער האָט נישט געפעלט.

— מיר מוזן אַראָפּנעמען פון בית־מדרש־בוידעם די אַלטע טישן, בענק און שטולן. מיר מוזן האָבן אַ סך געהילץ, אַלטע צעבראָכענע מעבל — האָט

נחומל געזאָגט. — די צוויי טונעג צו וואַשן די הענט מוזן זיין פול מיטן אויג.

— אין דער נאַכט פון תענית־אסתר וועלן מיר אַלע וואַכן אין בית־מדרש און יעדער וועט מיטברענגען אַ קענדל אויף וואַסער. דער עיקר — קיין פּיפּס נישט אין שטאָט.

— דאָסמאָל געגאַרט אונדז דער קונדס! פאַרוואָס מוזן מיר וואַכן אַ גאַנצע נאַכט — פרעגט אַן אויפגעברויזטער איטשע קראַנגראַד. די מערהייט איז אָבער באַשטאַנען אויסצוואַרטן ביזן סוף.

אין דער באַשטימטער נאַכט איז נחומל געקומען דער ערשטער. דער איינפאַל איז געווען אויפצושטעלן א באַריקאַדע אויפן באַלעמער, מע זאָל נישט קענען לייענען די מגילה. די טישן, בענק און שטענדערס אויפגעשטאַפּלט ווי לויט אַ פּלאַן פון אַן אַרכיטעקט, מיט די פיס אַרויף, איינגעשלאָסן איינס אין אַנדערן ווי אַ ריזיקער האַלץ־געפלעכט אַרויף, נישט ווייט פון סופּיט אַוועק־געשטעלט דעם ערשטן פאַס, אַ לײדיקן. אָנגעפילט אים מיט וואַסער מיט די קליינע קענדלעך — איין פאַס און שפּעטער דעם צווייטן.

עס איז שוין געווען פאַרטאָגס. קאַלירטע פאַסן האָבן דורכגעשטרייפט דעם ראָזלעכן הימל און קליינע וואָלקנדלעך האָט מען שוין געקענט זען מיטן נאַקעטן אויג. ווי שאָטנס, האָט חברה זיך אהיימגעשלייכט מיט שטילע טריט.

די ערשטע יידן אין בית מדרש האָבן אויפגעהויבן געוואַלדן:

— שדים אין שטאָט! דאָס בית מדרש איז איבערגעקערט צום באַלטן אַרויף! דער באַלעמער איז דורכגעפלאָכטן מיט טישן און בענק און האַרט ביים סופיט טונעג פול מיט וואַסער. יידן, א גרויס אומגליק איז געשען!

דער גבאי קומט צולויפן מיט שטאַרקע ווילע יונגען און רירן פון אָרט זענען זיי גאָרנישט בכוח.

דער רב שטייט און וויינט ווי אַ קליין קינד:

— יידן, מיר זענען הייַנט אין אַן עת צרה, עס ווייזט זיך נישט קיין הילף.

— רבי, רופט אויס אין גרימצאָרן דער בייזער גבאי, דאָס זענען שטיק פון אונדזערע היימישע שדים אין בית־מדרש. מע דאַרף זיי אַלע מחרים זיין און אויסראָטן!

דער רב רייסט זיך אין פלאַטער:

—וועמען מחרים זיין, גבאי? וועמען רופסטו שדים? אפשר ביסטו דער

חייב מיט דיין רודפן, האַ? געזשאַלעוועט קוילן, נאַפט? לערנען נישט גע־לאָזט! דו, דו ביסט דער שולדיקער!

זיין קול העכערט זיך, גייט איבער אין געוויין:

—וואָס האָסטו פון דער שטאָט געמאַכט? שווער בקול רם אז דו וועסט מער קיינעם נישט נוגש זיין, שווער, — זאָגט מען דיר!

— מיר ווילן נישט דעם גבאי, מיר ווילן נישט דעם עוכר ישראל! נישט ער! נישט ער! — דונערט דער עולם אויפן שולבאַרג.

און מענדל הערש פאַרענדיקט: דער גבאי איז אַוועק ווי יענער אין דער מגילה... מער זיך נישט געוויזן.

*

מענדל הערש איז קראַנק געוואָרן. נאָך איין געשעעניש האָט ער באַוויזן צו דערציילן — די לעצטע.

געוויינלעך גרעגערט מען דריי טעג פריער, אז בעלי־בתים זאָלן לאָזן אויסקאַלעכן די רינשטאָקן, גיסן קאַרבאָל אין די חדרים — נאַטשאַלסטווע קומט פון פלאַצק, די גובערניע.

דאָס מאָל האָט מען געגעבן צו וויסן אין שטאָט אַכט טעג פריער, מיט אַ צולאָג: „אַלע וואָס וועלן אַרויס אין גאַס מוזן טראָגן זייערע יום־טובדיקע קליידער און פאַרהאַלטן זיך מיט ווירדע — דער גובערנאַטאָר קומט אין אונדזער שטאָט.״

די שטאָט איז געוואָרן אויפגערודערט. ביים דאָקטער זאַוואַדסקי האָט מען אויסגעקלעפט נייע טאַפעטן אין די שטובן און ווערענדעס, איינגעהאַנדלט נייע טעפּיכער, וואַזאַנען, פיגורן, בילדער, מ׳האָט שוין געוווסט, אז דער גו־בערנאַטאָר מיט זיין סוויטע וועט איינשטיין ביים דאָקטער.

צווישן די צוגעגרייטע דעלעגאַציעס אויפצונעמען דעם גאַסט האָט זיך אויך פאַרמירט אַ יידישע, פון די שענסטע פני, מיטן רב בראש.

באַגריסנדיק דעם הויכגעשטעלטן שר, האָט די יידישע דעלעגאַציע, די לעצטע, באַמערקט מיט שרעק, אַז דער אדון לייגט ניט קיין אַכט אויף זייערע מליצות. ער שפּילט זיך מיטן מאַנאָקל קעגן דער זון, פּאַכעט מיט זיין ווייסער

הענטשקע אין אַלע זייטן און, ענדלעך, מיט אַרויפגעשניפּטע וואָנסעס אַ געשריי געטון: — וואָן!

פאַר דער יידישער דעלעגאַציע האָט עס באַטייט: גזרות און רדיפות.

גלייך האָט די פאַרשעמטע דעלעגאַציע זיך אַהין געלאָזט צום מאַגיס־טראַט זיך דערוויסן פאַרוואָס.

— זיין הויכקייט קען נישט פאַרנעמען אַזאַ רוסיש, מיט אַ יידישן אַקצענט — איז געקומען אַן ענטפער. קיין וואָרט נישט מער.

די דעלעגאַציע רירט זיך פונעם אָרט נישט. פרעגט זיך אָן נאָכאַמאָל מיט גרויס אימה:

— ביי אונדז רעדט אַ ייִנגל דעם שענסטן רוסיש. צי וועט זיין ווילגע־בוירן באַוויליקן אים אויפצונעמען פאַר אַ פירשפּרעכער?

דער ענטפער איז געקומען אַ גינציקער. דאָס ייִנגל מיטן ליכטיקן שמייכל אויפן פּנים האָט זיך געשטעלט אָן מורא באַגריסן דעם גובערנאַטאָר מיט זיין סוויטע — אינעם נאָמען פון דער אונטערטעניקער עדה יידן אין שטאָט.

די באַגריסונגס־רעדע איז געווען אָן מליצות.

— ווי איז דיין נאָמען, יונגיטשקער? — פרעגט אים דער גובערנאַטאָר אַ צוגעלאָזענער.

— נחום סאָקאָלאָוו איז מיין נאָמען, הויכקייט.

— נו, דאָס וועלן מיר שוין געדענקען. דיין עלטער?

— שוין אַריבער די ערשטע צען יאָר — גענעדיקער.

— מאָלאָדיעץ! אין וועלכער שולע האָסטו געלערנט?

— די רוסישע שפּראַך איז קלאָר און פליסיק. מיט גוטן ווילן ווערט זי לייכט דערוואָרבן.

— געפעלסט מיר, סאָקאָלאָוו. ביי מיר קענסטו ווערן אַ געלערנטער מאַן מיט אַ גרויסן נאָמען.

— דערויף מוז מען זיין געבוירן און דערנאָך ווערן — עקסעלענץ.

לאַנגע יאָרן, כל זמן דער גובערנאַטאָר איז געווען אין פּלאָצק, האָט דאָס יידישע ווישעגראַד גענאָסן טובות און ישועות.

קאפיטל צוויי און דרייסיק

מלחמה

אַ פאַרנבער טאָג. די זון שרפעט.

אין דעם נאָענטסטן דערפל קאַמיען, וואָס אויף דער אַנדערער זייט ווייסל, האָט זיך איינקוואַרטירט אַ סאָטניע זעלנער. גרופּעסווייז שיפּן זיי זיך אַריבער אין שטאָט אַריין, איינהאַנדלען מאַכאַרקע, זייפלעך, נאַשוואַרג און זעטיקן דאָס אויג מיט שיינע באַרישניעס, וואָס וויגן זיך אין גאַנג. זייערע הונגעריקע בליקן בלישטשען ווי פּאַספּאַר...

— העי, צעלאָזט זיך אַ כאַכאַל מיט שמאַלציקע אויגן פון גלוסטונג — מיט דריי שטיק אַזעלכע קען איך מיך ספּראַווען. ווער גייט אין געוועט ?

אויפן מאַרק הילכט דאָס טראַסקנדיקע זעלנערישע געלעכטער מיט אָפּגעדעקטע ציינער און פאַרשווינדט פון וואַנען ס'איז געקומען.

איינער מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ אויף בלאָ זשמורעט מיט שיפּע אויגן און לויפט נאָך דער כאַליאַסטרע מיט שוים אויף די ליפּן :

— עך ! יעווריעיעס טאַנצן אין זייערע קוואַרטירן ווי די רוחות ! אין הראַמאַדעס זינגען זיי און שפּרינגען, לערנען זיך קריגן קעגן אונדזעריקע... מען דאַרף ביי זיי אַ זוך טון...

אַ פאַרסאָפּעטער לויפט גרונם שפּיוואַק אין בית־מדרש אריין :

— זעלנער ! זעלנער זענען געקומען !

— א גדולה אויף דיר, בייזערט זיך העניך נתן דודס, מיין אונטער וועט מאַכן א דאַמקע, שטער נישט !

מיט איין שאַר צעשאַרט גרונם די פּאַפּירענע דאַמקע :

— לעקעשעס ! די גאַס איז פול מיט זעלנער, פאַרגלוסט זיך ענק אַ דאַמקע. קום, זאָג איך דיר ! דו, שיעלע, אויך !

דאָס בית מדרש איז געוואָרן אויסגעליידיקט, אין שטאָט האָט אויפגע־

צאַפּלט אַ מהומה. אָבער אין שטיבל האָט מענדל נאַמן אויסגעטייטשט דעם ענין זעלנער אויף זיין אופן:

—זעלנער זענען נישט מער ווי סטראַשידלעס, טשוטשעלעס אזעלכע, כדי דער פּאַליאַק זאָל זיך נישט בונטעווען. בונט ליגט דעם פּאָליאַק אין די ביינער שוין פון דורות.

— בטלנות! — שלאָגט אים איבער מאיר ראדא — ווייסט כאָטש וואָס די גאַזעטן שרייבן? דיין פּאָליטיקע פון דייטשלאַנד איז שוין פון לאַנג פאַר־שימלט. וואָס ברייעסטו? וואָס דרייסטו אַ ספּאָדעק מיט טשוטשעלעס?

צוויי טעג שפּעטער האָבן זיך געזאַמלט זעלנער פון אלע ארומיקע דער־פער אַ לעב צו טון. די לופט איז געוואָרן אָנגעגליט. אָט רייסט זיך שוין גע־וויין און כליפּעניש ביי די סטראַגאַנעס אין מיטן מאַרק — זעלנער ראַבעווען, באַצאָלן נישט.

✶

דער לאַנגער איטשע באָקס, מענדל נאַמנס איידעם, איז געוואָרן קנעפּל בקנעפּל מיטן נאַטשאַלניק, צוליב זיין קנאַקעדיקן כאַכאָלסקן רוסיש. באָקס איז נישט זיין אמתער נאָמען. זיין פאָטער האָט אים שטענדיק גערופן בהמה! אָקס! איז פון דעם אַרויס: ב—אָקס. פּלוצלינג האָט אין דער קלויסטער־גאַס אויפגעריסן אַ געוואַלט וואָס האָט זיך געטראָגן ביז צום מאַרק און צו די פּאַרוועס: זעלנער האָבן צוגערויבט צוויי פּאָר שטיוול ביים אָרעמען שוסטער קאַצלייט, דערביי אויסגעהאַקט אים דאָס רעכטע אויג. אין דער אַנדערער טייל שטאָט האָט וואָיסק געקאַטעוועט שלמה סיסיעס, דעם שיינעם בעל־הבית ביים פּאַרטיידיקן זיין יונגע טאָכטער: געשלעפּט אים ווי אַ נהרג מיט אונטערגעהאַקטע זייטן ביז צו דער פּלומפּ אין מאַרק.

די צוויי יידישע לאַווניקעס, איטשע באָקס און זרילקע כאָלערניק, האָבן צוזאַמען מיטן נאַטשאַלניק אָרגאַניזירט אַ העפטיקן ווידערשטאַנד — מיט רייד און געבעט. שפּעטער אָבער זענען די צוויי יידישע לאַווניקעס אוועק מיט גיקלס בריטשקע קיין פּלאָצק, די גובערניע־שטאָט. פאַרנאַכטצו האָבן די זעלנער ווי דורך אַ האָסלע שנעל אָפּגעצויגן, צוזאַגנדיק בעסערע וויזיטן.

שלמה סיסיעס האָט מען געכאַפּט קיין פּלאָצק אין שפּיטאָל אריין; דעם

שוסטער קאַצליט געלאָזט היילן ביים ווישעגראַדער פעלדשער, יאַנקאָווסקי.

אויך „קאַצלייט" איז נישט געווען זיין ריכטיקער נאָמען. אַמאָל האָט זיין קאַץ אויפגעפרעסן צוויי קאַרעשלעך אויף שבת, האָט דער שוסטער געכאַפּט אַ דראַפּעך און נאָכגעשריגן דער קאַץ איבער די גאַסן ווי אַ באַנומענער: אָדער אַ קאַץ, אָדער אַ לייט...

אין פּלאַצק האָט מען זייערע גערעכטע טענות צו נישט געמאַכט:

— אַז די זעלנער זאָלן נישט פּאַנעווען, מוזט איר, צושטעלן פאַר זיי מאַכאַרקע און נאַשוואַרג אין מאַגיסטראַט. דאָס וועט זיין פאַר אייער טובה וועגן. אַנדערש איז דער פאַל מיט דעם כאַזיאַין סיסיעס, וואָס האָט בראַוו פאַרהיטן זיין טאָכטער. זיין דיעלאָ וועט געספּראַוועט ווערן נאָך אַ געהעריקער אויספאָרשונג.

פאַרגעסט נישט ס'קומען שווערע צייטן, קיינער ווייסט נישט וואָס דעמאָלט וועט זיין.

✶

דאָס, אויף וואָס מ'האָט זיך געריכט, איז צוהאַנען געקומען. דער מאָרד פון עסטרייכישן יורש עצר האָט דאָס ראָד פון דער וועלט־געשיכטע אַ האַסטיקן קער געטון.

„אין פראַנקרייך — האָבן געשריבן די צייטונגען — איז דערמאָרדעט געוואָרן דער אַפּאָסטאָל פון יושר און צדק".

דער טריבון האָט מעכטיק געדונערט איבער פעלקער און לענדער פאַר שלום; אָבער דער שר פון מלחמה איז מעכטיקער געווען. דער טויט פון זשאַן זשאָרעס האָט דערמעגלעכט די דייטשע פירערס פון אינטערנאַציאָנאַל צו שטימען פאַר מלחמה, אָן קיין שום אָפּהאַלט.

אין ווישעגראַד האָט מען זיך דערוווסט פון גרויסן בראַך ווען די שרפה האָט שוין געפלאַקערט. אינדערפרי זענען נאָך יידן געגאַנגען דאַווענען מיט רעשטלעך זאָרג פון נעכטן און בינטלעך צרות פאַרן מאָרגן. דער שוחט האָט געשאָכטן, דער רב האָט געפּסקנט און יידן האָבן געקייעט שטרוי — זוכנדיק אַ פאַרדינסטל אויפן טאָג.

אין יענעם ערשטן טאָג פון אויגוסט האָט די זון געפייערט מיט אַלע

פייערן. פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג, האָבן פלוצלינג אַלע שענקן אויסגעגאָסן בראָנפן אין די רינשטאָקן. מענטשן זענען געלאָפן מיט קענדלעך און באַנקעס אויפשעפן דעם סם־החיים וויפל נאָר עס לאָזט זיך. דער בראָנפן האָט זיך שנעל פאַרוואָסערט אינעם שאַריענדיקן אָפּלויף.

די בראָך האָט מען זיך דערוווּסט ערשט צומאָרגנס באַגינען, ווען יאַנעק קאָזשאָל איז געלאָפן איבער דער שטאָט מיטן גרעגער: „אין נאָמען פון צאַר און דער הייליקער מוטער רוסלאַנד איז דערקלערט מלחמה. מענער פון אַכצן ביז אַכט און פערציק מוזן זיך צושטעלן צום נייעם קאָמענדאַנט נאָכ־צוזען די פּאַפּירן, און מיטברענגען מיט זיך עסנוואַרג אויף דריי טעג. ווער עס וועט זיך אויסבאַהאַלטן, וועט דערשאָסן ווערן".

דורכן טאָג האָבן זיך געקרייצט באַפעלן און יאַנעק האָט געוויכערט מיטן גרעגער ווי אַ נישט גוטער.

דער שניידער אין יעקב וואָלפּס הויף, נישט ווייט פון ר׳ אברהמעלעס שעכטהייזל, האָט געוויינט אָן אויפהער מיט בלוטיקע טרערן:

— אויף וועמען לאָז איך איבער מיין ווייב מיט די דריי קינדער? איך ווייס, אַז כ׳וועל נישט צוריקקומען — ווי צו מיין לעבן!

זיין שכן, אברהמעלע, האָט געפּרוווט אים שטאַרקן:

— גלייבט אין אייבערשטן! נאָר אים איז באַוווּסט וואָס מאָרגן וועט זיין. נעמט מיט אַ תהלימל, אין שווערע שעהן וועט איר דערין אַ טרייסט געפינען.

דעם שניידערס געוויין איז אָוועק נאָך העכער:

— דאָס איז מיין פינצטערער גזר. וואָס דער מענטש פילט, איז דער אמת. פון היינט אָן בין איך מיין אייגענער שאָטן. זאָגט פאַר מיר קדיש — צעכלי־פּעט ער זיך נאָך שטאַרקער — דערמאָנט מיין נשמה. איר וועט האָבן אַ צייכן ווען איך וועל שוין נישט זיין.

עס זענען געווען טעג, שטוינענדיקע, צעמישטע, טעג שרעקיקע צום אומ־באַקאַנטן: וואָס וועט זיין?

די פּאָטשט צאָלט נישט אויס די דעפּאָזיטן. צענדליקער ווייַנען דאָרט אין די נעכט, ווילן ליבערשט שטאַרבן, איידער נישט האָבן מיט וואָס צו לעבן. דער נייער קאָמענדאַנט איז דער איינציקער הערשער. נאָר די וואָס האָבן גרויסע זאַפּאַסן קענען וואַרטן און האָפן אויפן באַלדיקן שלום... ווי פון

צעעפנטע שליוזעס שטראָמען דעם שונאָם חיילות און פאַרפלייצן. פאַר יידן איז דער איינציקער אָפּוער — דער תהלים.

✡

זעלנער, אומעטום זעלנער. זיי קומען אין מחנות ווי אַן אַנגעשיט. ביי שפּיוואַקן אין לאַנגן הויף ציט שלמה שטריקמאַכער הינטער זיך די קנוילן קאַנאַפּליעס, איינצודרייען עס אין שטריק. אָבער היינט מוז ער אַוועק מיט האַק און פּאַק — זאָל ער זיך וואַרפן אין ווייסל! דער הויף מוז ווערן אַ קאַזאַרמע איינצוקוואַרטירן זעלנער. פון ליפּעס טאַרטאַק האָבן יידן געמוזט שלעפּן געהילץ צו שפּיוואַקס הויף, אויפצושטעלן דאָרט ווי ס'איז אַ דאַך מיט שאַקלענדיקע ווענט. די אַרבעט איז געווען נישט אַ פּריוויליקע און נישט קיין באַצאָלטע. יינגלעך האָבן זיך שנעל פאַרהיימישט מיט סאָלדאַטן, געריכערט מאַכאָרקע, איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר, געהוסט און געקרעקט זיך ווי זקנים.

שבת האָבן זעלנער זיך געפּאַקט אין שול פאַר חוזק וועגן אָדער נייגיר. אין שטיבל זענען געקומען נאָר דריי, מיט ווייסע טורבאַנען איבער די קעפּ. זיי זענען נישט געווען קיין געוויינלעכע סאָלדאַטן. דאָס האָט זיך דערקענט פון זייערע קליידער און האַלטונג; זייערע מאַנטלען פון בעסערן שטאָף, מיט מעדאַלן און טשינען; זייערע מאַנדל־ברוינע אויגן האָבן געשטראַלט און שטיל איז געווען זייער מינדסטער שלייך.

שבת־צו־נאַכטס האָבן זיי געבעטן מע זאָל זיי מיטנעמען אין אַ יידישער שטוב. ר' אברהמעלע האָט נישט געקענט אָפּזאָגן: געזען אין זיי די דריי מלאכים ביי אברהם אבינו...

געוווּסט, עס איז נאָר אַ דמיון, ער האָט אָבער לאַנג אָנגעהאַלטן, דער דמיון. ביים זינגענדיקן סאַמאָוואַר האָבן זיך אויפגעבונדן זייערע צינגער און זיי האָבן דערציילט פון בוכאַרער יידן, וואָס געפינען זיך אין זייערע קאַנטן.

אויף צומאָרגנס זענען זיי געקומען מיט פּודלעס פּאַפּיראָסן און צוקערוואַרג פאַר די קליינע קינדער. ביי אברהמעלע שוחט זענען די דריי בוכאַרער אויסגעקומען נישט קיין פּשוטע מענטשן...

די מאַמע האָט זיך געריכט אין קימפּעט. דריי לאַנגע מעת לעת זיך

גערangלט אין ווייען — דער אייבערשטער זאָל זיך מרחם זיין. עס האָט געהאַלטן די מאַמע זאָל, חלילה, פון דער וועלט אַוועק און דאָס קינד זאָל נישט קומען. אין יענעם דריטן טאָג האָט מען אין שטאָט ווייניקער געטראַכט פון מלחמה ווי פון דער מקשה לילד אין איר גורל־שעה. פאַרבליבן איז נאָך די לעצטע סגולה — אָנצוקניפּן גאַרטלען פון דער בראָכשטול ביז צום אַלטן בית החיים, ווו עס רוט רבי יעקב דוד זכרונו לברכה, געוועזענער רב אין שטאָט במשך פערציק יאָר — ער זאָל זיך מיען. מ׳האָט געזען בחוש, דאָס קינד וויל נישט קומען אויף דער ערדישער וועלט, סיידן בעל כרחו. דאָס ערשטע געוויין פון קינד האָט געקלונגען אין שטאָט ווי אַ לויבגעזאַנג פאַרן גרויסן נס.

מ׳האָט דערציילט, די דריי בוכאַרער האָבן נישט אָפּגעטרעטן פון אברה־מעלעס הויף אין יענע שווערע טעג.

קאַפּיטל דריי און דרייסיק

די דראָזשקע אָן פערד

ווער אין שטאָט האָט נישט געקענט ברעטעלען?

אינעם סוף פון יאַפּאַנישן קריג האָט ער פאַרלוירן ביידע פיס ביז צו די דיכן און אַלע פינגער פון ביידע הענט. מיט פיר יאָר שפּעטער איז ער געקומען פון די שפּיטעלער אַ באַהאַנגענער מיט גרויסע מעדאַלן און מיט אַ הויכער פּענסיע אויפן לעבן אַרויס. געקומען, ווען זיין מוטער האָט שוין נישט געלעבט און פאַרבליבן אויף דער וועלט איינער אַליין.

געקומען איז ברעטעלע אויף אַ ריטשברעטל מיט פיר נידעריקע רעדלעך פון צוויי צאָל די הייך. די אָנפינגערדיקע הענט פארשטעקט אין לעדערנע פּאַס־קעס אַרום דעם האַלדז צו קענען ווי עס איז זיך באַהעלפן אינם ריטש. זיין פּנים איז געווען פון אַ פּיריעריק קינד, אַ געל אָפּגעצערט פּנימל, צוויי פינקל־דיקע פאַרוווּנדערטע אויגן און אַ פאַרשוירן בערדל אין פאָרם פון אַ סגל.

ווייסן מיר דאָך, אַז אין הימל ווערט אויסגערופן פערציק טעג פאַרן געבוירן ווערן ווער מיט וועמען וועט זיין אַ זיווג. אַן אָרים מיידל אין ווישעגראָד, אַ יתומה איינע אַליין, האָט מסכים געווען חתונה צו האָבן מיט ברעטעלען צוליב זיין גרויסער פּענסיע, אַפילו זי וועט קיין קינדער נישט האָבן.

אין אייניקע יאָר אַרום האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן ברעטעלעס כוח גברא: זעקס קינדער אין פאַרלויף פון אַכט יאָר. זעלטן איז ברעטעלע אַרויס אין גאַס זיך ריטשן, ווו אַ שטיין אָדער אַ רינשטאָק, זאָלן מענטשן דאַרפן אים אריבערטראָגן ווי אַ קליין קינד. ס'איז אים בכלל נישט ניחא געווען מע זאָל אים זען און באַדויערן.

ביים זייגן דאָס זעקסטע קינד, האָבן די ברעטעלאָוועס בריסטן געשטאָכן זי ווי מיט נאָדלען: זי האָט געהאַט צופיל מילך. האָבן ווייבער געראָטן גיין

צו דער שוחטקע, וואָס האָט געהאַט אַ שווערע קימפּעט און אָנזייגן אויך דאָס פּרעמדע קינד.

פיר מאָל אין טאָג איז זי געקומען, נאָכן אויסטרינקען האָפּן־ביר. די יינגלעך ביי אברהמעלע אין שטוב האָבן דעמאָלט זיך נישט געטאָרט ווייזן און זען, חלילה, דער פּרעמדערס אָפּגעדעקטע ברוסט.

דער טאַטע האָט דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש: צוקער־וואַסער מיט מילך וואָלט דען נישט גוט געווען? זייגן פון אַ פּרעמדער ברוסט, איז כאָווען דאָס קינד אין פּרעמד בלוט, פּרעמד לעבן, מיט פּרעמדע מידות אויפן לעבן אַרויס. ווען מ׳האָט געברויכט אָנזייגן משה רבינו, איז געקומען די אמתע מאַמע—יוכבד...

זיינע הרהורים האָבן זיך אַרויסגעוויזן פּאַר ריכטיקע, וואָרים שפּעטער האָט דאָס קינד זיך געריטשט איבער די פּאָדלאָגעס, האָבנדיק די ענגלישע קרענק. די פּרעמדע זייגערין האָט מען אָפּגעזאָגט אין טאָג פון ברית־מילה. גראָד אין טאָג פון ברית, האָט אברהמעלע געזוכט אַ נאָמען פּאַרן קינד און נישט געפונען. ווי אַלע מאָל אין שווערע פּאַלן, האָט דער פּאָטער זיך געווענדט צום ספר הספרים, געמישט אין די הייליקע בלעטער, ביז עס האָבן אויפגעלויכטן די ווערטער אין זיין געמיט „ולגד אמר ברוך״. באַלד האָט ער אַ קנאַק געטון מיט די פינגער: נו, זאָל אויך זיין ברוך!

✶

צוריקגעקומען פון פּלאַצקער שפּיטאָל איז שלמה סיסיעס איינגעזעצט געוואָרן אין שטראָפקאַמער — אין קאָזע. דורך דער צייט וואָס ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, האָבן זיך געיאַוועט צום קאָמענדאַנט צוויי פּויערים פון דאָרף רעמבאָווע עדות זאָגן, אַז דער ייד סיסיעס האָט זיך געוואָרפן מיט אַ פּרענט אין דער האַנט אויף די צוויי זעלנער, וועלכע האָבן געמוזט זיך פּאַרטיידיקן. די געשיכטע מיטן זשידס טאַכטער איז אַן אויסטראַכטעניש.

די דאָזיקע מסירה האָט געשמעקט מיט סכנת־נפשות, דערצו נאָך אין מלחמה־צייט. דער שטאָט האָט די פּאַלשע מסירה געטראָפן ווי אַ דונער — שלמה סיסיעס וועט דעם בילבול נישט איבערלעבן.

לייבוש געמאַך, פון די ערשטע ציוניסטן אין שטאָט, וואָס האָט נושא־חן געווען ביים נייעם קאָמענדאַנט, איז געקומען צו אים בעטן יושר, באַגלייט מיט אַ סומע פאַר ווילטעטיקע צוועקן.

דער קאָמענדאַנט האָט געענטפערט מיט אַ גיפטיק שמייכעלע:

— קריגסצייט. מיר האָבן וויכטיקערע דיעלעס. קומט אין צוויי חדשים אַרום.

דער רב האָט זיך געלאָזט איבער די גאַסן מיט געבעט: יידן, זאָגט תהלים, בעט פאַרן אומשולדיקן נתפס ער זאָל גיך באַפרייט ווערן; חוץ מזה, עפנט די הערצער, די מעגלעכקייט אים צו ראַטעווען. עס גייט בנפש; לאָמיר נישט שולדיק זיין אין פאַרגיסן בלוט!

די שרעק, אַז דאָס אייגענע קען אויך פּאַסירן מיט אַנדערע יידן, האָט קיינעם נישט צורו געלאָזט.

לייבוש געמאַך איז ווידער אַוועק צום קאָמענדאַנט:

— דער אומשולדיקער וועט אַזאַ צייט נישט אויסהאַלטן. די גאַנצע שטאָט בעט פאַר אים. דערביי האָט ער פאַרגעלייגט אַ גרעסערע סומע פאַר קריגס־צוועקן.

דער קאָמענדאַנט האָט צוגעזאָגט אַ פּרווו טון:

— מיר וועלן די פּוילישע עדות שטרענג אויספאָרשן, נאָר מיטן איינציקן באַדינג, אַז דעם יידס שיינע טאָכטער זאָל אויך קומען אין קאַנצעלאַריע אויסגעפאָרשט צו ווערן.

אָט אַזוי האָט איין צרה געבוירן די אַנדערע...

איינער פון די דריי בוכאַרער יידן, האָט אַריינגערעדלט אין שטאָט אַריין אין אַ דראָזשקע אויף פיר גומענע רעדער און אַ טראָמבקע, ווי אַ לאַנגער האָרן. די דראָזשקע איז געפאָרן אַליין, אָן פערד. אַלע זענען געלאָפן אויף חידושים. אין מיטן דערינען האָט די טראָמבקע זיך צעגלישעט און מענטשן זענען געלאָפן איבער שטאָק און שטיין, נישט צעריבן צו ווערן אונטער דער טייוולאָנישער מאַשין.

— נאָר דער טייוול האָט געקאָנט אויסטראַכטן אַזאַ מאַשין — האָט גיקל דער האַלבער דייטש גענומען אויפקלערן דעם וויסטן וווּנדער. פאַראַיאָרן, האָט ער אין וואַרשע געזען פאָרן אַזאַ מאַשין אָן פערד — צען מאָל פלינקער.

אַמעריקאַנער געלערנטע, די בעסטע אין דער וועלט, האָבן דאס אויסגע־טראַכט די דאָזיקע מאַשין, וואָס מען רופט „סאַמאָכאָד״.

גיקל האָט איצט דערציילט פון אַנדערע נייע וווּנדער: פייגל פליען אונטערן הימל העכער פון די אָדלערס. אינעווייניק זיצן געלערנטע וואָס טרייבן די מאַשין ווו נאָר זיי ווילן. ס׳איז אַזוינס וואָס מען קען זיך קוים פאָר־שטעלן: אַ שטאָלענער פּאַלאַץ און זען זעט ער אויס נישט גרעסער פון אַ ציגאַר. אויך אַנדערע געמאַכן מיט ריזיקע פליגל פליען אַרום אין די הייכן; מען זעט זיי קוים מיטן אויג — זיי רופט מען „סאַמעלאָטן״.

ראַפּטעם זענען זיך אַלע צעלאָפן פאַר מורא און נייגיר, ווען מ׳האָט אַראָפּ־געפירט דעם קאָמענדאַנט געשלאָסן אין קייטלעך און די מאַשין האָט גיך אָוועקגערעדלט הינטער דער שטאָט מיט אַ פאַרטייבלעכן טראָמב.

קאַפּיטל פיר און דרייסיק

שדים אין גערער שטיבל

רבי מאָטעלע דער נסתר איז וויניק באַקאַנט אין שטאָט. אין די ימים נוראים קען מען אים טרעפן אין גערער שטיבל. ער וווינט כמעט אויסער דער שטאָט, אין שלמה סיסיעס הויז, ווו ער פאַרנעמט צוויי שטובן מיט אַן אַלקער און קיך. אין זעלבן הויז געפינט זיך דאָס שניידערישע שולעכל. דאַוונט ער דאָרט אין די שבתים און ימים טובים.

נאָר יחידים ווייסן פונוואַנעט ער האָט פּרנסה. וואָרעם ער זיצט טאָג און נאַכט אין לערנען און שרייבט חידושי תורה. ער איז אַ חלוש. אויך אין די הייסע זומערטעג טראָגט ער אַ לייבל אונטערן אַרבע כנפות און נוצט רפואות פאַרן גוף וועגן. אַנדערש איז מיט רפואות הנפש וואָס ער גיט אַנדערע.

מיט צוויי יאָר צוריק, איידער ווישעגראַד האָט אויפגענומען רבי ירמיה־לען, דעם קאַלישער איידעם פאַר אַמשינאָווער רבין, האָט רבי מאָטעלע זיך אָפּגעזאָגט צו פירן רביסטווע, נישט געוואָלט נאָכקומען די טויזנטער חסידים וואָס האָבן אים געוואָלט קרוינען. אַ סך צייט האָט ער געמוזט מקריב זיין אויף בריוו צו גדולי הדור, כדי צו באַרעכטיקן זיין סירוב.

זיין בן־יחיד, שיעלע, אַ בר־מצווה־בחור מיט אַ פייערדיקן קאָפּ, האָט געלערנט אין בית־מדרש ביחידות. ער פלעגט אפט דמיונען אויפן שולבאַרג, קוקן לאַנגע שעהען צום הימל, אדער צו דער ווייסל — אַ פאַרטראַכטער.

ביי דעם ווייסל־ברעג שפּילן שקצים אין שטיינער־ווערפל: ווער עס וואַרפט די שטיינער נורקים און צום וויטסטן, דער געווינט.

אַן אַנדער שפּיל האָט געהייסן: קאַטשקעס. די שטיינער דאַרפן אַרונטער אין וואַסער און צוריק אַרויפקומען מערערע מאָל. איינער אַזאַ שטיין, געוואָרפן צו הויך, האָט זיך אַנגעשלאָגן אין די טעלעפאָן־דראָטן.

אין דערפל אילאָווע, ווו די בזורע פאַלט אַריין אין דער ווייסל, האָט זיך

געפונען דער רוסישער שטאַב. גלייך האָט ווער איבערגעגעבן טעלפאַניש דעם באַפעל צו כאַפּן די שעדיקער.

די שקצים זענען שנעל אַנטלאָפן, געבליבן איז נאָר שיעלע איינער אַליין אויפן שולבאַרג אַ פאַרנומענער אין טראַכטן.

מיט יעדער מינוט האָט זיך די געפאַר דערנענטערט; זעלנער אויף בײַ־ציקלעטן האָבן שוין דערגרייכט דעם שולבאַרג, ווו עס שטייט מיטן פנים צו דער ווייסל — דער שפּיאָן...

ווי פון העלער הויט האָט זיך פלוצלינג באַוויזן אַן אָפּיציר, א הויב געטון דאָס יונגע בחורל מיט אַן אייזערנער האַנט און אים איבערגעטראָגן ביז צו די פּאַרוועס.

אין שטאָט האָט זיך צעלאָזט דער גרעגער וועגן שפּיאָן, וואָס האָט גע־פּרווט איבערהאַקן די טעלעפאָן־דראָטן: ווער ס׳וועט אים כאַפּן וועט ווערן באַלוינט, דעם געכאַפּטן וועט מען הענגען אין מיטן מאַרק.

רבי מאָטעלעס פאַמיליע האָט געבענטשט גומל און צומאַרגנס אַוועק פון שטאָט. עס איז געווען אַ נס וואָס קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי און דורך וועמען.

דער איינציקער וואָס האָט געטראַכט וועגן די בוכאַרער איז געווען אברה־מעלע שוחט...

✶

אברהמעלעס עלטסטער זון, גרשון, איז אַוועק קיין פלאַצק זיך צושטעלן צום לאָס. כאָטש ער האָט געוווסט פון זיין זיידנס ברכה: אַלע אייניקלעך וועלן נישט דינען אין מיליטער, האָט ער פונדעסטוועגן זיך געשראָקן און געצווייַ־פלט דערין.

אין דער פּריסוטסטוואָ — אַ בייזער שניט; נאָר קאַליקעס שבקאַליקעס ווערן באַפרייט. גרשון איז איבערגעשראָקן — מאַלע וואָס דער זיידע האָט געוווּנטשן?...

דער דאָקטער לייגט צו זיין האַנט צום פּריזיוּוניקס ברוסט, ווערן אים די אויגן קיילעכיק פון ווונדער; וויאַזוי קען דער מענטש לעבן און אָטעמען?

דאָס האַרץ־ברעט איז ביי אים אויסגעקומען צופיל איינגעשרומפּן, צו טיף און ענג.

שטיל קלאַפּט גרשונס האַרץ, קוים צו הערן, דער בלוטדרוק שוואַך און נידעריק. עס דערהערט זיך דאָס געבענטשטע וואָרט: ניע גאָדיען!

דער טאַטע איז אָבער פון דער גוטער בשורה נישט נתפּעל — האָט ער דען נישט געוווּסט?...

דעמאָלט טאַקע איז געפּאַנגען געוואָרן אַ דייטשער זעלנער מיט אַ שפּי־ציקער טורעם־קאַסקע אויפן קאָפּ. מ'האָט אים געבראַנגט קיין ווישעגראַד אויסצופאָרשן, געשטעלט אים פאַרן מאַגיסטראַט, אַלע זאָלן אים זען.

דער זעלנער איז געווען אין די פערציקער יאָרן, אַ בלאָנדער מיט אַ חיהשן קוק און פאַרביסענעם פּיסק. ביי יעדער פראַגע קלאַפּט ער מיט די אָבצאַסן — פאַרן קייזער און פאָטערלאַנד! אַן אַנדער וואָרט קומט פון אים נישט אַרויס, שטייט ווי אַ בלאָט אין ווינט און עס שפּריצן זיינע גרינע אויגן מיט גיפט. מ'האָט אים אַוועקגעפירט. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פּחד אין שטאָט.

די מלחמה קייקלט זיך אַלץ נענטער.

★

מיטן ערשטן שניי טראָגט זיך פון אַרומיקע דערפער א ביקסן־געקנאַל צוזאַמען מיט אַ גערויש פון זשומענדיקע פליגל. פאַרהאַקטע פענצטער רייסן זיך אויף צום חלל. דער געקנאַל וויברירט, ציטערט אָפּ מיט קעצישן געוואַי. זעלנער כאַפּן זיך צו ביקסן, לענען זיי אַן אויף אַקסלען און צילעווען מיט געעפנטע צינגלעך. אַ זעלנער טרעפט אין ציל. פונעם שטאַרקן ווידערשטויס פון זיין שאָס פאַלט ער אום אויפן ברוק. ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל אים אויפהייבן. אַלע מענטשן, קינד און קייט זענען ווי ווילדע געלאָפן צום וואַר־שעווער וועג, ווו ס'איז אַראָפּגעפאַלן דער עראָפּלאַן, ווי אַן אַרונטערגעשאָסע־נער פויגל, מיטן שנאָבל אין שניי.

אין די חנוכה־טעג האָבן געצויגן אָבאָזן דורך ווישעגראַד קיין פּלאָצק — טאָג און נאַכט.

פאַראַן טעג וואָס ציען זיך ווי יאָרן...

די שטאָט האָט זיך געטרייסלט אונטער די טויזנטער אָבאָזן אָן אַ סוף. דער ערגסטער גורל איז אויסגעפאַלן אויף די פּוסגייערס, דער „פּיעכאָטע״. גאַנצע מחנות, מידע, אויסגעלאָשענע, מיט ראַזעווע שינעלן ביז איבער די קנעכלען האָבן זיך נישט געקענט דערמונטערן מיט די פּאַנישע, כּאָכאָלסקע לידלעך וועגן מיידן און שנאַפּס. ווי פּי געטריבענע צום שעכטהויז, האָבן זיי פאַר־חלשטע געבעטן אַ שלוק וואַסער און אַ קיי.

די שטאָטישע איינוווינער האָבן טאָג און נאַכט אַרויסגעטראָגן פאַר די זעלנער קאָכיקע טשייניקעס מיט טיי און צוקער־קאַסטקעס, קאָכיקע זופּן, פּענעצן ברויט און סוכאַרעס — ס׳איז אָבער אַלץ געווען ווינציק, ווי אַ טראָפּן אין ים.

אומעטום האָבן מענטשן געכאָוועט אין זיך די צווייפלהאַפטע האָפענונג צו באַגעגענען, אפשר, צווישן די אומצאָליקע זעלנער, אַ נאָענטן, אַ באַקאַנטן. דער מאַרש ווערט אָפּגעשטעלט אויף מינוטן, דערנאָך ציען זיי ווייטער. אויך רב אברהמעלע האָט מיטגעהאָלפן זיינע בני־בית אין דער עובדה פון קאָר־מענען זעלנער — מיט טעפּ אין די הענט. מיט אַ מאָל דערזעט ער אַ זעלנער אין אַ שינעל ביז די אָבצאַסן רייסט זיך צו אים, זיין צעקנאָדערטע באָרד רייסט זיך אויפן ווינט:

— ר׳ אברהמעלע — שרייט דער זעלנער מיט לעצטע כוחות — איך בין לייבעלע דעם חפץ חיימס! דאָ בין איך, אויף לינקס.

אברהמעלע האָט בשום אופן זיך נישט געקענט דערשלאָגן צו אים.

— רב אברהמעלע, בעט פאַר מיר אין מיין לעצטן גאַנג. כ׳האָב מיט זיך דאָס ספר הגורלות פון ר׳ סעדיה גאון און איך וויס אַז...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע: „שאַגאָם מאַרש״! די זעלנער האָבן ווידער געגומען אויסקלאַפּן זייער פאַרטויבנדיקן אומעט אויפן ברוק, ר׳ אברהמעלע האָט מער גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט, ער האָט פולע טעג געפּיבערט אויסטערלישע חזיונות, נישט אויפהערנדיק תפילה צו טון פאַר רב לייבעלעס נשמה.

די שלאָכט פאַרן בזורע־טייך האָט געפלאַקערט מיט אַלע מעגלעכסטע פייַ־ערן: שראַפּנעלן האָבן געהודזשעט, אויפגעפּלאַצט נאָענט פון שטאָט, געקראַכט און פאַרטויבט די לופט מיט יעדן סווישטש. אין שפּיוואַקס הויף איז אַראָפּגע־

פאַלן אַ באָמבע פון שווערן קאַליבער צוויי איילן טיף אין דער ערד און אויפגעריסן דעם גאַנצן הויף. די קאַזאַרמע האָט געפלאַקערט ווי קין. ווער ס׳איז אומגעקומען פון צעשפּריצטע ברוכשטיקער און ווער פון טשאַד און דערשטיקונג.

די לינקע זייט ווייסל איז געמינעוועט פון שונא; די רוסישע סאַפּיאָרן מיט זייערע פּאָנטאָנבריקן זענען מער נישט צוריקגעקומען.

אין הערשל שווירצס שטיינערנער מויער האָבן יידן שוין קיין כוח נישט געהאַט פון שרייען צום הימל מיט געוויין און געבעט.

שוין דער דריטער טאָג ווי דאָס באָמבאַרדירן הערט נישט אויף. קינדער חלשן פאַר אַ שלוק וואַסער, א לעפל געקעכץ. עס איז שוין באַקאַנט די שרעק־לעכע גזירה, אז יידן וועלן מוזן אַוועק פון די אַרומיקע שלאַכט־פעלדער, זיי מוזן זיך גרייטן צום אומבאַקאַנטן מאָרגן.

אויף דער זעלנער־וואַך זענען רוצחיש אומגעקומען דריי אומשולדיקע יידן, צוויי זענען געהאָנגען געוואָרן אין מיטן מאַרק, דעם דריטן — פאַר־שלעפּט אויף נישט מער צוריקצוקומען.

מיט צוויי דריטל פון הויזגעזינד, איז אברהמעלע אַוועק צום שוואָגער, איטשע מאיר טענענבוים, קיין פּראַגע. אוועק אומגעפרעגט. פרעגט דען דער וואָס שטייט אין פייער, צי זאָל ער זיך ראַטעווען?

איבערגעלאָזט דריי קינדער אין פייער, באַלד קומט ער נאָך זיי. ווען ער איז צוריקגעקומען איז שוין קיין איינציקער ייד אין שטעטל נישט געווען. ער אַליין איז אויך פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַרייַן. נאָכדעם ווי די גאַנצע משפחה האָט אים באַדויערט און באַוויינט, א חודש צייט, איז אברהמעלע צוריקגעקומען, ווי פון יענער וועלט, מיט אויסטערלישע נסים...

✶

נאָכן דורכפאַל מיט די מצות־שמורה, איז אברהמעלע אַוועק פּרוּוון דאָס מזל ביים רייכן פּאָדריאַטשיק פּאָליאַקעוויטש. מ׳האָט געשמועסט, אַז דער פּאָדריאַטשיק דאַרף צושטעלן צען מיליאָן זעק פאַר די שוץ־אָקאָפּעס.

אברהמעלע, מיט זיינע צוויי עלטערע זין, האָבן איינגעלייגט די ריזיקע קאָלעמס זאַקלייוונט אויף לאַנגע טישן און געשניטן דערנאָך די לאָגן מיט אַ

לאַנג מעסער, ווערליק באַשטימטע גרייסן. די אַרבעט איז געווען אמתע עבודת פּרך.

געניִיט האָט מען פּושעריש, ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, אויף דריי אויס־געבאָרגטע ניי־מאַשינען.

✶

דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט געזען פּאָליאַקעוויטשן איז געווען ביי אַ לוויה, וואָס וואַרשע האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ נישט געזען.

אַ ריזיקער מענטשנשטראָם האָט זיך געריסן איבער צענדליקער גאַסן: דזשיקע, נאַלעווקעס, מילע, מוראַנאָווסקע — צו דער גענשע. די גאַסן זענען געווען פאַרשטאָפּט און ס'איז נישט געווען מעגלעך צו שטעלן אַן איינציקן טראָט. דעלעגאַציעס פון פאַראיינען און פּאַרטייען, פאַרשטייער פון פאַר־שידענע אַנשטאַלטן, פון אַלערליי קרייזן און שאַטירונגען, זענען געקומען באַגלייטן דעם גרויסן נפטר, מיט געוויין און באַדויער.

אין ענגעניש איז אברהמעלע געשטאַנען צווישן געזעמל פון טויזנטער, וואָס האָבן געוויינט שטיל אין זיך, נישט געקענט איינהאַלטן דעם טיפן צער. ס'איז געווען שביעי של פסח.

— ווער איז דער נפטר? — פרעגט אברהמעלע איינעם מיט אַ צילינדער־הוט, אָנגעלעגט אויף אַ פּאַראַסאָל, כאָטש דער פרילינגטאָג איז געווען אַ שיינער, קיין איינציק וואָלקנדל אויפן בלויען הימל.

— כ'ווייס נישט, רב ייד, מע זאָגט אַ גרויסער שרייבער...

— וואָס מיינט ביי אייך אַ שרייבער? חידושים, זעט אויס, האָט ער נישט געשריבן. אַנדערש, וואָלט מען דאָך גערעדט דערפון אין אונדזער שטיבל, טאַקע דאָ אויף גענשע נומער ניינצן.

— דער נפטר דאַרף האָבן געווען אַ גרויסער ייד, דרייט דער צילינדער־ייד מיטן קאָפּ. שוין לאַנגע יאָרן נישט געזען אַזאַ גרויסע לוויה.

— קענט איר, אפשר, אַ יידן אויף די נאַלעווקעס נומער פיר, פּאָליאַקע־וויטש הייסט ער? — פרעגט אברהמעלע כלאחר יד.

— איר קענט אים פּערזענלעך? — פרעגט מיט שטוינונג דער ייד מיטן צילינדער. וואָס דאַרפט איר צו אים?

— נישט פּערזענלעך. — ס'איז נישט צו רעדן אום יום־טוב. איך האָב

אייגנטלעך פאַרבלאָנדזשעט. איך בין אַ היימלאָזער פון דער שטאָט ווישע־גראַד. געווען דאָרט שוחט. אפשר קענט איר דעם פּאַליאַקעוויטש ?

— איר זענט נישט ווייט פון נאַלעווקעס פיר און נישט פון פּאַליאַקע־וויטשן. קומט נאָך פסח.

אין אברהמעלעס קאָפּ רוישט ווי אין אַ מיל : וואָס מיינט „קומט נאָך פסח" ? — ווער זענט איר ?

— נישט אַלע מענטשן ווייסן ווער זיי זענען. דאָס רוב מענטשן האַנדלען אַנדערש ווי דאָס האַרץ דיקטירט זיי. דער נפטר מיטן נאָמען יצחק לייבוש פּרץ איז געווען אַ גרויסער שרייבער ביי אונדז יידן. והא ראיה : אפילו איר, אַ חסיד, זענט אויך דאָ...

✶

אַ פריקאַז אָפּצושטעלן תיכף ומיד דעם פּאָדריאַד פון שוצזעק. דאָס געוועב פון זאַקלייוונט איז שיטער און לעכערדיק ווי ציבעלע־זעק. וויפל מע שיט דאָס זאַמד, פאַלט עס צוריק אַרויס.

אין דעמזעלבן טאָג איז פּאַליאַקעוויטש נעלם געוואָרן.

אברהמעלע האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט אויסגעצויגענע העזנט צום הימל : מאין יבוא עזרי ? קוים פיר וואָכן וואָס ער האָט געאַרבעט שווער און ביטער און געלויבט דעם אייבערשטן דערפאַר. היינט איז פאַרבליבן אַ ליי־דיקייט אין שטוב, נישט מאַשינען, נישט חיונה. ווי טוט מען זיך אַן עצה ? וואָלט ער כאָטש געקענט צום רבין פאָרן. איז היינט שעת חירום. „מאן דיהב חיי יהב מזוני" — איז היינט גאָרנישט שייך. וואָס וועט זיין ? אין שטאָט קור־סירן פאַרשידענע קלאַנגען : דער דייטש איז שוין דאָ, שוין דאָרט, דערנענ־טערט זיך מיט מיילן־טריט צו דער הויפּטשטאָט.

✶

אַ פריקאַז פון הויכער ספערע האָט שטרענג באַפוילן שליסן דעם קונסט־היכל „זאַכענטאַ", פאַרשפאַרן די פּאָניאַטאָווסקי־בריק, די שענסטע פון די בריקן, וואָס פירן קיין פּראַגע און פאַרמאַכן דעם ווינער וואָקזאַל און דעם פּראַטער. אין דעמזעלבן טאָג איז פאַרבאָטן געוואָרן פאַר יידן צו באַטרעטן

פֿאַרשידענע פּלעצער, ווי דעם בעלוועדער, קראַקאָווסקע־פּזשעדמיעשטשע, יעראָזאָלימסקע אַלעע א״אַנד.

טויזנטער אויסגעלאָשענע מענטשן האָבן געשווייבלט אין די גאַסן. מיט פֿינצטערע בליקן האָבן זיי געקוקט אויף יענע וואַרשעווער, וואָס כאַליען אין אויסגעבריטע, זאַטע היימען און זאָרגן נישט פֿאַר די אויסגעוואָרצלטע, דער־שטיקטע אין פּריוטן.

אָן די עלטערנס וויסן, האָט יאָסעלע זיך געטראָגן איבער די גאַסן, ווי אַ נאָכטוואַנדלער איבער שיפּועים און תהומות. ביים פֿאַרמאַכטן ווינער וואָקזאַל האָט ער געזען מענטשן, ווי רויבפֿייגל אַרום אַ פּגר, רייסן ברעטער וואָס זענען גלייך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין — אַ וווּנדער! — אין פּענעצן ברויט...

דער סקעלעט פֿונעם וואָקזאַל איז געוואָרן דער סימבאָל פֿון הפקר־צייט, און נישט דער הימל איז אַראָפּגעפֿאַלן, נישט תהומות האָבן אויפֿגעבראָכן.

ווען דער דייטש האָט באַטראָטן וואַרשע, האָט דאָס גאַווהדיקע מיליטער דעפֿילירט אין די פּרינציפּאַלע גאַסן מיט שמייכלענדיקע חזיר־פּנימער: אויסגעלייזט איז די וועלט. צוליבן צוקערוואַרג, האָבן קינדער געשריגן: „האָך!״ און די דייטשע פּינקטלעכקייט האָט גענומען שאַלטעווען מיט אַ שטאַרקן אָרעם.

פֿאַר אברהמעלען איז שוין געווען די העכסטע צייט קומען צום רבין זיך מתנצל זיין.

ויהי־ערב ויהי־בוקר, צוערשט נאַכט, דערנאָך טאָג — ווען ס׳איז גוט פֿינצטער קומט דאָס ליכט. כפֿל־כפֿליים ווערט מקוים די ברכה פֿון צדיק, פֿאַר דעם וואָס גלייבט. אברהמעלען האָט געהאָלפֿן דעם רבינס ברכה דערפֿאַר וואָס ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, וואָרום מיטן פּשוטן שכל איז די מדרגה פֿון הצדיק גוזר והקב״ה מקיים גאָרנישט משיג צו זיין.

אין אברהמלס מחשבה וועבן זיך פּלענער מיט גילדענע פֿעדעם, ווי אַזוי איבערצוואַנדערשן זיין שטוב אויף אַ חסידישן, נגידישן שטייגער.

אין חפצים־געשעפֿט אויף גראַניטשנע קויפֿט ער אַ המוציא־מעסער מיט אַ קלינג פֿון עכט שוועדישן שטאָל; די אותיות „שבת קודש״ באַזעצט מיט פּערלמוטער. ביים חסידישן יוועלירער, ערליך, געפֿינט ער אַ טייערן קידוש־בעכער גראַווירט מיט זעלטענע מאָטיוון. אַ רחבות צעלייגט זיך אין

דער ענגער דירה. עס שמעקט מיט פרישן חלה־שטריצל „לכבוד שבת״, מיט שבתדיקע געפילטע פיש.

— טו אויפהערן וויינען,ביילע — ווענדעט ער זיך צו זיין פרוי מיט קענטיקן צער — מיר זענען נישט מער אין ווישעגראַד. בכל אופן, מער נישט משועבד צו קיינעם.

די מאַמע ציטערט אויף:

— ביסט נישט מער משועבד? איז דען פאַראַן איין מענטש אויף דער וועלט וואָס איז נישט אָפּהענגיק?

— ביסט גערעכט און נישט גערעכט — ענטפערט אברהמעלע מיט א נישט זיכערן טאָן — מען קען נישט לעבן נאָר מיטן נעכטן, מיט דעם וואָס איז מער נישטאָ. דער בראַסלאַווער ז״ל האָט געוואָרנט נישט איינצוטענהען מיטן בעל־דבר וועגן דעם וואָס איז געווען נעכטן, נאָר ווענדן זיך מיטן פּנים צום מאָרגן און פאַרריכטן, מתקן זיין, וויפל ס׳לאָזט זיך...

זיין פּנים ווערט אויפגעשיינט, זיין שטימע העכערט זיך — נאָך צוויי מסחרים ווי מיט די ראָזשינקעס, וועלן מיר דינגען, מיטן אייבערשטנס הילף, אַ באַקוועמערע דירה און האָבן נחת פון אונדזערע קינדער.

✶

אברהמעלע זיצטביים פענצטער צום הויף אַרויס, פאַרטראַכט וועגן געשעפטן. פאַראַן אַ מאַנגל אין רוסישע פּאַפּיראָסן און טיטון. ערשט אַ פּאָר וואָכן ווי עמלק י״ש האָט איינגענומען פּוילן און אַלע זאַפּאַסן לאָזן זיך אויס. פון טאָג צו טאָג ווערט טיטון טייערער. שוין כמעט נישט בנמצא. וויסן מיר דאָך דעם קיימאַ־לן: אויב סחורה ווערט טייערער, איז געלט ביליקער. ס׳הייבט זיך אָן מיט פּאַפּיראָסן, וואָס נישט אַלע געברויכן און ס׳קען זיך ענדיקן מיט לחם לאכל, פּשוט דאָס לעבן צו דערהאַלטן.

בעת ער טראַכט אַזוי, עפנט זיך די טיר, ווי אין אַ מעשה־ביכל, און ס׳קומט אַריין גרשון פון ווישקאָוו, אברהמעלעס עלטסטער ברודער. מיט זיינע צוויי זין, ירחמיאל און הענעך.

געקומען זענען זיי שואל עצה זיין אין מסחר:

— אין ווישקאָוו זענען רוסישע פּאַפּיראָסן, בפרט „גאַטשינע״, כמעט נישט

צו באַקומען. די פּרייזן שטייגן פון טאָג צו טאָג. אַ האָסע געוואָרן. די דייטשי־שע ציגאַרעטן זענען לייכט ווי שטרוי, זיי האָבן דעם מינדסטן טעם נישט, זענען דערצו נאָך געוואַלדיק טייער. דו, אברהמעלע, ביסט געוואָרן ברוך השם, ער צעהוסט זיך דערביי אויפן קול, מיט איין מאָל אַ גביר. אפשר מאַכן מיר דאָס מסחר פּאַפּיראָסן בשותפות? ס'וועט זיין אין געוויסן זין ווי זבולן און יששכר, וואָס זאָגסטו דערצו?

אברהמעלען האָט דאָס מסחר נישט געהאַרצט; געדענקט ער דאָך דעם האַנדל מיט שמורה־מצות, וואָס האָט געקענט גוט אַוועק, אָבער דער גורל האָט זיך אַריינגעמישט...

זיין ענטפער איז אַרויסגעקומען אַ טרוקענער:

— לעולם, אחי, דאַרף איך נישט צעטרענצלען דאָס געלט אויף קליינע און נישט זיכערע געשעפטן. דער רבי זאָל לעבן האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף „אָסטראָזשנע״, דאַרף איך זיין אָסטראָזשנע אויך אין פּשוטן זין. לאָמיר איינ־שטעלן אויף הונדערט קאַסטנס. וועט גוט אַוועק — וועלן מיר וויטער זען. עס פרעגט זיך נאָר, וויפל דו האָסט בדעה און וויפל ביסטו בכוח אַריינצו־לייגן אין שותפות?

גרשון האָט לאַנג געחשבונט מיט זיין בלייער, פאַרכליניעט אין ציפערן. עס ווערט אים קלאָר, אַז יעדער קאַסטן באַשטייט פון טויזנט שאַכטלען צו צוואַנציק שטיק. עס דרייען זיך רעדער פאַר זיינע אויגן: ווו נעמט מען אַזאַ מטמון? ער נעמט ארום די באָרד, גלעט זי און צערטלט:

— איך קען צושטיין קוים מיט אַ פערטחלק. זאָל זיין מיט הצלחה, ברודער.

גרשונס ביידע זין האָבן זיך גלייך אַוועקגעלאָזט איבער די וואַרשעווער און פּראַגער געוועלבלעך, געצאָלט אין טאָג אַריין און דאָך איז זיי נישט גרינג אָנגעקומען. די הונדערט קאַסטנס אָפּגעלייגט אין ביאַלאָבזשעסקיס שפּייכלער, ביי אברהמעלען אין הויף, ווי אַנומלט — די זעק מיט ראָזשינקעס.

דאָס מאָל האָט זיך אברהמעלע נישט אַוועקגעזעצט לערנען, ווייל ער האָט שוין זיינס אָפּגעטון. נאָר טאָג נאָך טאָג זיך געדרייט פאַר דער בערזע צו דערשמעקן פּרייזן. ווי דערשטוינט איז ער געווען, ווען אַ סוחר אויף די נאָ־לעווקעס האָט אים פאַרגעלייגט מער ווי טאָפּלט ריווח און ער, אברהמעלע, אין בהלה, האָט תיכף צוגעקלאַפּט.

אויפֿן וועג אַהיים פֿון די נאַלעווקעס האָט עס אים אונטערגעהויבן.

גרשון האָט געהאַלטן, אַז דאָס עסק איז גאָרנישט פּשוט, טאָפּלט ריווח איז כמעט נישט שכיח:

— אָ־וואָ! אָ־וואָ! — שטאַמלט ער צו זיך אין באָרד אַריין — אַמער האָט ער נישט איינגעשטעלט גלייך אויף גלייך? הלמאי נישט פֿאַרבאָרגט זיך און געווונען נאָכאַמאָל טאָפּלט? אָווע־טאָווע, געוועזן ביים מזל און אַוועק מיט קרישקעס.

אברהמעלע איז שוין דעמלט געווען פֿאַרנומען מיט אַנדערע געדאַנקען און נייע געשעפֿטן.

✶

דאָס ייִנגסטע קינד, ברוכל, וואָס ריטשט זיך איבער די פּאָדלאָגעס, דער־מאָנט ברעטעלען, די קאַליקע אין ווישעגראָד, ווישעגראָד בכלל. דאָרט, אין שטעטל, ליגן באַהאַלטן מיט אברהמלס ספֿרים אַזויפֿיל אָפּגעלעבטע יאָרן. דאָרט קנוילן זיך זכרונות, גוטע און שלעכטע, טליען — דער זשאַר וועט אײ־ביק בלייבן. דאָרט — בליצן אויף דערמאָנונגען, דערנאָך ווערט ווידער פֿינצטער...

אברהמעלע איז אַוועק צום פּריזוט פֿון באָניפֿראַטן־גאַס, זיך טרעפֿן מיט ווישעגראָדער. פֿיל זענען שוין געווען צוריקגעפֿאָרן אַהיים. משה האָדעסעס האָט ער געטראָפֿן ליגן אויף דער קאָיקע — אַ קראַנקן. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. די וואָס זענען נאָך געבליבן, באַלאַגערן די נייגעשאַ־פֿענע אינסטיטוציע אויף לעשנע־גאַס צו באַקומען קליידונג און געלטשטיצע, וואָס איז פֿאַר די היימלאָזע ממש אַ גיכע הילף. גאַנצע טעג שטייען זיי אין ריי און גייען אַוועק מיט שטומע האָפֿענונגען אויף מאָרגן...

משה האָדעסעס דערציילט אַז הירשל שווירץ קומט יעדע וואָך קיין וואַר־שע מיט וואַגאָנעס צוקער וואָס ער ברענגט פֿון וולאָצלאַוועק.

— פֿאַרוואָס ליגט איר דאָ אַלע אין דעם הקדש — געוואַלדעוועט שווירץ — ווער עס וויל נאָר איינשטעלן, קען היינט לעבן. אַנדערש איז דאָס נייע מלכות. געווינען אַ פֿעניג איז גרינגער ווי ביי דעם בער...

אברהמעלע האָט זיך דאָס גענומען גוט אין זינען אַריין: פֿאָרן פֿריער קיין

ווישעגראַד, דערנאָך קיין פלאָצק און וולאָצלאַוועק, האַנדלען מיטן רבינס ברכה, האַנדלען מיט וואָס עס זאָל נישט זיין.

✶

כדי צו האָבן אַן אויסזען פון אַ סוחר, האָט אברהמעלע זיך דערלויבט געוויסע ענדערונגען אין זיין גאַנג: פאַרשטעקן די פאות הינטער די אויערן, דאָס קאַפּל אונטערן היטל, טראָגן געמזענע שטיוול מיט גומקעס אויף די קלעצער און גיין מיט אַ שטעקן, וואָס איז פּראַקטיש און מאָדערן. די געהאַקטע קאַפּאָטע פון שוואַרצן ריפס האָט ער שוין געטראָגן פריער. דערביי האָט ער לחלוטין נישט געטראַכט, אַז ענדערן הלבשה איז אַזוי האַרב ווי ענדערן דעם נאָמען און אַז שפּעטער וועט ער חרטה האָבן...

✶

איינעם פון די גרויסע חסידים ביים „חידושי הרי״ם״, ר׳ ישראל ווייסקאָפּף, האָט מען גענומען אין שפּיטאָל אַריין. די דאָקטוירים האָבן נישט געגעבן קיין גרויסע האָפענונגען. היות ער איז איינער פון די עלטסטע מקורבים אין גער, איז דער רבי געקומען קיין וואַרשע אים מבקר חולה זיין.

דער חולה האָט שטיל געשעפּטשעט, קוים באַוועגט די בלאָע ליפּן און געבעטן דער רבי זאָל זיך צובייגן:

— כ׳האָב קיין כוח נישט אָפּצושטעלן דעם זייגער, וואָס שלאָגט אויס יעדע שעה און דערנענטערט מיך אהין... מיין בן־יחיד, יצחק, זאָגט, אַז ער וועט נישט קענען בלייבן איינער אַליין אויף דער וועלט. הגם — דער חולה האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט — איטלעכער מענטש איז איינער אַליין אין דער לעצטער שעה; זאָל דער רבי השגחה האָבן אויף אים, כ׳זאָל קענען אויספירן מיין לעצטן חשבון הנפש.

די לוויה מיט טויזנטער באַגלייטער האָט זיך געצויגן איבער ווייטע גאַסן און געסלעך און יצחק, דער איינציקער זון, האָט נישט אויפגעהערט העשען און ליאַרמען אויפן קול: טאַטע, ווו לאָזסטו מיך איבער? ס׳גאַנצע לעבן ביסטו געווען אַ חכם און היינט זיך באַנאַרישט!

י. מאַניטש

חסידים האָבן געוואָלט אים איינשטילן, האָט דער רבי אַ ווונק געטון מ׳זאָל אים נישט טשעפּען — אין אדם נתפס על צערו.

זיבן טעג איז דער רבי פאַרבליבן אין וואַרשע אויף דער אייזנגאַס, אין גרויסן בית־מדרש, אויפּצונעמען וואַרשעווער חסידים.

ביי אברהמעלען האָט זיך געטון ריסעס — יאָסעלע דער בר־מצוה בחור האָט בשום אופן נישט געוואָלט מיטגיין צום רבין — ווען וועט זיך דיר טרעפן אזא שעת־הכושר, פּרעגט דער פאָטער מיט תרעומות, קלער מיר אויף דיין צעגערן און אָפּלייגן!

סוף כל סוף האָט דאָס בחורל מסכים געווען.

ביים דערלאַנגען דאָס קוויטל האָט דער רבי געלאָזט הענגען אברהמעלעס האַנט אינדערלופטן, געקוקט שאַרף אויפן יינגל:

— ווער איז ער?

מיט יראה האָט דער פאָטער קוים אַרויסגערעדט:

— מיין בר־מצוה־בחור. ער איז נזכר אינעם קוויטל מיטן נאָמען יוסף יצחק.

דערביי האָט ער לייכט אַ שטופּ געטון דאָס יינגל, ער זאָל געגנענען.

— זאָל דאָס יינגל דאָ פאַרבלייבן ביז נאָך מנחה־מעריב, וועל איך זען וואָס מיט אים איז דער מער— און אָוועקגעשאַרט דאָס קוויטל ווי אַן איבער־ריקע זאַך.

פאַרבליבן אין בית־מדרש, חידושט זיך דאָס יינגל וואָס דער רבי וועט אים זאָגן, וועט ער אים זאָגן מוסר, אָדער פאַרהערן אין לערנען? דעם רבינס בליק איז שאַרף און ברענענדיק, וועט ער קענען אים אויסהאַלטן? אַ גאַנצע שעה פאַר מנחה האָט יאָסעלע געוואַרט ביים ארון קודש, ער האָט געוואָלט שטיין נאָענט צום רבין, צו זעען וויאַזוי דער רבי וועט דאַווענען: מיט קולות וברקים ווי דער בראַסלאַווער, אָדער בקול דממה דקה ווי דער זיידע פון פּולטוסק?

דאָס בית־מדרש איז געוואָרן פול — אַ שפּילקע צו דער ערד נישט צו וואַרפן. די היץ איז געווען נישט אויסצוהאַלטן. איידער דער רבי איז אריינ־געקומען, האָט אַ חסיד אָנגעכאַפּט דאָס פרעמדע יינגל ביים קאָלנער פון העמד מיט אַן אויסטערלישער קראַפט — נישט דאָ איז דער פּלאַץ פאַר

אפּרוחים! — אָפּגעריסן מיט אַ שלעפּ דעם קאַלנער צוזאַמען מיטן רעכטן אָרבל און פאַרדרעגנט אים צום לעצטן טיש ביי דער וואַנט, מיט נזיפה.

נאָך מעריב איז דער רבי דורכגעגאַנגען דעם שמאָלן שפּאַליער מיט ווייכע טריט. פון זיינע אויגן האָבן ארויסגעשטראַלט פאַסן ליכט. די היץ האָט געדעמפּט פון ענגעניש און דער רבי האָט זיך שווער געשאַרט צווישן עולם. בעת דער רבי האָט זיך דערנענטערט צום לעצטן טיש ביי דער וואַנט, האָט יאָסעלע אין טראַנס פון התפּעלות אויסגעשריגן: גוט יום־טוב! האַסטיק האָט דער רבי זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטון מיט שטראַלנדיקע אויגן אויף יאָסעלעס געזיכט, אריינגעשטעלט ממש זיינע בליקן אין דעם יינגלס אויגן און לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— גוט יאָר!

די חסידים וואָס האָבן געזען דערין אַ סודותדיקן ווונק, האָבן דאָס צעטומלטע יינגל מיטגענומען אינעם געדראַנג אַריינצולאָזן אים דעם ערשטן צום יחוד־שטיבל.

דער רבי האָט זיך אין אים גוט איינגעקוקט:

— דו ביסט אברהמעלעס יינגל, יוסף יצחק. אין ילקוט הלוי ווערט געבּרענגט, אַז אבשלום, דער גלגול פון יוסף הצדיק, איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אויף זיינע האָר, ווייל ער האָט נאָכגעמאַכט יוספן. אויך יוסף הצדיק האָט געקרייזלט זיינע לאָקן און דערמיט גורם געווען שיעבוד מצרים. נאָר אבשלום האָט קיין זכות־אבות נישט געהאַט, ווייל ער איז געגאַנגען קעגן זיין אייגענעם טאַטן. דו, בחורל, זע איך, האָסט גוטע מידות אין זיך, נאָר דו ברענגסט זיי נישט אַרויס מכוח אל הפועל. אבי מורי ז״ל האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דיר... האָסט זכות־אבות. תשובה וועט דיר אוודאי העלפן און יוסף וועט זיך באַקענען צו זיינע ברידער...

יאָסעלע איז אַוועק פון רבין מיט אַ שווער געמיט. ער האָט געשפּירט אין זיך דעם רבינס רייד ווי אָנגעגליטע נאָדלען...

✶

משולם קאַמינער איז אין יענער צייט באַקאַנט געווען אין וואַרשע פאַר אַ בן־תורה און גבאי אין גערער שטיבל אויף גענשע גאַס. זיינע גרויסע

פאַרחלומטע אויגן און זיין הערצליאַנישע באָרד האָבן געוועקט ביי אַלעמען גרויס דרך־ארץ. ער האָט זיך געווענדט צו היימלאָזע רבנים זיי זאָלן אים העלפֿן גרינדן א ישיבה — שלא על מנת לקבל פּרס.

דער כענטשינער רב, וואָס האָט געקענט אברהמעלע ווישעגראָדער ווען ער האָט אין כענטשין געלערנט שחיטות, האָט געהאַט אַ פּייפּנדיקע שטימע, ווי א מין פויגל. דעם רבס ווערטער זענען געזונקען אין זיין פּייערדיקער, גע־דיכטער באָרד, ווי אין אַ זומפּ אַריין. די תלמידים וואָס האָבן נישט געקענט דערהערן זיינע רייד, האָבן געמאַטערט דעם אַלטן רב מיט כלערליי קשיות פון מהרש״ל און מהרש״א אַזוי לאַנג ביז דער אַלטער האָט זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין די רייד.

ביים צווייטן שיעור האָט דער אַלטער קוים באַוועגט זיינע ליפּן, די שפּיצן באָרד האָבן נישט איינגערוט:

— פון דיר, יאָסעלע, וועט גאָרנישט אַרויסקומען! האָסט אַ גוטן קאָפּ אָבער דו קענסט נישט איינזיצן אויפן אָרט, ביסט צו גאָרנישט צוגעגאָגלט.

מער האָט יאָסעלע נישט געוואָלט קומען צום שיעור. ביי די אַנדערע רבנים, ווי דער לענטשיצער און באָווידוואָרער האָט יאָסעלע געהאַט אַנדערע סיבות; ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אז די ישיבה זאָל בטל ווערן. קאַמינער, שטרענג צו זיך און צו אַנדערע, האָט נישט געוואָלט יונגוואַרג זאָל לערנען אויף אייגענער אחריות און גענומען נאָכשפּאַנען די תלמידים אויף טריט און שריט. איין מאָל האָט ער דערשנאַפּט א יינגל לייענען אונטער דער גמרא א מעשה־ביכל.

דאָס ביכל האָט געהייסן „יאָסעלע״ פון איינעם א שרייבער יעקב דינעזאָן. באַלד האָט ער אַ בלענד געטון מיט זיינע בלאַנקענדיקע ציין און אויסגע־שריגן:

— צוליב איין פוילער קאַרטאָפליע אין זאַק, וועלן אַלע קאַרטאָפליעס קאַליע ווערן; אַרויס פונדאַנעט, אפּיקורס!

ס׳איז געוואָרן א טרעוואָגע, צום העכסטן האָט געשריגן כאַסקעלע דעם שטעפּערס:

— דאָס מעשה־ביכל איז אַזוי הייליק ווי דאָס מוסר־ספר „שערי יצחק״, וואָס ברענגט צו טרערן און שברת־לב.

אָט אַזוי איז בטל געוואָרן דער פּרווו פון א ישיבה און יונגוואַרג האָט

גענומען לערנען אַליין, פאַר זיך. קיינער האָט זיך דעמאָלט נישט געריכט אַז דאָס וועט דערפירן צו אַ רעש אין גאַנץ פוילן וועגן שדים און רוחות — זאָל דער אייבערשטער שומר ומציל זיין!

★

ס'איז געווען סוכות־צייט.

דאָס געדער שטיבל אויף גענשע ניינצן האָט פאַרמאָגט פיר גרויסע שטובן ווי די פעלדער. צווישן צו דער גאַס אַרויס קעגנאיבער דעם „פּאַוויאַק"; צוויי אַנדערע צו פאַרפלאָנטערטע הייפלעך מיט הויקערדיקע דעכלעך. אויף איי־נעם פון די דעכלעך האָט אַ שווייגער יעדן פרימאָרגן צעהאָנגען לייוונטענע שקאַרמיצן מיט פוטערמילך, ווי צעהאָנגענע וועש. טריפט די סערוואַטקע, קאַפּעט אַראָפּ טראָפּ נאָך טראָפּ און ס'פערמענטירט סמעטענע־קעז.

די בחורים אין שטיבל, פאַרנומען אין לערנען און מער נאָך אין דאַמקע־שפּיל, ווערן געשטערט פון דעם טריפן איבערן דעכל מיט אַ הויכן, מאָנאָטאָנעם פּליעסק. איין עצה איז נאָר געווען: צילעווען מיט קליינע שטיינדלעך אויף יעדן זעקעלע; די געטראָפענע זעקעלעך פאַלן אַראָפּ און פּלאַצן.

איינמאָל באַווייזט זיך אַ צעטומלטער ייד אויפן דעכל, די האָר צעווינטלט, לויערט ער מיט טריבע בליקן צום געדער שטיבל. ער זעט אָבער נישט קיינעם, נאָר הערט פאַרשטיקטע געלעכטערס איבערן הויף.

צומאָרגנס קומט ער שוין אין שטיבל אַריין פרעגן זיך אויפן גבאי.

ר' משולם קאַמינער ווייזט אים זיינע ציין:

— מיר האָבן נישט צו טון מיט קעז. אויב אייערע קעזן פאַלן אַראָפּ און פּלאַצן — מיט וואָס קענען מיר אייך העלפן?

— די בחורים אין אייער שטיבל צילעווען שטיינער, שטעלן מיך בדיל הדל!

— אונדזערע בחורים זיצן און לערנען. זיי פאַרנעמען זיך נישט מיט לאָ־בוזעוואַטע שטיק. פאַרוואָס קומט איר צו אונדז?

קווענקלט זיך דער ייד און שטאַמלט:

— טאָ ווער דען וואַרפט אַראָפּ מיין פּראַצע? שדים אפשר?

דאָ גייט משולם קאַמינער אינגאַנצן אַרויס פון די כלים:

— פונוואַנעט ווייסט איר, אַז נישט שדים, נאָר דערפאַר וואָס איר זעט זיי נישט?

— ניין, איך גלייב נישט אין שדים; די שטיינדלעך קומען פון אייער פענצ־טער. האָט רחמנות, גבאי, אויף אַן אָרעמען ייד!

✶

צומאָרגנס זיבן אינדערפרי איז אַרויס אַן עקסטראַ־ביילאַגע פון וואַרשע־ווער „היינט״:

„אין דער לעצטער נאַכט האָבן זיך באַוויזן שדים אין דריטן הויף פון טוואַרדע נומער צען. די גאַס איז באַלאַגערט מיט מענטשן. איבער די ניס־ביימער האָבן געטאַנצט נישט־גוטע. אָפּדרוקן זענען נאָך געבליבן פון הינער־שע פיס. אַ סך שכנים זענען קראַנק געוואָרן פון שרעק. פאַראַנען קלאַנגען, אַז מיטן וואַרשעווער רבס איניקל, געזונדהייט, האָט עפּעס פּאַסירט.״

ביים גערער שטיבל אויף טוואַרדע צען שטייען אין דריטן הייפל פיר ניסביימלעך. אין דעם שטיבל, אויפן צווייטן הויף, וואַכן בחורים און אין די דאַנערשטיקדיקע נעכט לערנען זיי ביז עלות השחר. א שכן פון ערשטן הויף ברענגט זיי קאָכעדיקע טיי און דערנאָך ווערט געלערנט מיט התמדה.

ווי צו דעם וואָס שלאָפט איין איבערן ספר! אַזאַ איינעם פאַרלייגט מען פּאַפּירענע קוימענס צו די נאָזלעכער; מען טריפט חלב אויף זיינע הענט, מען זענקט אונטער מאָכיקע בערדלעך, אָדער מע גיסט וואַסער אין די קע־שענעס און מע שרייט: עס ברענט!

ווי און ווינד איז דעם איינגעשלאָפענעם!

דער יונגער געזונדהייט, אין געראַנגל מיטן שלאָף, פּראַלט אויף דאָס פענצטער צום דריטן הייפל און ער זעט ווי די ניסביימער זענען באַלאָדן מיט צייטיקע, רייף געוואָרענע וועלטשענע ניס.

— חברה, שרייט ער אויס, לאָמיר היינט רייסן ניס! כ׳האָב א מיטל די שכנים זאָלן נישט הערן, נישט וויסן. אויף די באַרשטן־שפּיצן וועט מען ארייג־קלאָפּן צוויי טשוועקעס, ווי צוויי צעשפּרייטע פינגער, גאָר אויבן וועט מען אָנטריפן ליכטלעך, און ווו אַ נוס — ווערט ער איינגעקוועטשט און פאַלט אַרונטער...

✶

אין אַ שטוב מיטן פענצטער צום דריטן הייפל וווינט אַן אַלטער מאַן אַ סטאָליער. אין דער נאַכט דאַכט זיך אים, אַז ער הערט אַ שושקעריי און גע־לעכטער אין הייפל. עס שאַרן זיך דריבנע טריטלעך און דיניקע קלעפּלעך פאַלן צו דער ערד.

— דוואָשע, טאָרעט ער דאָס ווייב אין שלאָף, ביסט וואַך?

— האַ, יאַנקל, ווו ברענט?

— ששש... אין דרויסן איז נישט היימלעך, הערסט?

— וויי צו מיר! כ׳הער דען נישט? ווער שפּרינגט אַזוי אין הייפל — עפן ס׳פענצטער!

— ניטע, דוואָשע! לאָמיר בעסער אויפוועקן משה חיימען דעם שכן.

—רב משה חיים, קלאַפּט ער מיט דער פויסט אין יענעמס טיר, נישט היימלעך אין הייפל, קוקטס וועט איר זען!

רב משה חיים איילט זיך נישט. ער נעצט איין די שפּיץ פינגער און די אויגן מיט נעגל־וואַסער, דערנאָך בייזערט ער זיך: —וואָס ווילט איר? וואָס איז ביי אייך געשען?

—ביי אייך איז אויך דאָסזעלבע, ס׳איז נישט היימלעך אין דריטן הייפל.

ווען משה חיים האָט קוים אַוועקגעשאָרט די פאָרהאַנג און געזען פייער־לעך טאַנצן איבער דיביימערשפּיצן, פאַרנומען אַ כיקעניש מיט אַ ווילד געלעכטער — און געשטאַלטן אָן גופים טאָרגלען זיך אויף דער ערד, האָט ער אַ פאַרגלייז געטון די פינצטער־געוואָרענע אויגן און איז אַוועקגעפאַלן.

יידן פון אַרומיקע גאַסן זענען זיך צונויפגעלאָפן צו זען — מיט אייגענע אויגן — וואָס אין דער נאַכט האָט זיך אָפּגעטון!

— אָ, שרייט הויך אַ דערשראָקענער ייד, אָט דאָ ליגן נאָך שאָלן פון ניס, די בלעטער אויף די ביימער זענען פאַרסמאַליעוועט, ווער קאָן וויסן וואָס אין דער נאַכט האָט זיך דאָ אָפּגעטון?

— איר פרעגט נאָך ווער? ווער מיינט איר — אויב נישט די יעניקע?...

א ייד אין אַ סאַמעטן היטל אויפן קאָפּ, דאָס קאָפּל אַראָפּגערוקט ביז טיף אין קאַרק אַריין, האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט פאַרלייגטע הענט איבער דער לינקער ברוסט, געוואָרפן פייערדיקע בליקן צום עולם און אַ זאָג געטון:

— גראַדע נעכטן געלייענט אין הייליקן ספר חסידים: ניסביימער מיט צווייגן צו ביין בלעטער, וועלכע קרייצן זיך ווי אַ שער, צו זיי שאַרן זיך יענע לייט און האָבן א שליטה...

מיט צוויי שעה שפּעטער איז אַרויס די עקסטרא־ביילאַגע פון „היינט".

✡

פון די ערשטע, וואָס זענען צוריק קיין ווישעגראַד, איז געווען דער גבאי בערל בנימינס. מיט אים איז מיטגעקומען א טויבער ייד אויסצולעבן זיינע טעג ביי זיין טאָכטער אין ווישעגראַד.

אהרן לייב האָט ער געהייסן. גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין גערער שטי־בל ביים קאָכליע־אויוון, ווייל שטענדיק איז אים קאַלט געווען. ערשט אָוונט־צו האָט ער זיך אַהיימגעשלייכט, צו קענען איבערגעבן די נשמה דעם איי־ביקן.

יונגוואַרג האָט ער געטריבן פון זיך מיט טויטע קללות, זיי פיינט געהאַט תכלית־שנאה. רודערטס נישט אַרום! נעמט בעסער אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין; טאָמער זאָג איך בערלען וועט ער אייך אָנלערנען!

אין געהיים האָט מען געמורמלט — ווייס איך וואָס — מחזקות זאָל ער, בערל, האָבן מיטן אַלטנס טאָכטער, די אלמנה.

יידן האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע היימען, איינגעבראָכענע, אין נויט. דער הונגער פון די פריוטן, האָט זיי אומעטום באַגלייט, געטריבן ווי מיט בייטשן. זוכן חיונה. נישט געווען דער טאָג, אז אורחים — נעכטיקע בעלי־בתים — זאָלן נישט גיין פון שטעטל צו שטעטל קלייבן נדבות. זיי האָבן דערציילט פון ברענענדיקן יקרות אין די גרעסערע שטעט, מחמת פחד פאַר אַ הונגער.

די דייטשן האָבן גענומען אויפשטעלן בריקן, אויפבויען באַן־שטרעקעס. ווער ס'האָט נאָר געוואָלט אַרבעטן האָט געהאַט ברויט. אין ווישעגראַד האָבן זיי גענומען אויסלייגן אַ בריק איבער דער ווייסל, די לענגסטע בריק אין פוילן, פאַרציען ברייטע טראַקטן און בויען נייע וועגן.

נאָך די מיטאָג־שעהן האָט דאָס בית־מדרש געפוסטעוועט. מען האָט דאָרט געקענט טרעפן דעם שיקלדיקן משה האָדעסעס אַריינקוקן מיט אַ פאַרקוועטשט

אויג אין אַ שווערן יורה־דעה, אָדער דעם אַלטן חיים אהרן פירשט דערציילן חסידישע מעשיות, נסים און נפלאות פאַר אַ ציגאַר־כיבוד. אויך די צוהע־רערס זענען געווען לויטער זקנים.

יונגוואַרג האָט זיך אָפּגעגעבן — מחמת נויט און זאָרג פאַר דער היים — מיט שמוגלען קיין וואַרשע קאַשע, גרויפּן, אַרבעס און מעל — מיטצוהעלפן דער מידער מאַמען, צי דעם קראַנקן טאַטן דורכצושטופּן די מלחמה־צייט.

ס׳האָט זיך אויך געמערקט אַ גייסטיקער הונגער. אומבאַקאַנטע וויסטע ווינטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין פרומע חסידישע היימען, צעוויכערט די אַלטע טראַדיציעס — מנהגים פון דורות.

דער אַלטער מיטאָס פון א בעסערן וועלט־סדר, אַ וועלט פון זעט און גליק איז אַריין אין די מוחות מיט אייזערנע נעגל. דער דראַנג צו לעבן אַנדערש האָט ווי מיט צוואַנגען אַרויסגעריסן פאַר אלעמען די קינדער פון בכבודיקן, אַלטן שטייגער. אומעטום — אין אַלע יידישע קליינע שטעטלעך — האָבן אויפגעבליט יידישע ביבליאָטעקן. יעדעס בוך האָט געהאַט צענדליקער לייע־נער. עס האָבן זיך שוין געיאָוועט פאַרשוינען מיט פּענסנעס, צוגעשפּילעוועט מיט א זיידן בענדל צום רעכטן לאַץ, און גערעדט האָבן זיי ווי באַנומענע, פון הייליקע קאַמפן און אידעאַלן. פּרעלעגענטן, האָט מען זיי גערופן, וואָס צינדן אָן די יוגנט און שלעפן — און שלעפּען זיי מיט אויף וועלט־שליאַכן.

דעמאָלט איז געקומען בערל בנימינס פאָטער קיין ווישעגראָד.

זיין הולך איז געווען ווי פון א רבין: א ברייטער כאַלאַט פון אַלפּאַגע אָן אַ שלויף, אַ זיידענער הוט מיט אַ הויכער דענקע, ווייסע זאָקן, פלאַכלאַטשן און אַ ווייס העמד, אויפגעשפּיליעט אונטער דער גרוילעכער באָרד.

— בערל, ווי לאַנג נאָך וועסטו וואַרטן? דאָס זיבעצנטע יאָר נאָך דיין חתונה און נסים, בערל, געשען זעלטן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און געהעכערט דאָס קול:

— ווען וועסטו מקיים זיין פריה ורביה? דער רבי זאָל לעבן האָט נישט דערלאָזט זאָלסט מפציר זיין — פאַרוואָס דען — ווייל ער האָט געמיינט אַ „גט״!

— לאָז אָפּ, טאַטע. כ׳וועל וואַרטן אַזוי ווי מענדל הירש זשיכלינער, זי־בעצן יאָר — פעליקע. אַזוי האָב איך דעם שווער אויך צוגעזאָגט.

— ווילסט דווקא אונדזער משפּחה־נאָמען, פּייערזייל, זאָל מיט דיר פאַר־גיין? ווי לאַנג איז דער שיער זיך שפּילן מיט הילף פון הימל? געדענק: דו האָלטסט אויף נשמות וואָס ברויכן קומען אויף דער וועלט — ווי עס ברענגט דער „עץ חיים”. באַהאַלטסט זיך פאַר לייטן דערמיט וואָס קיין אחד ווייסט נישט די סיבה פאַרוואָס דיין אשה איז אַן עקרה. „קיין אחד נישט” — אַזוי האָסטו גערעדט צו דיין שווער — אָבער איך זאָג דיר אַז דער אחד אין הימל ווייסט יאָ... פונוואַנעט נעמסטו די זיכערקייט צו קענען צוציען ביז די זיבעצן פעליקע?

נאָכן אויסרעדן ס׳האַרץ פאַר רב חיים אהרנען, איז ער אַוועקגעפאָרן פון שטאָט — נישט מער צוריקצוקומען.

קאַפּיטל פינף און דרייסיק

דער נס מיט די נולן

נאָך מערערע באַטראַכטונגען און אויספרעגענישן וועגן צוקער־האַנדל, איז רב אברהמעלע געפאָרן קיין ווישעגראַד זען ווי ס׳האַלט מיט זיינע פאַר־לאָזטע ספרים און ממילא אויך מיט די צוריקגעקומענע איינוווינער. זיין דירה ביי יעקב משה וואָלפס האָט ער געטראָפן ליגן צעשמעטערט ביזן גרונט; ס׳איז נישט פאַרבליבן א שטיין אויף אַ שטיין. די גרויסע שלאַכטן אַרום ווישעגראַד האָבן פאַרוואַנדלט הייזער אין גרוז און אין חורבות. צעבראָכענע מעבלשטיק האָבן שאַרפער אַקצענטירט די גרויזאַמקייט פון חורבן. די באַ־האַלטענע, נישט באַרירטע ספרים אין טיפן קעלער האָבן אים מחיה געווען, ער האָט ממש געשיינט פון גליק. דאָך האָט ער נישט געוואָלט לענגער זיך פאַרהאַלטן דאָרט, ווו זכרונות באַשווערן יעדן טראָט. עמעץ פרעגט אים: ווען וועסט דו צוריק פאַרנעמען דיין שטעלע, דיין חזקה אויף שחיטות? ענטפערט אברהמעלע מיט אַ בלאַס שמייכעלע: אין מיר איז עס נישט געווענדט...

אין פּלאָצק האַלט ער זיך אויף ביים ידיד זיינעם, דעם גרויסן למדן און שאַרפן חסיד, פנחס. ביי אים דערוויסט ער זיך מיט וואָסערע וועגן און שטעגן מען קען צוריקפאָרן מיט סחורה און נישט אַריינפאַלן, חלילה, ביי די דייטשישע וואַך־פּאָסטנס. פאַרברענגט אַ צייט מיטן רב, הרב שאַפּיראָ, זיך אונטערצוגאַרטלען מיט בטחון.

אין וולאָצלאַוועק, דער ציל פון זיין רייזע, האָט ער געהאַנדלט מיט גרויס ישוב־הדעת מיט וועלכע מיטלען אַרויסצובאַקומען אַ באַשייניקונג מיט אַ בלויען סטעמפּל אויף זעכציק קילאָ „פאַרין״־צוקער — אַזוי ווי עס באַקומט יעדער לעקעך־בעקער אויף אַ חודש.

אין דער צייט איז אברהמעלעס בני־בית אין וואַרשע געווען זייער אומ־רויִק: ווער ווייסט וואָס ס׳האָט געקאָנט געשען? שטילער פּחד האָט זיך

אָנגעזעצט ווי אַמאָל — ווען רב אברהמעלע איז געווען אין מאָדלינער פּעס־טונג.

די מומע אסתר־איטע, אברהמעלעס עלטסטע שוועסטער און דעם גערער רבינס מומע — די צווייטע פרוי פון ר׳ משה מאָטלען, דער ברודער פון „שפת אמת״ ז״ע — איז גלייך אַוועק קיין גער.

— זאָל די מומע זיך נישט מצער זיין, האָט געענטפערט דער רבי, וויבאַלד צוויי מסחרים זענען אים ווויל געלונגען, וועט בעזרת השם דאָס דריטע מסחר אויך געלינגען.

ער פאַרקרומט זיך דערנאָך מיט א טיפן קרעכץ:

— טאָ וואָס איז צו טראַכטן וואָס שפּעטער וועט זיין?

✶

רב אברהמעלע איז אהיימגעקומען מיט א באַשיינפּערלעכן נס. אין דעם שיין פון זעכציק קילאָ האָט אברהמעלע בהיסח־הדעת צוגעשטעלט א נול. וואָס איז דען א נול? גאָרנישט! פאָרט קען מען מיט אַזאַ גאָרנישט פאַרדינען פיל מאָל כפל־כפלים... כהרף עין שוין חרטה באַקומען — דאָס איז דאָך מעשה יצר — אָבער אויסמעקן שוין נישט געקענט.

אַרויספאָרנדיק פון וולאָצלאַוועק, טאַקע מיט זעקס הונדערט קילאָ, האָט ער געקויפט זאַפּטיקע באַרנעס, וואָס הייסן פאַרגאַמיטן, א פרי וואָס איז בכוח איינצושטילן אויף א מאָמענט הונגער און דאָרשט. אין באַרנע האָט ער גע־האַלטן אין קעשענע צוזאַמען מיטן אויסוויז — טאָמער ווי עס מאַכט זיך אויפן וועג. וואָס אַזוינס עס קאָן זיך מאַכן האָט ער קיין מינדסטע אַנונג נישט געהאַט.

פון דריי נאָכמיטאָג ביז שפּעט אָוונט פאָרט ער מיטן טראַנספּאָרט אָן קיין שום מכשול. פּלוצלינג ווערט אויפגעריסן די פינצטערניש דורך אַ שטאַרק ליכט, עס דערהערט זיך א בייזער וואָרטש: האַלט!

אברהמעלע מיטן אָנטרייבער האָבן געמוזט אַרונטער פון דער קעלניע.

— וואָס פירן זי? באַשיינונגען צייגן!

אין איין שפּליטער פון א רגע האָט אברהמעלע צעקוועטשט די באַרנע אין קעשענע צוזאַמען מיטן שיין — זאָל זיין וואָס וועט זיין...

—ביטע!

— יאָ, דאָס שטימט שאָן, האָט א מרוקע געטון דער פאַרשלאָפענער וואַכ־מייסטער. דיזע ציפער זעקס אונד דריי נולן מאַכט וואָהל זעקס טאוזענט קי־לאָס מעל־צוקער. ווארום אָבער איזט דיזע בעשייניגונג זאָוואָס שמוציג? זי האָבן נאָך גליק דאָס איך אין גוטער לאונע בין. פאָרן זי וויטער!

דריי מאָל איז אַברהמעלע געפאָרן פון וולאָצלאַוועק קיין וואַרשע און ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט.

צוויי וואָכן פאַר ראש השנה, נאָכן פאַרקויף פון זיסן מסחר פאַר געפע־פערטע פרייזן, האָט ר׳ אברהמעלע געדונגען א גרויסע דירה פון זעקס צי־מערן און געוואַרט מיטן איבערציען ביז נאָך די ימים־טובים.

בשום אופן האָט אברהמעלע נישט געקאָנט פארשטיין דעם רבינס זאָג: „וויבאַלד צוויי מסחרים זענען אים געלונגען, וועט דער דריטער אויך גע־לינגען". וואָס אייגנטלעך באַטייט דער מספר „דריי"? צייט ער איז אין וואַרשע גייט אים נאָך א „דריי" — דריי נייע איינפירעכצן אין שטוב, דריי ענדערונגען אינעם הולך און דריי געלונגענע מסחרים.

וואָס מיינט דער מספר דריי?

נאָכנישט אָפגעשטויבט פון וועג, איז ער אַוועק קיין גער אויף ראש־השנה.

תחילת האָט אַלץ אין אים געזונגען, נאָר פּלוצלינג זענען אים באַפאַלן ביטערע ספקות: האָט ער געדאַרפט ענדערן זיין שטוב מיט זעלטענע חפצים, וואָס ברענגען צו פאַרריסנקייט און קנאה; האָט אים געלוינט ענדערן זיין הל־בשה מיט אַ גרינגן גאַנג, וואָס איז אַזוי האַרב ווי ענדערן אַ נאָמען, האָט ער געמעגט פטרן די גאַנצע צייט אויף מסחר און פאַרלירן ביידע וועלטן?

פאַרלירן? קען מען דען אין מסחר אויך נישט פאַרלירן?

נאָר דער רבי קען אויפפלאָנטערן דעם פלאָנטער... דער רבי האָט אים אָבער נישט אויפגענומען.

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

דער געראַנגל

איבער דעם גערער שטיבל אויף גענשע ביינצן האָבן געדאַוונט די ראַד־זינער חסידים. יאָסעלען האָט זיך פאַרוואָלט דאַוונען ביי די ראַדזינער יום־כּיפּורדיקן שחרית, מחמת זייער אַנדערן ניגון און ביזאַרע גענג. די תּפילות אין ספרדישן נוסח זענען דיזעלבע, נאָר דאָס פייער האָט דאָרט אנדערש געלויכטן, התלהבות האָט דאָרט אַנדערש געפלאַמט.

באַלד נאָך שחרית שטעלט זיך אַוועק דער גבאי און רופט אויס:

— אַלע מתפּללים פאַרבעט איך אויף קידוש.

קעגנגעשטעלט האָט זיך נישט קיינער. פאַרקערט — אַנטועגדיק שנעל די פאַלטנס איבער די טליתים, זענען זיי אַוועק.

יאָסעלע איז מיט פאַרביסענע ציין מיטגעגאַנגען, קיינער וואָלט אים נישט געקענט אָפּהאַלטן.

די דירה אויף פאַוויע איז געווען אַ גרויסע און א רייכלעכע. די חסידים האָבן געוווּנטשן אַ גוטן יום כּיפּור. אויסגעטון די אויבער־מלבושים ווי דער שטייגער אויף א שמחה. אין גרויסן עסצימער שטייען אויסגעסדרט לאַנגע טישן, אָנגעשטעלט מיט לעקעך און בראָנפן, גלעזלעך, קעלשיקלעך.

דער עולם זעצט זיך אויס אַרום די טישן גאָרנישט אויף קאַטאָוועס און שמועסט דערווייל אין לערנען. ווער עס נעמט אַרום דאָס העלזל פון א פלאַש בראַנפן, ווער עס שפּילט זיך מיט אַ געשליפן קידוש־גלעזל.

יאָסעלע שטייט ביי דער טיר, ער ציטערט ווי אַ בלאַט — ווען די חסידים מיט לאַנגע בערד און פּאות טאַקע טרינקען לחיים אום הייליקן יום כּיפּור?...

בערך אַ האַלבע שעה זיצט דער עולם פאַרטון כּלומרשט אין הימלזאַכן; מע כאַפּט כּסדר א בליק אויפן וואַנטזייגער.

מיט אַ מאָל ווערט שטיל. דער גבאי לאָזט צו וויסן, מע דאַרף צוריקגיין

אין שטיבל אַריין דאַוונען מוסף. „רבותי, חסידים יראים ושלמים — רופט ער אויס און זיין פּנים ווערט ערנסט און שטרענג — ווי איר זעט, געפינט זיך דאָ פון כל טוב זיך מחיה צו זיין. אַלץ איז געגרייט. נאָר מען טאָר נישט פאַרגעסן אַז היינט איז יום־כיפור אויף דער וועלט. עס שטייט בפירוש: „איר זאָלט פייניקן אייערע לייבער״. פייניקן ממש! דעריבער וועלן מיר צוריקגיין אין אונדזער מקום קדוש און מתפלל זיין צום אייבערשטן אין דעם היינטיקן יום הדין״.

✶

אין צווייטן טאָג סוכות איז אברהמעלע געקומען צום סקערניעוויצער רבין הערן תורה. פון צווישן סכך, באַהאַנגען מיט שיינע פּירות לנוי, האָבן אַריינ־געבליקט פיצלעך הימל, גרויס ווי די שטערן, און דעם רבינס אויגן האָבן אויפגעלויכטן ווי סאַפּירן. זיין תורה־זאָגן איז געווען קוים צו דערהערן:

— ובחרת בחיים! יעדן מענטשן איז געגעבן געוואָרן דער אויסוואַל פון גוטס און שלעכטס. כל זמן זיין נשמה איז בקרבו, דעמלט ווען ער לעבט נאָך אויף דער שפּלער וועלט אַזוי ווי אין א סוכה — אויף דערווייל.

— דער רבי פלאָנטערט, קען נעבעך נישט אַרויס — שושקעט איין בחור צום צווייטן און גייען אַרויס פון דער סוכה.

— אין וועלכער ישיבה לערנסטו? פרעגט דער צווייטער.

— כ׳לערן פאַר זיך אין גערער שטיבל אויף גענשע ניינצן. און דו?

— אויך פאַר זיך, אין גערער שטיבל אויף דזשיקע, קעגנאיבער פאַוויע. ס׳וואָלט גוט געווען מיר זאָלן לערנען צוזאַמען. איין קלאָץ טליעט בלויז, ברענען און פלאַקערן קען ער נישט.

פון דעמלט אָן האָבן די צווי בחורים געלערנט צוזאַמען. געפלייסט זיך צו געווינען ווי די ערשטע, אַ מאיר־יואל שוואַרצשטיין־זייגערל, מיט אלף־בית אויפן ציפערבלאַט. דערצו מוז מען קענען פופציק בלאַט גמרא פון אויסנווי־ניק. פאַר צען בלאַט קריגט מען אַ מוסר־ספרל אָדער אַ דין העפטל חידושים. אין דער ישיבה אויף פראַנצישקאַנער גיט מען אַרויס אַ צעטל ביי וועמען זיך צו פאַרהערן.

יאָסעלען מיט זיינע פופציק בלאַט אין בבא בתרא האָט מען געשיקט צום

באַוווסטן ר׳ נתן טויבנפעלד אויף שמאָלע מילע, ווו ער שטייט גאַנצע טעג פאַרן געוועלבל אויסקוקן אַ קונה. קומט ווער זיך פאַרהערן, פאַרשליסט ער די קראָם מקריב צו זיין א שעה אָדער צוויי...

נאָך פינף בחינות איז יאָסעלע געוואָרן אַן אייגענער אין דער ישיבה אויף פראַנציסקאַנער־גאַס.

אָבער אלכסנדר זישע פרידמאַן, איינער פון די וויניקע גדולי התורה אין וואַרשע, כאָטש נאָך קיין דרייסיק יאָר נישט אַלט, אַ שאַרפער קאָפּ, האָר צו שפּאַלטן, האָט פון יאָסעלען נישט געהאַלטן.

— פון א גוטן קאָפּ מיט אַ שלעכטן ווילן וועט קיין גוטס נישט אַרויס־וואַקסן...

איין מאָל כאַפּט ער יאָסעלען אויסטון דאָס היטל אויף אַ רגע:

— דו לאָבוז איינער! אפילו פאַר אַ האַלבער רגע קומט עונש: — און לאָזט אים אַראָפּ אַ פּאַטש.

יאָסעלע האָט זיך פאַרטיידיקט מיט ברען:

—רב הונא האָט אריבערגעצויגן זיין אַבייע איבערן קאָפּ און געדאַוונט מחמת מורא פארן הימל: דאָס איז געזאָגט געוואָרן אונטערן פרייען הימל אָבער נישט אונטערן באַלטן...

יאָסעלע האָט זיך דאָרט מער נישט געוויזן און ווען ס׳איז דערגאַנגען צום טאַטן איז שוין געווען צו שפּעט.

★

אברהמעלעס יינגסטער ברודער, טוביה, דעם זדונסקער וואָליער רבס אײדעם, איז געקומען צו גאַסט אין דער נייער דירה אויף דזשיקע. אויסגע־זען האָט ער ווי אַ צווילינגס־ברודער מיט אברהמעלען.

זייער שמועס פון היימישע זאַכן איז אַריבער אויף חסידות, דערנאָך אויף פּרנסה און מסחר.

— כ׳וואָלט וועלן הערן דיין מיינונג, טוביה, וועגן מסחר וואָס מ׳האָט מיר אָנגעשלאָגן. היינט פּרי איז ביי מיר געווען א היימישער ייד פון לאָדזש און שטאַרק מיך צוגערעדט צו האַנדלען מיט גאַרן. לויט אים, דעם היימישן ייד קומט אויס, אז ווער עס קען נאָר איינשטעלן וועט זיכער נתעשר ווערן.

אין לאָדזש, פאַרשטייסטו מיך, פעלט אויס גאַרן. מיט ליכט נישט צו געפינען. אַקעגן אין טשענסטאָכאָוו ליגן גרויסע זאַפּאַסן קאַמגאַרן און צווירן־גאַרן, געוויקלט אויף קלעצלעך און אין פּאַסמעס. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האָט א שפּעקולאַנט זאַפּאַסעוועט דעם גאַרן אויף שפּעקולאַציע און היינט איז ער נישט מער צווישן די לעבעדיקע. די יורשים זענען וויליק צו פאַרקויפן אויפן אַלטן, פאַרמלחמהדיקן פּרייז. וואָס זאָגסטו דערצו, ברודער?

— מיר דאַכט זיך, ענטפערט אים טוביה, נאָך אַ ישוב־הדעת, ס'זעט אויס צו שיין, ס'זאָל וואָר זיין. ווי זאָגט דאָס ווערטל? וואַרטן און האָפן האָט שוין געטראָפן; אָבער האָפן און גאַרן... מאַכט צו נאַרן.

אברהמעלע וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר א געניטן אין מסחר האָט יאָ דערפון געהאַלטן; ווער שמועסט נאָך נאָכן באַזוך פון לייביש געמאַך, א ידיד פון ווישעגראַד וואָס האָט אים דערצו דווקא יאָ צוגערעדט.

אין טשענסטאָכאָוו האָט ער איינגעקויפט דעם גאַרן לויט זיינע צאָלונגס־מעגלעכקייטן פאַר באַרעס געלט. אוודאי וואָלט ער געקויפט נאָך און נאָך, ווען מע וואָלט אָנגענומען זיינע וועקסלען. דערצו האָט ער נאָך באַוויזן אָפּצו־דינגען דריי פּראָצענט דיסקאָנט...

אַהיימגעקומען איז ער מיט גרויס פרייד, אָבער נישט אויף לאַנג. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער גאַרן איז פאַבריצירט מיט ערזאַץ־מיטלען, וואָס די דייטשן האָבן איינגעפירט אין פאַרנומענעם פּוילן. אברהמעלע האָט נישט געקענט פאַרקויפן אין איינציקן דרים יענעם נישט צו באַשווינדלען. פאַר־קויפט האָט ער בחצי חינם, כדי די קונים נישט אָפּצונאַרן. דער גאַרן האָט איינגעשלונגען כמעט דאָס גאַנצע פאַרדינסט פון אַלע דריי מסחרים.

דער ווינטער האָט זיך צוגעשטעלט פרי.

משנה מקום — משנה מזל. אפילו טוישן א דירה אין דער זעלבער שטאָט קען ענדערן דאָס מזל. געוויינלעך פּילט א פרוי מיט איר פּראַקטישן חוש, ריכטיקער און שאַרפער וואָס דער מאָרגן קען ברענגען. וואָס מער אברהמל איז געווען באַרוישט מיט זיינע נישט געוויינלעכע פאַרדינסטן, האָטביילע, זיין ווייב, אַלץ מער און מער זיך געשראָקן. זי האָט געבעטן אברהמעלע זאָל פאָרן צום רבין כל זמן ס'איז נאָך דאָ א שטיקל ברויט אין שטוב.

אברהמעלע איז נישט געפאָרן. ער געדענקט געטרי די ווערטער פון „שפת

אמת״ ז״ל: „טויגסט נישט צו אַרבעט און נישט צום האַנדל״. די נייע דירה מיט שטובן ווי האַלאַטעס האָט ער נישט קיין מעגלעכקייט צו מעבלירן און ס׳איז שוין נישט כדאי... בעל כרחו וועט ער צוריק קיין ווישעגראַד זיך אונ־טערגעבן דעם גורל זיינעם — און ווייטער זיך ראַנגלען מיט זיך און קעגן זיך. ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער קען זיך נעמען צו א מלאכה קלה ונקיה און לעבן צוריקגעצויגן, אין גייסטיקער רו...

✶

ווען משה יוסף איז געקומען קיין וואַרשע, זענען בײדע אוועק צו דער שוועסטער אסתר־איטע אַן עצה האַלטן.

— שאַ! זאָגט אסתר־איטע און לייגט צו אַ פינגער צו דער באַק, אברה־מעלע וועט נישט פאָרן קיין גער פאַר פרנסה וועגן. איך קען אים דאָך — דעם רבינס ענטפער קען ער דאָך פון פריער אויס. איז נאָר דאָ איין עצה: פאַברי־צירן פאַרווע געגנדזן־שמאַלץ. כ׳בעט אייך, נישט לאַכן. אנומלט האָט מען מיר אַליין פאָרגעלייגט אַ פאַבריקאַציע פון מישן קאַקאָס־ניס מיט אַליוון־אייל און ס׳באַקומט זיך דער אמתער טעם פון געגנדזנשמאַלץ. אָבער דערצו נייטיקן זיך ספּעציעלע מכשירים: אַ קופּערנער קעסל, אַ טיף איינגעמויערטע קיך, כדי צעלאָזן דעם קאַקאָס ביז ער פאַרנעמט דעם אַליוון־אייל וואָס מע רופט „איינלאַמען״.

די צוויי ברידער זענען געבליבן שטאַרק פאַרחידושט:

— יידן וועלן נישט גלויבן אַז געגנדזנשמאַלץ איז פאַרווע, צווייטנס, וועט קיינער נישט קויפן, נישט וויסנדיק פאַרויס צי ס׳איז גוט. אסתר־איטע האָט מער נישט אויסגעהאַלטן:

— מאַנצלייט זענט איר אָדער בטלנים? פּרווון קענט איר דאָך?

אברהמעלע האָט מסכים געווען און ער האָט אָנגעהויבן מיט רעקלאַמע.

אין דער היים האָט ער געגנוג פיר צימערן, די אַנדערע צוויי באַשטימט ער פאַר דער פאַבריקאַציע און געשעפטס־פירונג. צווערשט איז ער אַוועק צו דער יינגסטער שוועסטער, טאָבעלע, אין פּראַגע. אין טראַמוויי האָט ער געטראַכט וועגן פאַבריקאַציע וואָס פאַרבינדט אַרבעט מיט האַנדל צוזאַמען. אויף דעם אופן וועט קיינער אים נישט קענען אָפּנאַרן.

טאָבעלע איז נישט געווען אינדערהיים און פאַר אברהמעלען איז עס געווען לטובה. איטשע מאיר האָט אים אויפגענומען בסבר פנים, אים פאָרגע־לייגט ווערן זיין שותף. אברהמעלע וועט פאַבריצירן און פאַרקויפן; איטשע מאיר וועט אַריינלייגן קאַפּיטאַל וויפיל מע וועט דאַרפן.

די פאַבריקאַציע האָט זיך געשלעפּט ווי אויף שווערע רעדער. צוערשט האָט אברהמעלע באַשטעלט מעשענע סטאַמפּן צו קאָנען איינפּרעגן זיין פירמע „אוז" — גאַנדז — אויף אלע פאַבריקאַטן, דרוקזאַכן, פאַר אלערליי קאַרטאָ־נען און פאַקונגען, איינגעפירט א בוכפירונג און דערנאָך ערשט איינגעהאַנ־דלט אַ ריזיקן קופערנעם קעסל, א גרויסע איינגעמויערטע קיך און צולעצט באַשטימט פעסטע פרייזן פאַר הורט און פאַר איינצל.

✶

כמעט אַלע וױשעגראַדער, פונקט ווי פון אַנדערע שטעט, זענען שוין לאַנג צוריק אין זייערע היימען. מאירל שוחט אין ווישעגראַד האָט איינגע־ריסן וועלטן: ער קען נישט באַהויפּטן אויסצופירן שוחטות איינער אליין; שוין די העכסטע צייט אברהמעלע זאָל צוריקקומען אָדער די שטאָט זאָל אויפנעמען א צווייטן.

אברהמעלע האָט דעמאָלט דערהאַלטן צוויי בריוו, איינעם נאָכן צווייטן, ער זאָל צוריקקומען און פאַרנעמען זיין פאָסטן.

דער ערשטער בריוו איז געשריבן אין א טאָן פון בקשה און אַנצוהערע־ניש... אָבער דער צווייטער בריוו איז שוין געווען קליפּ און קלאָר: „ווי לאַנג קען א שטאָט וואַרטן? קומט איר — הרי טוב. אלא נישט זאָגט זיך אָפּ און מיר וועלן מסכים זיין".

לייענענדיק דעם צווייטן בריוו, האָט רב אברהמעלע געלאָזט פאַלן א טרער, נישט וויסנדיק צי קומט זי פון שווערן געמיט, צי פון פאַרלייכטערונג.

שוין ווידער ראַנגלט ער זיך מיטן גורל! וועט ער קענען זיך אַרויסרייסן אָדער ער וועט פאַלן נאָך טיפער? צייט אויף יישוב האָט ער נישט צופיל. די רעקלאַמע פאַר זיין פאַבריקאַציע גייט שוין אָן אין וואַרשע און אין לאָדזש געגנוג שטורמיש.

— רבונו דעלמא! — שטעלט ער זיך אַוועק אויסטענהן — דו ווייסט

מיינע ערלעכע כוונות דיך צו דינען בלב ונפש און נישט זיין אונטערגע־וואָרפן צו מענטשן. העלף מיר אין מיין גורל־שעה, איינציקער דו!

★

דער גרויסער קופּערנער קעסל האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן, קאָכן און זידן. ענדלעך זענען שוין אויפגענומען באַשטעלונגען און געקומען זענען בייע מיט גרויס שפע. אברהמעלע האָט שוין געקענט באַטראַכטן זיינע סוחרישע אַוואַנטורעס ווי א שלעכטן חלום.

אַ שאַרפער קלונג אין טיר האָט איבערגעריסן אברהמעלעס חזיונות. דוד שווירץ און אלעזר כהן האָבן איבערגעגעבן א בריוו פון דער ווישעגראָדער קהילה און זענען אוועק ווי פינצטערע שליחים. אין יענעם טאָג האָט אברה־מעלע דעם בריוו נישט געעפנט.

פון דעם בריוו האָט אברהמעלע ארויסגעלייענט די אויפפאָדערונג צוריק־צוקומען קיין ווישעגראַד. עס רעדט זיך דאָרט פון מאירל שוחט, באשר איינער אַליין איז אים שווער. מע וואַרט אויף אים, אברהמעלען, ער זאָל צוריקקומען אין משך פון צוויי וואָכן — דער איינציקער און לעצטער טערמין. טאָמער נישט, פאַרלירט ער די רעכט אויף חזקה. קיין שום תביעה פון זיין זייט וועט נישט זיין גילטיק. ליתר תוקף שרייבן זיך אונטער הונדערט בעלי־בתים פון שטאָט...

אברהמעלע לייענט דעם בריוו און גלייבט נישט זיינע אויגן: אכצן יאָר געדינט ביי זיי, אלע זיינע כוחות דאָרט אוועקגעלייגט און היינט ווילן זיי אים אָפּזאָגן רעכט אויף חזקה? בעלי־בתים, קצבים, פּורמאַנעס און ווילע יונגען, צוזאַמען מיט עטלעכע דאָזאָרעס און אלעזר כהן, דעם ליסער רבס איי ניקל.

— זע, ביילע, ווי עס זעט אויס די לעצטע אַטאַקע פון גורל, ווי זאָל דאָס האַרץ נישט וויינען?

— כ׳האָב געאַנט, ענטפערט די פרוי, ווּעסט ווייט אַוועק און היינט, ווער ווייסט, צי וועלן מיר נישט מוזן צוריק?

צוליב גרויסע באַשטעלונגען האָט אברהמעלע געוואָלט טרייבן דאָס ראָד

★

האַסטיקער. אַ גאַנצע וואָך ארומגעפּאַדעט איבער די וואַרשעווער געוועלבער איינצוקויפן די נייטיקע פיר פּוד קאָקוס. זינט דער דייטש איז דאָ איז א מאנגל אין קאָלאָניאַלע סחורות. מיט אָליוון־אייל און אנדערע כעמיקאַלן איז לייכטער.

מיט אַ מאָל כאַפּט ער זיך אַז ער האָט נישט מער ווי פיר טעג צו שפּילן אויף דער מערכה — יאָ געלינגען, נישט געלינגען. צי וועט ער באַווייזן אין די פּאָר טעג אויסצואַרבעטן די באַשטעלונגען און פארבלייבן אין ווארשע ? אָדער מוזן פאָרן אויף א קורצער צייט קיין ווישעגראַד פארקויפן די חזקה ?

עס איז דער לעצטער טאָג וואָס ער האָט נאָך די ברירה : יאָ פאָרן, אָדער נישט פאָרן. דעם גאַנצן טאָג ביז מנחה־צייט שטייט ער מיט אויפגעריסענע אויגן ביים ריזיקן קעסל וואָס היצט און צוואַלעוועט ווי ס'גיהנום און די באַ־שטימטע מינים ביים פאַרקאָכן פאַראייניקן זיך נישט.

די צוויי עלטערע זין, גרשון און חיים, שטייען, אויסגעטון ביז די העמ־דער און מישן מיט לאַנגע, הילצערנע קאָכלעפל און — געוואַלט ! — זיי ווערן נישט פאַרלאָמט נאָר געריבנצלט !

נאָך מעריב וויל אברהמעלע נישט עסן די וועטשערע, נאָר שטייט נאָענט ביים קעסל מיט א תהילימל אין האַנט און שעפּטשעט קוים מיט די ליפּן די איינציקע דריי ווערטער : מאין יבוא עזרי ?

פון זיינע פאַרמאַכטע אויגן רייסן זיך דורך גרויסע טרערן — טרערן אויף הילף און פון חרטה פאַר וועלן אַנטלויפן פון באַשערטקייט.

ווען ס'האָט שוין געגומען טאָגן האָט זיין פּנים געפלאַמט מיטן ראַזלעכן אָפּגלאַנץ פון מאָרגנשיין און פון... טעמפּעראַטור.

אַ לענגערע צייט איז ער אזוי געשטאַנען און פּלוצלינג האָט ער א צעשאָקל געטון זיינע פּלייצעס און אויסגעשריגן :

— קינדער, די פּראַצע איז אַרויסצוואַרפן, מיר האָבן פאַרשפּילט, אָבער אונטערגעבן וועל איך זיך נישט ! כ'וועל זיך ראַנגלען ביזן לעצטן אָטעם !...

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTRÉAL
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה היהודית העממית